STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05693

ELYOHU TENENHOLTS'S YOYVL-BUKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

9/6/69

אליהו טענענהאָלץ'ס יובל-בוך

לכבוד פופציק יאָר פון זיין צוטראָג צום אידישן טעאַטער

אַרויסגעגעבן אין לאָס אַנדזשעלעס פון

אליהו טענענהאָלץ יובל-קאָמיטעט

אסתר הירשביין, ערן-פּאָרזיצערין

יוסף שפּיגלמאַן, פּאָרזיצער

רעדאַקציע

• זלמן זילבערצווייג • הערי לאַנג • א. באַביטש

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ., 1955

Elia Tenenholtz

JUBILEE BOOK

Published on the occasion of his 50 years
with the Yiddish Theatre

— ● —

Edited by

ZALME ZYLBERCWEIG
HARRY LANG
and
ABRAHAM BABITZ

— ● —

Los Angeles, Calif.

1 9 5 5


Max Band

טענעהאָלץ יובל קאָמיטעט

זיצנדיק (רעכטס צו לינקס): מרדכי מייזל, אסתר הירשביין, יוסף שפיגעלמאַן, אניטא פריינטליך־שעף, יוסף האָפמאַן, בען סוראַסקי, זלמן זילבערצוויג.

שטייענדיק (רעכטס צו לינקס): יוסף טיליס, סאָפי סוראַסקי, סעם צוקערמאַן, שרה גאַנז, אברהם באַביטץ, גאַסי און אהרן אייזנער, מאָריס מיצנער, י. ל. מאַלאַמוט.

פערזאָנען וואָס פעלן אויפן בילד: דזשאָזעף שילדקרויט, חיים שאַפּירא, בען סאַלניט, העַרי און ליוסי לאַנג און סעם ברייגין.

אַ פּאָר ווערטער פונם פּאַרזיצער

האָבנדיק דעם כבוד צו זיין דער פּאַרזיצער פון מיין ליבן חבר אליהו טענענהאָלצ'ס יובל־קאָמיטעט, פיל איך, אַז איך בין באַרעכטיקט אויסצודריקן אַ דאַנק צו אַלע מיינע חשובע מיטאַרבעטער, סיי אַרום דער טעאַטער־פאָרשטעלונג, און אויך אַרום דעם יובל־בוך.

וויל איך זאָגן אַ האַרציקן יישר־כח צו די חשובע דריי רעדאַקטאָרן: זלמן זילבערצווייג, הערי לאַנג, און א. באַביטש, וועלכע האָבן ניט געקאַרגט קיין מי און צייט צו מאַכן דאָס בוך אַזוי שיין און ווירדיק ווי דער בעל־יובל פאַרדינט.

אַ וואונדערלעכע אַרבעט האָט געטאָן די ערן־פּאַרזיצערין, אסתר הירשביין.

איך קען מיר אויך ניט צוריקהאַלטן און אויסדריקן מיין באַוואונדערונג און ספּעציעלן דאַנק צו אונזער גענעראַל־סעקרעטאַרשע, די חנעוודיקע אַניטאַ פריינדליך־שעף. איר מי און געטריישאַפט זיינען ניט אָפּצושעצן.

ניט ווייניקער אַרבעט האָט אַריינגעלייגט אונזער טעאַטראַל, מרדכי מייזעל; אונזער קאַסירער און פינאַנץ־סעקרעטאַר, שמואל ברייניז, און זיין שענערע און בעסערע העלפט, ליובאַ. צום שלוס וויל איך באַדאַנקען מאַלאָמוטן, פאַר זיין דינאַמישקייט; יוסף האָפמאַנען, אַלס פּאַרזיצער פון יובל־בוך; די אייראָפּס און סוראַסקיס פאַר מיט־אַרבעטערשאַפט; אַלע אָרגאַניזאַציעס, כלל־טוער, יחידים, און מיינע און דעם בעל־יובלס פּערזענלעכע פריינט.

איך פיל אַז די גאַנצע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן מיט חשיבות, מיט ליבשאַפט, און נאָר אַ דאַנק די אויסגערעכנטע און אַ סך וועמען איך האָב ניט דערמאָנט, וועלן די לייענער האָבן די באַפרידיקונג אַז מ'האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די פאַרדינסטן פון אונזער ליבן בעל־יובל, זאָל ער נאָר זיין מיט אונז אַ סך יאָרן און נאָך מער ווי ביז איצט צו־טראָגן צו אונזער יידישער דראַמאַטישער קונסט, און צו אונזער קולטור.

יוסף שפּיגעלמאַן

פּאַרזיצער פון אליהו טענענהאָלץ יובל־קאָמיטעט

דער בעל היובל

פון זלמן זילבערצווייג

1.

אַ סך יאָרן, שוין נאָכדעם ווי די גאַנצע טענענהאָלץ־פאַמיליע האָט זיך געפונען אין דער נייער היים, אין אַמעריקע, פלעגט אָנגיין אַזאַ דיסקוסיע צווישן טאַטע־מאַמע וועגן דעם יאָר אין וועלכן עליע איז אויף דער וועלט געקומען.

דער פאָטער, מענדל, פלעגט זאָגן:

— עליע איז געבוירן געוואָרן, ווען ס'איז אויסגעבראָכן דאָס פייער ביי יאַנקל קאָוואַל... דאָס איז געווען אין יאָר...

און די מאַמע, רבקה, פלעגט אים דערויף ענטפערן:

— ניין, מענדל, דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט. דאָס איז געווען ווען די ראַבע קו האָט זיך געקעלבט, ס'איז איינגעפאַלן אַ באַלקע פון שטאַל און צעבראָכן אַ קליב. איך געדענק עס אַזוי ווי היינט, דאָס איז געווען אין יאָר...

קיין גענויע דאַטע איז קיינמאָל פון דער הייסער דיסקוסיע צווישן טאַטע־מאַמע נישט אַרויסגעקומען, איז ווען עליע האָט געדאַרפט פאַרן „טעאַטער־לעקסיקאָן" אָנגעבן אַ דאַטע, האָט ער אָנגעגעבן: „17טן פעברואַר, 1890." איצט, ווען ער קוקט אויף צוריק אויף זיין לעבן און רעכנט, האַלט ער, אַז עס איז אַ טעות אין חשבון. ער קער זיין עלטער מיט גאַנצע דריי יאָר.

אָבער אויב וועגן דער דאַטע פון געבוירן קאָן זיין אַ טעות, איז עס זיכער, אַז אויף דער וועלט געקומען איז עליע טענענהאָלץ אין אַזיראַן, אַ קליינער ישוב אין וואָלינער געגענט. דער פאָטער איז געווען אַ וואַלד־סוחר, אַ משכיל. די מאַמע, אַ היימישע יידישע פרוי, און ביז 18 יאָר נאָך איר חתונה האָט זי אויף דער וועלט געבראַכט 3 מיידלעך—גאָלדע, אסתר און מלכה. עליע איז געווען דער ערשטער, דער בכור. ערשט נאָך 18 יאָר איז געקומען נאָך אַ יינגל: מאיר, געבוירן טאַקע אין אַמעריקע, און נאָך אַ מיידל, באַסיע.

ווי דער מנהג איז געווען, האָט עליע געלערנט אין חדר, יידיש ביי אַ „שרייבער” און ביי פּריוואַטע לערער—רוסיש, העברעאיש, חשבון און אַביסל דייטש. דאָס שטיקל פּרנסה האָט געקראָגן אַ קלאַפּ, און ווי אַ סך יידן אין יענער ציים, האָט זיך דער פאָטער אַ לאָז געטאָן אין „גאָלדענעם” לאַנד. דאָ איז פון וואַלד־סוחר געוואָרן אַ שאַפּ־אַרבעטער, אָבער ער האָט אַלץ פאַר ליב גענומען, אַבי עס איז אים עטלעכע יאָר שפּעטער געלונגען אַהערצוברענגען די גאַנצע משפּחה. דאָ האָט עליע געלערנט אין פּאַבליק סקול, דערנאָך אין איווינינג סקול, אָבער ער האָט גערדאַרפט העלפן צום שטיקל ברויט און בייטאָג האָט ער געאַרבעט אין אַ שאַפּ אַלס „טרימער” ביי שלייקעס, דערנאָך ביי אַ סיגאַר־מאַכער.

אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע, יידיש טעאַטער און יידישע יוניאָנס אין אַמעריקע פאַרנעמען די סיגאַר־שעפער אַ גרויס אָרט, ווייל אין אַ סך פון אָט־די שעפער זיינען אויפגעצויגן געוואָרן אַזעלכע וועלכע האָבן שפּעטער פאַרנומען גאָר באַדייטענדע פּאָזיציעס אין די אַלע ערטער. ביי דער אַרבעט אין די סיגאַר־שעפער האָט מען געזונגען יידישע טעאַטער־לידער, דיסקוטירט אַרבעטער פּראָבלעמען און דעקלאַמירט יידישע פּאָעזיע אָדער רעציטירט פון דער יידישער ליטעראַטור. און די וועלכע האָבן געפילט אַן אינערלעכן דראַנג, זיינען געגאַנגען ווייטער, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דראַמאַטישע גרופּעס, אריינגעטראָטן אין יוניעס און זיך גענומען דאָרט קהלן אָדער זיך אָנגע־הויבן דרייען אַרום יידישע רעדאַקציעס ביז זיי האָבן באַקומען דאָרט אַ דריסת הרגל. עליע איז אויך געווען איינער פון זיי. פון דער פּריעס־טער יוגנט האָט ער גענומען מיט אַ גוואַלדיקן חשק און פאַרערונג ליי־נען יידישע ליטעראַטור און באַזוכן יידיש טעאַטער, און אויף דער רעקאָמענדאַציע פון יואל ענטין, איז ער אַריינגענומען געוואָרן אין דעמאָלטיקן „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב”, די אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אייניקע זייער טאַלאַנטירטע יידישע שוישפּילער, וועלכע האָבן זיך אין די שפּעטערע יאָרן פאַרבונדן מיטן בעסערן טעאַ־טער און האָבן אויך דערצויגן אַ פּובליקום פאַרן ערנסטן יידישן טעאַטער.

אין אָנהויב פלעגט עליע בלויז אויפטרעטן ווי אַ דעקלאַמאַטאָר אָדער ווי אַ פאָרלייענער פון שלום־עליכמס מעשות, אָבער דעם 23טן פעברואַר 1906 טרעט ער אויף אין ניו־יאָרקער מאַנהעטן לייסעאום אויף אַ בענעפיט־פאָרשטעלונג אין אַן אינטריגאַנטן־ראָלע אין ליבינס פּיעסע „דוד און זיין טאָכטער” (רעזשי—אייב ראָוז), און נאָכן באַקומען אַ געוויסע סצענישע צוגרייטונג אין דער פּריוואַטער דראַמאַטישער שול

פון מאַדאַם מאַרגענראַט, האָט ער אָנגעהויבן כסדר זיך באַטייליקן אין די אויפירונגען פון „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב״ („חיים״ אין שלום עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט״, „הינדעס״ אין פּינסקיס „גליקס־פּאַרגעסענע״, דוד״ אין ארנשטיינס „דאָס אייביקע ליד״, „שלום עליכם״ אין שלום עליכמס „אַן עצה״, „בראון״ אין הויפּטמאַנס „איינזאַמע מענטשן״, „מליצקי״ אָדער „דזשאַרסקי״ אין פּשיבישעווסקיס „צוליב גליק״, „ראָבערט״ אין הויפּטמאַנס „דאָס פרידענס פעסט״ א. אַ.).

ניט געטראַכט פון פאַרוואַנדלען דאָס טעאַטער־שפּילן אין אַ פּראָ־פעסיע, האָט ער אָבער פאַרט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער ליטעראַריש־דראַמאַטישער סביבה און אין 1908 איז ער געוואָרן דער מענעדזשער פון „קונדס״, אָבער קיין לעבן דערפון האָט מען נישט גע־קאָנט מאַכן, איז ער גלייכצייטיק אויך געווען אַן אינשורענס אַגענט און מיט הפסקות (ביז 1912) זיך ווייטער באַטייליקט אין „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב״. צוליב מיינונגס־פאַרשידענהייטן גרינדעט ער, צוזאַמען מיט לואיס וויסבערג, יידל דובינסקי און מלכה קאָרענשטיין די „פּראָגרעסיווע יידישע פאָלקסבינע״, וואו ס׳זיינען על פּי רוב געשפּילט געוואָרן ליטעראַרישע איינאַקטערס. אָבער דער ברוגז צווישן די צוויי גרופּן האָלט לאַנג נישט אָן און זיי פאַראייניקן זיך ביידע.

אין 1911 האָט עליע דעביוטירט אין „קונדס״ אונטערן פּען־נאָמען: „אולריק ברענדעל״ מיט קיבעץ־קריטיקס איבערן יידישן טעאַטער און דערנאָך דאָרט אָפט פאַרעפנטלעכט טעאַטער־קריטיק און פעליעטאָנען אונטערן נאָמען „מוישע מעקאַרטי״, שפּעטער איבערגעגאַנגען אין „קיביצער״ און דאָרט פאַרעפנטלעכט אין אַ הומאָריסטישער פאָרם ביאָ־גראַפיעס פון יידישע טעאַטער־פּערזענלעכקייטן (מוסטערן פון די דאָזיקע אַרבעטן וועט דער לעזער געפינען אין צווייטן טייל פון דעם בוך, אין עליעס שריפטן).

.2

די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, די רעאַקציע דערנאָך און דער שווע־רער עקאָנאָמישער צושטאַנד אין יידישן תחום המושב אין דער צאַרישער אימפּעריע רופן אַרויס אַ גרויסע עמיגראַציע קיין אַמעריקע. טויזנטער יידן קומען אַריין יעדן טאָג. מיט יעדער שיף קומען אָן נייע יידישע טעאַטער־באַזוכער און לייענער פון יידישע צייטונגען. עס מערן זיך יידישע טעאַטערס און דער ווילן צו שפּילן טעאַטער ביי די צענדליקער אַמאַטאָרן און מיטגלידער אין דראַמאַטישע געזעלשאַפטן, אַלס פּראָפעסי־

אַנאַלן, הויבט אָן באַקומען אַלץ גרעסערע מעגלעכקייטן. אָבער דאָ הייבט זיך אָן אַ געשיכטע מיט יוניע געזעצן, מיט פאַרשריפטן, מיט פאַרמאַכטע טויערן, מיט עקזאַמענס און אַנדערע שוועריקייטן, וואָס נאָר די שטאַרקערע נאַטורן און די מער פאַרעקשנטע זיינען בכח געווען דורכצוברעכן.

בערך 1914 שפילט עליע פּראָפעסיאָנעל אויפן סעקאַנד עוועניו רוף גאַרדן מיט סעם שניידער און דזשעני גאָלדשטיין. אין 1916 ווערט ער אָנגענומען ווי אַ מיטגליד אין דער אַקטיאָרן יוניע (לאָקאַל 1) און פאַרט אַרום איבער דער פּראָווינץ מיט דוד קעסלער, שפּילנדיק אין גאַרדין רעפּערטואַר. דעם סעזאָן 1916-17 שפּילט ער אין ניו־יאָרקער פּיפּלס טעאַטער ביי בעסי טאָמאַשעווסקי. גלייכצייטיק ווידמעט ער זיך ווייטער דער פען, ווערט אַ מיטאַרבעטער אין לואי מילערס „דיא וואַרהייט", וואו ער אַרבעט איינציקע יאָר און פאַרעפנטלעכט דאָרט (6 נאָוועמבער, 1918) „דאָס פרייע רוסלאַנד, אַ בלוטיקער שפּאַס אין איין אַקט, פריי נאָך וויליאַם פּראָססער." אָבער געצויגן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, וואָס איז דערגאַנגען ביז אַ סענסאַציע, איז געווען זיין אָנשרייבן די זכרונות פון בעסי טאָמאַשעווסקי, וואָס זיינען פריער (16-1915) פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „דיא וואַרהייט" און באַלד דערויף דערשינען אין אַ סעפּאַראַט אויסגאַבע אונטערן נאָמען: „מיין לעבענס־געשיכטע, דיליידען און פריידען פון אַ אידישע סטאַר אַקטריסע, פון בעסי טאָמאַשעווסקי, געשילדערט פון איהר אַליין און איבערגעגעבען פון א. טענענהאָלץ. אַרויסגעגעבן פון דיא וואַרהייט פּאַבלישינג קאָמפּאַני, ניו־יאָרק 1916" (304 ז"ז). דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איז פאַקטיש געווען די ערשטע סעפּאַראַט־אויסגאַבע פון אַקטיאָרישע זכרונות, איז דערשינען אין עטלעכע אויפלאַגעס.

אין סעזאָן 1917-18 שפּילט ער ביי אַדלערן אין גרענד טעאַטער, אַלץ אין דעם נאָרמאַלן רעפּערטואַר, אַ געמיש פון גאָרדין, ליבין, איבערזעצונגען און אויך מעלאָדראַמען פון פאַרשידענע פּיעסן־שרייבער. אין סעזאָן 1917-18 קומט פאָר אַ געשעעניש אין יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, וואָס ענדערט דעם גאַנצן גאַנג פון טעאַטער אויף אַ סך יאָרן. מאָריס שוואַרץ אין אירווינג פּלייס טעאַטער, וואָס ער האָט געעפנט מיט ליבינס אַ פּיעסע, מאַכט אַ רעוואָלוציע און עפנט די טויערן פאַרן ליטעראַרישן יידישן דראַמאַטיקער. פּרץ הירשביינס „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל" און „שמידס טעכטער" האָבן אַזאַ גרויסן דערפאָלג, אַז פון דעמאָלט אָן הייבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. עס ווערט דערפון געשאַפן „דאָס יידישע קונסט טעאַטער. עליע טענענהאָלץ ווערט באַלד אַנגאַזשירט צו מאָריס שוואַרצן אין

טעאַטער, וואו ער באַקומט צוערשט די ראָל פון „כאַצקל" און נאָכדעם „נח" אין הירשביינס „אַ פאַרוואָרפן ווינקל". אָבער ווען די טרופּע פּאָרט אַרויס איבער דער פּראָווינץ, שפּילט ער כסדר שוין די ראָל פון „נח". יענעם סעזאָן און אויך אַ סעזאָן שפּעטער שפּילט עליע וויכטיקע ראָלן אין שוואַרצס אויפפירונגען פון משה נאַדירס „סוקסעס", גאָרקיס „נאַ דניע", שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער", און די יידישע טעאַטער קריטיק הייבט זיך אָן מיט אים רעכענען ווי מיט אַן ערשטן ערנסטן שוישפּילער.

דאָס יידישע טעאַטער האָט דעמאָלט נישט נאָר צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער טעאַטער־קריטיק, נאָר טעאַטער־קריטיקער פון דער ענגלישער פּרעסע און אויך טעאַטער־דירעקטאָרן פון דער אַמעריקאַנער בינע פלעגן אָפט באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער און דאָרט זוכן טאַלאַנטן פאַרן אַמעריקאַנער טעאַטער, און אַזוי איז אויך זייער אויג געפאַלן אויף עליען און אין 1920-21 האָט ער געשפּילט 12 וואָכן אין ענגליש מיט לואי מען אין ניו־יאָרקער אַסטאָר טעאַטער, אין סעם שיפּמאַנס „דהי אָנריטן טשעפּטער", און דעם זעלבן סעזאָן אין יידיש אין ברוקלינער ליריק טעאַטער, וואו ער פירט אויך אויף הירשביינס פּיעסן. אין 1921-22 האָט עליע געשפּילט מיט לודוויג זאַץ, אונטער מאַקס ווילנערס דירעקציע, אין אירווינג פּלייס טעאַטער, און ווידער דריי סעזאָנען (1922-25) אין יידישן קונסט־טעאַטער ביי שוואַרצן, וואו עס קומט אים אויס צו שפּילן זייער וויכטיקע ראָלן אין אַזעלכע פּיעסן פון „קרייצער סאָנאַטאַ"—יעקב גאָרדין; „גנבים" און „דעמבעס"—פישל בימקאָ; „די וואַרהייט"—יעקב גאָרדין; „מיעשטשאַניע"—מאַקסים גאָרקי; „מרס. וואָרענס פּראָפעשאָן"—בערנאַרד שאָו; „דיבוק"—אַנסקי; „אָנקל וואַניאַ"—טשעכאָוו; „שבתי צבי"—זשולאַווסקי; „די 7 געהאַנגענע"—ל. אַנדרעיעוו; „דער בלוטיקער געלעכטער"—ע. טאָלער; „וועלף"—ראָמאַן ראָלאַן; „שמאַטעס"—ה. לייוויק; „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" און „שמידס טעכטער"—פּרץ הירשביין.

עליע באַטייליקט זיך אויך אין טריומף־טורנעע פון דער טרופּע איבער מערב אייראָפּע. אין דער צייט ווערט אין ניו־יאָרק געפייערט דער 50 יאָריקער יובל פון יידישן טעאַטער. די יידישע אַקטיאָרן־יוניע גיט אַרויס אַ זמלבוך „אידיש טעאַטער" (80 ז. 1923) און עליע ווערט באַשטימט אַלס רעדאַקטאָר פון דאָזיקן זאַמלבוך, וואָס ברענגט אַ גאַנצע ריי וויכטיקע אַרטיקלען צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער.

עליע איז בכלל געווען זייער אַקטיוו אין דער יידישער אַקטיאָרן יוניע. אַזוי איז ער צוויי מאָל געווען וויצע־פּרעזידענט און במשך פון

4 יאָר—פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פון דער עקזעקוטיווע און מיטגעהאָלפן גרינדן אַ ביבליאָטעק ביי דער אַקטיאָרן־יוניע, און אין 1925־26 ווערט ער דער מיטגרינדער און דער פּרעזידענט פון טעאַטער־מוזיי אין ניו־יאָרק, וואָס איז שפּעטער טיילווייז אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער ייווא.

אין 1925־26 ווערט עליע צוזאַמען מיט סעמיועל גאָלדענבורג און ציליע אַדלער דירעקטאָר פון אַמפּיאָן טעאַטער אין ברוקלין, וואָס איז פריער געווען אַ נישט־יידישער טעאַטער, אָבער סעם אויגענבליק דער אייגנטימער, פאַרוואַנדלט עס אין אַ יידיש טעאַטער. אינמיטן סעזאָן פאַרלאָזט גאָלדענבורג דאָס טעאַטער און עס בלייבן בלויז די צוויי אַנדערע שותפים. אַנטוישט פון די געשעפטן אין יידישן טעאַטער און פון דעם נייעם אויפשוואונג פון דער יידישער מעלאָדראַמע, פאַרלאָזט עליע דאָס יידישע טעאַטער און גלייכצייטיק די יידישע מעטראָפּאָליע פון אַמעריקע—ניו־יאָרק. ער טראָגט זיך איבער צום צווייטן עק פון לאַנד—קיין לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

.3

לאָס אַנדזשעלעס איז דעמאָלט נאָך נישט געווען קיין אינדוסטריע שטאָט. די איינציקע אינדוסטריע וואָס זי האָט אַנטוויקלט און מיט וועלכער זי איז געווען כמעט אַ בת־יחידה איבער גאַנץ אַמעריקע, איז געווען די פילם־אינדוסטריע, דעמאָלט נאָך אַ שטומער, בלויז אַ באַוועג־לעכער פילם, איז ער אָבער געוואָרן דער ליבלינג צווישן צענדליקער מיליאָנען אַמעריקאַנער און איבער דער גאַנצער וועלט. אַ גאַנצע ריי שוישפּילער פון דער בינע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום פילם. עס זיינען אָבער צוגעקומען אַ סך ספּעציעלע שוישפּילער וואָס זיינען פריער אינ־גאַנצן נישט געווען פאַרבונדן מיט דער שוישפּילער־קונסט און עס זיינען אויך געעפנט געוואָרן טיר און טויער פאַר שוישפּילער פון אַנ־דערע בינעס, וואָס זייער פיגור, אויסזען און טעכנישע אַקטיאָרישע פעאיקייטן זיינען געווען צוגעפּאַסט צום פילם, און עליע טענענהאָלץ איז געווען פון די סאַמע ערשטע יידישע שוישפּילער וואָס זיינען צוגע־צויגן געוואָרן צו דער נייער קונסט אינדוסטריע. ער איז געוואָרן אַ פילם־אַקטיאָר מיט אַ לאַנגיאָריקן קאָנטראַקט אין דער „מעטראָ גאָלדווין מייער קאָמפּאַני. אָבער דאָ האָט זיך באַלד אָנגעהויבן די באַרימטע געשיכטע מיטן נאָמען. דער ענגלישער פילם קאָן לייכט פאַרדייען דעם יידישן ט אָ ל אַ נ ט, אָבער שווערער איז אים אַראָפּצושלינגען דעם יידישן נ אָ מ ע ן. און עליע טענענהאָלץ איז איינגעגאַנגען אויף אַ לייכטער אָפּעראַציע. ער האָט זיין נאָמען נישט געביטן, נאָר אים

צעטיילט אין צוויי טיילן, און עס איז פון אים געוואָרן „טענען האָלץ״, טענען, ווי דער ערשטער פּריוואַטער נאָמען, און האָלץ, ווי דער פאַמיליע־נאָמען, און מיט דעם נאָמען האָט ער 5 יאָר געשאַפן אין דער פילם־וועלט און געשפּילט בערך אין 60 פילמען. אַזעלכע פילמען ווי „לייטעסט פראָם פּעריז״, מיט דזשאָרדזש סידני און נאָרמאַ שירער; „שאָופּיפּל״ מיט מעריאָן דעיוויס; „לאָוו״ (טאָלסטאָיס „אַננאַ קאַרעַנינאַ) מיט גרעטאַ גאַרבאָ און דזשאָן באַרימאָר, „דהי טרעיל אָוו 98״ מיט דאָלאָרעס דעל ריאָ; „פּריסקאָ, סאַלי ליווי״ מיט סאַלי אָ׳ניעל; פילמען מיט רעימאָן נאָוואַראָ, און אַנדערע.

במשך פון דער צייט איז עליע איינמאָל בלויז אויפגעטראָטן אין יידיש, אין גאָרדינס „דער אומבאַקאַנטער״, און זיין בענקשאַפט צום יידישן וואָרט אויסגעדריקט מיט דער גרינדונג פון לאָס אַנדזשעלעס יידישן קלוב, וואו ער האָט אויך געגרינדעט אַ דראַמאַטישע סעקציע, אין וועלכער ער האָט אַמעריקאַנער יידישע קינדער אויסגעלערנט דעקלאַמאַציעס און רעציטאַציעס פון יידישע שריפטשטעלער.

אין 1931 ווערט ער אַ מיטגרינדער פון אַן אינטים יידיש קונסט טעאַטער אין לאָס אַנדזשעלעס, וואו ס׳ווערן געשפּילט גאָטעספּעלדס „פּרנסה״ און הירשביינס „אַ פאַרוואָרפענער ווינקל״. אין 1932 פאָרט ער קיין ניו־יאָרק און ווערט דאָ דער אָרגאַניזאַטאָר און מיטגרינדער פון „יידישן אַנסאַמבל קונסט טעאַטער״, וואו ער שפּילט די ראָל פון „תנחום״ און לייוויקס „גולם״, און „קאַפּיטאַן נעזעלאַסאָף״ אין „דער געפּאַנצערטער צוג.״ וועגן אָט־דער ראָלע האָט אַב. קאַהאַן געשריבן אין „פאָרווערטס״ (דעצעמבער 2, 1931)׃ „די הויפּט־פיגורן אין דער פּיעסע זיינען „ווערשינען״ אויף דער זייט פון די רעוואָלוציאָנערן און „קאַפּיטאַן נעזעלאַסאָף״ אויף דער זייט פון דער ווייסער אַרמיי. ווי די דראַמע איז אויפגעשריבן, קומט אויס אַז נעזעלאַסאָפס ראָלע איז די וויכטיקסטע, ער האָט מער צו ריידן און אויך מער צו שפּילן. אין דעם יידישן אַנסאַמבל טעאַטער האָט זיך אָט־די ראָלע יעדנפאַלס מער אָנגעזען. די ראָלע פירט דורך טענענהאָלץ. ער האַלט זיך אויסגעצייכנט. עס קומט אַרויס אַן איבערצייגנדיקער פּאָרטרעט פון אַ רוסישן אינטעליגענט מיט אַ וואַקלענדיקער נשמה און אַ דראַמאַטישן צוזאַמענשטויס מיט זיך אַליין. טענענהאָלץ׳ס שפּילן פאַרשאַפט עסטעטישן געַנוס.״

דאָס טעאַטער עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט און עליע פאָרט צוריק קיין לאָס אַנדזשעלעס.

אין 1934 ווערט עליע אַרויסגערופן קיין ניו־יאָרק פון דעם רעזשיסאָר גאַטרי מעקליגטיק צו שפּילן אויף דער אַמעריקאַנער בינע, צוזאַמען מיט דזשודיט העגדערסאָן, דזשימי סטואַרט און העדאַ האָפּער אין עטל באַרימאָרס טעאַטער, אין דער פּיעסע „דיוויידעד ביי טהרי". די פּיעסע האָט נישט קיין גוואַלדיקן דערפאָלג. עליע פאָרט צוריק קיין לאָס אַנדזשעלעס. סוף יאָר 1936 ווערט ער ווידער גערופן קיין ניו־יאָרק צו שפּילן אויף בראָדוויי, אָבער ער ווערט פאַרהאַלטן פון זיין אַלטן פריינט מאָריס שוואַרץ צו שפּילן די ראָל פון „יאָסעלע פרנס" אין פרעגערס „וואַסער־טרעגער" און אין דער פּיעסע „זשאַק בערסאָן." איידער יענער סעזאָן קומט צום שלוס ווערט ער צוריקגערופן קיין האליוואוד צו שפּילן אין פילמס.

דער פילם גייט אַרויס פון זיין שטומען צושטאַנד. עס קומט שנעל דער איבערגאַנג צו די „טאָקיס"—רעדנדיקע פילמען, און אויך דאָ ווערט עליע אַנגאַזשירט צו די וואָרנער בראָדערס צו שפּילן די ראָל „לעניך", מיט לעסלי האָוואַרד אין „דהי בריטיש איידזשענט", אָבער ווידער קומט אַ נייע אַנטוישונג. עס הייבט זיך אָן די פּעריאָד פון „ביטס": אַקטיאָרן ווערן אין דער מואווי אינדוסטריע נישט אַנגאַזשירט פאַרן סעזאָן, נאָר פאַר ספּעציעלע ראָלן, און ווערן, לויט זייער אויסער־לעכקייט, איינגעטיילט און קאַטאַלאָגירט אַלס ספּעציעלע „ביטס". מען פאַרדינט דערביי גאַנץ לייטיש, אָבער עס איז אַן אויפרעגענדע סיטואַציע מיט וואַרטן ביז עס קומט דער פּאַסיקער מאָמענט. און ווידער מאַכט עליע אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין זיין לעבן. ער וואַנדערט נישט אַוועק פון לאָס אַנדזשעלעס, אָבער ער פאַרלאָזט די שטאָט, דעם גרויסן ישוב, און ווערט—אַ פאַרמער, אין אַ שכנותדיקן ישוב, אין מאָנראָוויאַ.

אין עליעס לעבן, אין זיינע וואַנדערונגען, מיט זיין ווייב עטל און זייערע צוויי טעכטער, מ ר י ם און נ ע מ י, איז אים, ווי ער זאָגט, „געווען אָפּט גוט־פּאַסקודנע—ניין, טאַקע אין דר'ערד מיט די קאָפּיטעס און שיער נישט געפּעכניעט אויפן פּיסק"... נאָר קיינער האָט דערפון ניט געוואוסט, אַ חוץ די שוועסטער גאָלדע, זי איז אים בייגעשטאַנען אין יענע נויטן, און ער געדענקט עס מיט ליבע און דאַנק צו זיין גאָלדען, זיין שוועסטער.

די גאַנצע צייט וואָס עליע איז אַ פאַרמער און גיט זיך אָפּ אין מאָנראָוויאַ מיט הינער־צוכט און שעמט זיך גאָרניט, ווי „טוביה" להבדיל מיטן פערדל, אַריינצוקומען אין לאָס אַנדזשעלעס און פאַרקויפן די פּראָדוקטן פון זיינע הינער, לעבט ער זיך אויס געזעלשאַפטלעך און

גייסטיק אין לאָס אַנדזשעלעס. מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, נאָך טעג פון שווערער פיזישער אַרבעט, האָט ער צו יעדער געלעגנהייט זיך געשטעלט אין רשות פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס היטן אָפּ דאָס יידישע וואָרט, און ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגעטראָטן מיט רעציטאַציעס און פאָרלייענונגען, באַזונדערס פון שלום עליכם, און אויך געפּרואווט מערערע מאָל אויפירן גאַנצע פּיעסן און איינאַקטערס אין יידיש. צווישן אַנדערע אויפירונגען, מיטן דראַמאַטישן קרייז ביים קולטור־קלוב: „טאָג און נאַכט" פון אַנסקי; מיטן דראַמאַטישן קרייז ביים פעירפעקס יידישן קאָמיוניטי צענטער, אַשענדאָרפס „דער זעלבער גורל", און מיט פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן אין אַקטואַליזירטע באַאַרבעטונגען, קאָברינס „צוריק צו זיין פאָלק" מיט דר. פּאָול באַראַטאָוו, און „דעם דאָקטאָרס ווייבער" מיט צילע סילווער אַלס „מינקע די דינסטמויד."

זיצט איצט עליע ביי מיר און ענטפערט מיר אויף געוויסע פראַגן וועגן דאַטעס און פאַקטן און איך פיל ווי אין די עטלעכע שעה גייט ער נאָכאַמאָל דורך זיין גאַנץ לעבן. פלוצלינג ווערט ער שטיל און גייט איבער אין אַן אַנדערן טאָן, און ווערט זייער ערנסט:

— דאָס איז געווען אין דער צייט ווען איך האָב מיט זאַצן געשפּילט אין אוירוווינג פּלעיס טעאַטער, קומט אַמאָל צו אונז אין גאַרדעראָב אַריין דער אַלטער אַקטיאָר, לייזער צוקערמאַן, וועלכער איז געוואָרן נאָך אַן אַקטיאָר ביי גאָלדפאַדענען און איז אויף זיינע עלטערע יאָרן געווען אויף „קעסט" ביי טאָמאַשעווסקין, און לייגט אַריבער די הענט איבער אונז, ווי ער וואָלט אונז געבענטשט, און זאָגט: „איר ווייסט, אַז איצט קאָן איך שוין שטאַרבן. אַ גאַנץ לעבן האָב איך געשפּילט באַלאַגאַן, און איך האָב מיר געטראַכט, צוליב וואָס האָב איך גאָר אינגאַנצן געלעבט? וואָס האָב איך אויפגעטאָן? אָבער איצט, אַז איך האָב געזעען ווי אַזוי איר שפּילט און וואָס איר שפּילט, האַלט איך אַז איך האָב נישט געלעבט אומזיסט און איצט מעג איך רואיק שטאַרבן."

— אַקעגן וואָס דערציילט איר מיר דעם עפּיזאָד? — פרעג איך עליען.

אָבער אַנשטאָט אַן ענטפער, צעוויינט זיך עליע פּלוצלינג ווי אַ קליין קינד און זאָגט: — מיר איז דאָך ערגער ווי דעם אַלטן צוקערמאַן. ער האָט אונז כאָטש איבערגעלאָזט. ער האָט געפילט, אַז ער האָט געלעבט פאַר עפּעס. אָבער איך? פאַרוואָס האָב איך געאַרבעט? וואָס האָבן מיר דערגרייכט מיט אונזער יידיש טעאַטער?

און ער קאָן זיך נישט באַרואיקן.

איך קוק אויף עליען, אויף דעם שטענדיק לאַכעדיקן עליען, אויף דעם וועלכן האָט אַזויפיל יאָרן אַזויפיל טויזנטער יידן געמאַכט לוסטיק און פריילעך דורך ריינעם, קינסטלערישן הומאָר און איך באַגרייף זיין טראַגעדיע, די טראַגעדיע פון די בויער און מאַרטירער פאַרן בעסערן יידישן טעאַטער, פאַרן ריינעם קינסטלערישן וואָרט, און איך פּרואוו אים טרייסטן, אַז ער האָט זיין חלק געטאָן. ער האָט זיין ביישטייער געגעבן און אויב די יידישע בינע אין אַמעריקע האָט געהאַט אַ פיינעם, ריינעם, קינסטלערישן פעריאָד, האָט ער געהאַט אין דעם אַ גרויסן חלק און דאָס דאַרף זיין פאַר אים אַ טרייסט און אַ באַרואיקונג און אַ באַרעכטיקונג צו פילן זיך ווי אַ בעל־שמחה צו זיין יובל.

אליהו טענענהאָלץ

(לכבוד פופציק יאָר פון זיין צוטראָג צום יידישן טעאַטער *)

פון שלום פּערלמוטער

דער פופציק יאָריקער יובל פון אליהו טענענהאָלץ פאַרצייכנט ניט דעם דאַטום ווען ער איז געבוירן, נאָר די צייט ווען ער איז געוואָרן אַ יידישער שוישפּילער און די טעטיקייטן אין זיין לעבן אין דער טעאַטער־פּראָפעסיע.

אַ פופציק יאָריקער יובל ביי אַ יידישן שוישפּילער, איז אַ באַקוועמער דאַטום זיך אָפּצושטעלן אויף אַ מאָמענט, און אין דער שטילקייט, אין דער איינזאַמקייט פון זיין אייגענער נשמה, זיך אָפּ־געבן אַ שטיקל חשבון הנפש, וואָס ער האָט אין דער צייט פון זיינע טעטיקייטן אויפגעטאָן, וואוהין איז ער דערגאַנגען, וואָס האָט ער דערגרייכט, און וואָס וועט ער האָבן איבערגעלאָזט, ווען די צייט וועט קומען און ער וועט זיך דאַרפן שיידן מיט דעם, וואָס האָט יאָרן און יאָרן אָנגעפילט מיט פרייד זיין לעבן.

ס׳איז די טבע פון אַ סך מענטשן, איבערהויפּט פון קינסטלער, אַז ווען זיי דערגרייכן אַ געוויסן עלטער, הויבן זיי אָן טראַכטן מיט בענקשאַפט נאָך די אמאָליקע יאָרן. און אליהו טענענהאָלץ איז מסתמא אויך איינער פון זיי, ווייל זיין פאַרגאַנגענהייט איז דאָך זיכער אַ רייכע, און ווער פון אונדזער היינטיקן נייעם דור יידישע שוישפּילער האָט אַזויפיל צו דערציילן ווי ער?

שטעל איך מיך פאָר, אַז ווען טענענהאָלץ קען אמאָל ניט שלאָפן, ליגט ער זיכער אויף זיין געלעגער און טראַכט: אַי, אַמאָל, אַמאָל איז אַנדערש געווען. דאָס יידישע טעאַטער אַמאָל איז דאָך געווען אַ קולטור אינסטיטוציע. „איך געדענק — טראַכט ער — ווען איך האָב אָנגעהויבן אין 1905 אין דעם „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב״,

---

*) דאָס איז די לעצטע טעאַטראַלע אַרבעט פון שלום פּערל־מוטער, וועלכער איז דעם 19טן יאַנואַר, 1954, פּלוצים געשטאָרבן. דער אַרטיקל איז אָנגעשריבן געוואָרן עטלעכע טעג פאַר זיין טויט.

וואו איך בין אויפגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד, אויף דער רעקאָמענדאַציע פון יואל ענטין, און איך בין אַרויסגעטראָטן פאַר דעם דעמאָלט גרויסן יידישן טעאַטער־עולם מיט דעקלאַמאַציעס און מאָנאָלאָגן פון שלום עליכמען, און מיט איין יאָר שפּעטער, אין 1906, ווען איך האָב אָנגעהויבן אין מאַנהעטן לייסעאום שפּילן יידיש טעאַטער, און דערנאָך ווען איך האָב מיך באַטייליקט אין די אויפפירונגען פון די איינאַקטערס פון שלום עליכם, דוד פּינסקי, מאַרק ארנשטיין, געשפּילט אין הויפּטמאַנס „איינזאַמע מענטשן״, אין פּשיבישעווסקיס „צוליב גליק״, און אויך אין אַ סך אַנדערע ליטעראַרישע פּיעסן, וואָס דער קלוב האָט אויפגעפירט״. און אין דער פינסטער שפּיגלען זיך אָפּ פאַר זיינע אויגן פאַרשידענע בילדער פון דעם געוועזענעם „אַמאָל״, און אָט זעט ער:

יעקב גאָרדין, דער אומשטערבלעכער דראַמאַטורג, לעקטשורט פאַר די מיטגלידער פון „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב״, וועגן דער גריכישער דראַמע. ער דערציילט וועגן גריכישן טעאַטער, ווי אַזוי די פאָרשטעלונגען פלעגן געשפּילט ווערן ביי טאָג־ליכט, און סיי דאָס ריידן, סיי די באַוועגונגען פון די אַרטיסטן זיינען געווען טעאַטראַליש־פאַנטאַסטיש, און ווי אַזוי די כסדר׳דיקע מאַסקעס, וואָס די אַקטיאָרן האָבן געטראָגן ביים שפּילן, האָבן אונטערגעשטראָכן דעם טעאַטראַלן כאַראַקטער פון דער פאָרשטעלונג; ער לעקטשורט אויך וועגן „קונסט און קינסטלער״, וועגן טאַלאַנט און טאַלאַנטלאָזיקייט. און פּלוצים דערמאָנט ער זיך: ער איז ביי יעקב גאָרדינען אין דער היים, אין מעדיסאָן סטריט, ברוקלין. יעקב גאָרדין זיצט ביי זיין שרייב־טיש אין זיין שרייב־צימער און אליהו („עלי״ בלשון אשכנז) מיט נאָך עטלעכע מיטגלידער פון „קלוב״ זיצן אַנטקעגן אים. און גאָרדין מאַכט זיי באַקאַנט מיט דער אנטוויקלונג פון „טעאַטער״ אין אַלע זיינע עטאַפּן. ער דערציילט זיי, אַז די בינע האָט קיינמאָל נישט געזוכט צו פאַרלייקענען וואָס זי איז באמת, און זיך אויסגעבן פאַר עפּעס אַנדערש. דער אקטיאָר האָט זיך קינסטלעריש געקענט אויסלעבן און דערגרייכן אַ הויכע אַרטיסטישע מדרגה, אָבער נאָר דעמאָלט ווען ער האָט נישט פאַרלייקנט אַז ער איז אַן אַקטיאָר. גאָרדין מאַכט זיי אויך באַקאַנט מיט די אַלע גלגולים, וואָס דאָס טעאַטער האָט דורכגעמאַכט ביז עס איז אָנגעקומען צו אונדז אין דער פאָרם ווי מיר האָבן דאָס היינט. און ער דערמאָנט זיך אויך:

ווי קלאָר ס׳איז פאַר אים געווען, ווען ער האָט פאַרלאָזט יעקב גאָרדינס הויז; ווי ער האָט געוואוסט און פאַרשטאַנען וואוהין עס

עס שטרעבט דער מאָדערנער טעאַטער, די כוונות פון דעם פרימי־טיוון טעאַטער אַרויסצורופן עסטעטישע עמאָציעס, און ער האָט אויך געוואוסט צו וואָס ער שטרעבט, וואָס ער וויל דערגרייכן, און דאָס האָט אים געגעבן מוט און אַמביציע, און אָנגעפילט מיט פרייד זיין לעבן.

אָבער פלוצים דערמאָנט ער זיך אין דעם 10טן יוני, 1909: יעקב גאָרדין איז געשטאָרבן. ער זעט פאַר זיך דאָס בילד אין „טהאליא טעאַטער", וואו ער איז געשטאַנעןביים אָרון פון זיין גרויסן לערער און וועגווייזער צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יידישע קינסטלער און ליטעראַטן. ער האָט געהערט און געזען, ווי טויזנטער יידן האָבן באַוויינט זיין רבין. ער געדענקט די פּראָצעסיע פון דער לויה, וואָס האָט זיך געצויגן איבער גרענד סטריט צו וואשינגטאָן סעמעטערי. טויזנטער מענטשן אין די גאַסן, פון די דעכער און די פענסטער, שטעקן אַרויס קעפּ פון טויזנטער מענער און פרויען, וועלכע זאָגן „גוד־ביי" און זיי געזעגענען זיך מיט דעם רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע, און אַ וועלט מיט טרויער איז דעמאָלט געלעגן אויף זיין פּנים.

אליהו טענענהאָלץ געדענקט אויך דעם נישט־גענוג אָפּגעשאַצטן לעאָן קאָברין, דעם ווילד־ברויזנדיקן נאַטוראַליסט, ווי דוד קעסלער פלעגט אים רופן: „קאָברינאַנטשיק", און דעם שטילן, נאַאיוון ז. ליבין, וועלכער פלעגט זיך וויצלען אויף זיין אייגענעם חשבון. און ווען ער ווערט אַנטשלאָפן, זעט טענענהאָלץ דערנאָך אין חלום, ווי עס זיינען אַוועק די אַלע בויער, די פּיאָנערן פון דער דראַמאַטישער קונסט, וועלכע האָבן געמאָלן און געשאַפן קינסטלערישע כאַראַק־טערן און לעבעדיקע געשטאַלטן און איבערגעלאָזט דעם קולטורעלן טעאַטער־בנין אויף הפקר, ביז ער איז פּראָסט און פּשוט צעפאַלן געוואָרן.

אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַרמאָגט א. טענענהאָלץ גאָר אַ סך מעלות. גלייך נאָך זיין אָנקומען אין דער יידישער אַקטיאָרן יוניאָן אין 1916, האָבן מיר אין אים דערקענט דעם טיפּ פון אַ בויער און שאַפער, ער איז באַלד צוגעצויגן געוואָרן צו דער פירערשאַפט. דער־וויל געוואָרן צוערשט אין דער עקזעקוטיווע, דערנאָך אָנגעהאַלטן דעם אַמט פון וויס־פּרעזידענט. ער האָט געהאט אַ וואָגיקע שטימע אין אַלע פאַרהאַנדלונגען. די מיטגלידער פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן האָבן זיך שטענדיק צוגעהערט צו זיין וואָרט און מיט אויפ־מערקזאַמקייט זיך צוגעהערט וואָס ער האָט צו זאָגן.

טענענהאָלץ איז אויך געווען אין יענער צייט דער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פֿון דער עקזעקוטיווע, געהאָלפֿן גרינדן די ביבליאָטעק אין דער אַקטיאָרן־יוניאָן אין 1925־26. ער איז אויך געווען אַ מיט־גליד פֿון טעאַטער־מוזיי, דעביוטירט אין „קונדס״ מיט קיבעץ־קרי־טיק איבערן יידישן טעאַטער, פֿאַרעפֿנטלעכט טעאַטער־קריטיקן און פֿעליטאָנען אונטערן נאָמען „משה מעקאַרטי״, געשריבן ראָמאַנען אין „מאָרגן־זשורנאַל״ אונטערן נאָמען „שפּיגלבערג״, פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער „וואַרהייט״ זכרונות פֿון בעסי טאָמאַשעווסקי, וואָס איז דער־נאָך אַרויס אין אַ בוך, און שפּעטער אויך רעדאַקטירט דאָס זאַמל־בוך „יידיש טעאַטער״ (אַרויסגעגעבן צו דעם 50־יאָריקן יובילעאום פֿון יידישן טעאַטער), און כאָטש ער האָט פֿאַרנומען אַזעלכע וויכטיקע פּאָזיציעס, וואָס האָבן אים געהאַלטן פֿאַרנומען טאָג און נאַכט, האָט ער קיינמאָל ניט פֿאַרנאַכלעסיקט זיין שפּילן אויף דער בינע.

ער האָט תמיד געקענט זיין ראָלע, געוואוסט און פֿאַרשטאַנען אַלע כאַראַקטערן, און אַלע מאָל מיטגעהאָלפֿן די אויפֿפֿירונג אַרויס־צוברענגען דעם תמצית צו וואָס דער דראַמאַטורג האָט געשטרעבט.

גרויסע ענדערונגען און אַ סך געשעענישן זיינען פֿאָרגעקומען אין די פֿופֿציק יאָר, אָבער טענענהאָלץ האָט געהאַט אַ ווייטן קוק און געניט שכל. ער האָט זיך צוריקגעצויגן פֿון יידישן טעאַטער אין צייט, און אויסגעמידן די מאָגערע יאָרן.

ווינטשן מיר אים צו זיין פֿופֿציק יאָר צוטראָג צום יידישן טעאַטער נאָך לאַנגע־לאַנגע יאָרן צוזאַמען מיט זיין משפּחה, און אַ סך גליק אין זיינע געזעלשאַפֿטלעך־שעפֿערישע און קינסטלערישע טעטיקייטן.

א. טענענהאָלץ, דער פאַרלעזער און דער אַקטיאָר

(אַ בינטעלע זכרונות)

פון יואל ענטין

— א —

דאָס איז געווען אין יאָר 1902, וואָס איך דערצייל, איז דערוויייל נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקט, שעפּ איך פון מיין זכרון, אָט ווי וואַסער פון אַ ברונים.

אין מיטן זומער פון יענעם יאָר האָט ר. פּערלמוטער, אַ סאָציאַליסטישער טוער, צומאָל אויך אַ פאַרוואַלטער פון דער באַנייטער „צוקונפט”, אָבער גלייכצייטיק אויך אַ טעאַטראַל, אַ הייסער פאַרערער פון יעקב אדלער און אַן ענטוזיאַסטישער אַנהענגער פון יעקב גאָרדין — ער האָט דעם פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב געגרינדעט. תיכף־ומיד האָט ער זיך צו מיר געווענדעט איך זאָל אין קלוב אַריינטרעטן און אים העלפן פירן.

געבוירן געוואָרן איז דער קלוב אין אַ הייבעלע . . . אפשר זכות אבות: אדלער, גאָרדין, אפשר נאָך אַ בענקעניש נאָך דער „פרייער יידישער פאָלקס־בינע”, וואָס איז אינגאַנצן געווען נאָר אַ פּאָר יאָר טויט. ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז דער יונגער ליטעראַריש־דראַמאַטישער עולם (נאָר נישט אויסמישן מיט די „טעאַטער־פּאַטריאָטן”) האָט אין קלוב באַלד גענומען אַריינשווימען ווי פישעלעך נאָך אַ רעגן.

געדענק איך גוט, צווישן די וואָס איך האָב אין קלוב שוין געטראָפן: די צוויי ברידער ליפּא, מעקס (ע”ה), אַ שפּילער, דער עיקר אָבער אַן אויסגעצייכנטער גרימירער, און סעם, אַ יונגער מענטש מיט אַ ידיעה אין די שוואַרצע פינטעלעך (ווערליק א גאַליצישער, אויך אין די דייטשע) און י. פינקענטאַל (ע”ה) אַ שיינער, אָפּגעפּוצטער וואַרשעווער בחור'ל מיט אַ פּאַרטיקן נדן — ער האָט דער ערשטער אַנגעהויבן עפּנטלעך דעקלאַמירן — און טאַקע גאַנץ גריילעך — דעם דעמאָלט ערשט אויסגעוואַקסענעם יהואש, דערהויפּט די, אין יענער צייט, פּיקאַנט אויפפאַלנדיקע פּאָעמע „איוב”. איך אַליין האָב דירעקט אַריינגעבראַכט אין קלוב גרשון רובינען (ע”ה), דעמאָלט

מיינער אַ הויז־פריינט. סיי־ווי־סיי איז ניט געווען קיין דוחק אויף טאַלאַנטן. צווישן די שווימנדיקע פישלעך זיינען געווען אי זינגער, אי שטיקלעך טענצער, און וואָס איז שייך דעקלאַמאַטאָרס און שפּי־לער זיינען געווען אויך דייטשע, ענגלישע און אפילו רוסישע. וואָס דאַרפט איר מער? ס'איז צו אונדז באַלד אריינגעשוואומען אַ גאַנצער דראַמאַטישער קלוב, ברענגענדיק אַביסל געלט, אַ צאָל גאַנץ פייאיקע שפּילער (אייניקע זיינען משמעות געווען תלמידים און פאַרערער פון דעם דעמאָלט גוט באַוואוסטן אקטיאָר עליאס ראַטשטיין, אי אַ זינגער, אי אַ שפּילער, אי אַ ליבהאָבער, אי אַ פאַטער־ראַליסט).

אַלע די דאָזיקע מענטשן האָבן פון אונדז, די גרינדער, באַלד גע־נומען רייסן דאָס פּלייש — שפּילן! אויף זייער גליק האָט גראָד דעמאָלט אַ יידישע צייטונג אין רוסלאַנד („דער יוד" אָדער „די יידי־שע פאָלקס־צייטונג") אָפּגעדרוקט שלום עליכמ'ס גרויסע קאָמעדיע „צעזייט און צעשפּרייט" און אַלע ווי איינער זיינען צו איר גלייך צוגעשמידט געוואָרן. אַלע האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן שלום עליכמ'ס לעבעדיקע, קאָמישע און טראַגע־קאָמישע טיפּן, אפילו אונדזער איי־גענער גרשון רובין איז ווי צוגעשמידט געוואָרן צום לעבעדיקן חברה־מאַן דאווידקע קאטשער, אין דער קאָמעדיע, בשעת אַלע, כמעט גאָרנישט קיין שפּילער, זיינען אָבער פאַרכאַפּט געוואָרן פון שלום עליכמ'ס דיאַלאָגן און סצענקעלעך. האָט מען די פּיעסע אין איי־לעניש איינגעשטודירט און אין איילעניש אויפגעפירט מיט פּאַראַד, אָבער אויך ניט אָן דערפאָלג, לכל הפחות בנוגע דעם באַזוך, אָפּגע־שפּילט אין גרויסן „טורן האָל", אויף דער פערטער גאַס. נאָר באַלד נאָך דער אויפפירונג, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריגעריי, ביידע צדדים האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זיי האָבן זיך געגאַרט. מיר, פון אַלטן קלוב, זיינען געווען צו ליטעראַריש — דער נייער קלוב, פאַר אונדז, צו טעאַטראַליש. ס'איז געבליבן זיך גט'ן. דאָס געלט אין דער קאַסע איז אַהינגעבליבן, מיר־ניט, דיר־ניט, פאַר עפּעס אַ פּאַסיקער צדקה. צום גליק האָט זיך גראָד געהאַט געמאַכט, אַז אַ לאַנדאַנער אַנאַרכיסט איז גראָד דעמאָלט געפאָרן קיין אמעריקע אויף אַן אַגיטאַציאָנס־טור, מען האָט אים פאַרהאַלטן אויף צוריקשיקן און די יידישע סאָציאַ־ליסטן־אַנאַרכיסטן האָבן געקליבן אַ פאָנד אים צו פאַרטיידיקן. איז וואָס דאַרף מער בעסער?

— ב —

נאָך דער צעשיידונג מיטן נייעם קלוב, איז ביי אונדז די אַטאָמ־ספערע טאַקע געוואָרן ליטעראַרישער, אָבער נאָך אַלץ ניט אינגאַנצן

לויטער. דער קריג איז איצט געווען צווישן ר. פערלמוטערן (אפשר מיט נאָך אימעצן) און מיר, אינאיינעם מיט אַלע, אָדער כמעט אַלע אָנהענגער פון ריינער ליטעראַטור. וואָס פערלמוטער איז אויסן געווען געדענק איך נישט געגוי, נאָר איך נעם אָן, אַז ווייל ער איז געווען אַ טעאַטראַל און זיך נאָענט געַחבר׳ט מיט אַקטיאָרן, איז ער געווען אַ הייסער „פּאַטריאָט" פון דער שפּיל־זייט פון טעאַטער. מיר ווידער, האָבן געוואָלט דערציִען אַ נייעם דור ייִדישע אַקטיאָרן, אַזעלכע, וואָס אַ חוץ שפּילן, זאָלן זיי אויך פאַרשטיין און וויסן וואָס צו שפּילן און ווי אַזוי צו שפּילן. אונדזער מאָטאָ פונם „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב" איז געווען — אַ שיינע, ריינע, איידעלע בינע. צוזאַמען מיט די נייע אַקטיאָרן האָבן מיר אויך געוואָלט באַשאַפן אַ נײַ טעאַטער. בשום אופן האָבן מיר ניט געוואָלט דערציִען קיין אַקטיאָרן פאַר דעם עקזיסטירנדיקן ייִדישן טעאַטער, גלויבנדיק פעסט, אַז ווי ערנסט מיר זאָלן די אַקטיאָרן נישט דערציִען, וועלן זיי דאָרט תיכף בטל בשישים ווערן.

דער פאַקט איז געווען, אַז ווי נאָר מיר האָבן זיך אַביסל פאַנאַנדערגעטשוכעט פון דעם „שווימענדיקן" טומל ביי אונדז, און גאַנץ אייגנטלעך, ווי נאָר מיר האָבן אונדזערע געדונגענע מיטינג־זאַלן פאַרביטן אויף אַ שטענדיקן אייגענעם פּלאַץ, האָבן מיר אונדזער קלוב פאַרוואַנדלט אין אַן עפנטלעכער, הגם נאָך אַלץ האַלב־פּריוואַטער ליטעראַריש־דראַמאַטישער שול, וועלכע מיר האָבן אָנגעפירט דורך פאַרשיידענע שטענדיקע קאָמיטעטן, וואו די וויכטיקסטע זיינען געווען אַ מיטגלידער־קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט דעם חוב גוט דורכצוזיפּן אונדזערע קאַנדידאַטן אויף מיטגלידער, צי פאַרמאָגן זיי עפּעס אינטעליגענץ — ייִדיש־ליטעראַרישע — אָבער דער עיקר, צי זיינען זיי ניט קראַנק אויף דער תשוקה זיך אריינצורייסן אין דער ייִדישער אַקטיאָרן־יוניאָן און, דורך איר, אין ייִדישן טעאַטער — און אַ ליטעראַרישן קאָמיטעט, וואָס פלעגט אינצווישן די אַלגעמיינע מיטינגען, זיך צונויפקומען אַ צוויי מאָל אַ וואָך, קנעלן מיט די בעלנים אויף פאַרלעזער און דעקלאַמאַטאָרן, אַ ליד, אַ פּאָעמע, אַ דערציילונג, אַ בילד, אַ מאָנאָלאָג און, מיט דער צייט, אפילו אַן איינאַקטערל. (דער ליטעראַטור לימוד איז קודם כל באַשטאַנען אין גוט באַנעמען דעם זין פון די איינגעשטודירטע פּאָעמען, פּראָזע־זאַכן און פּיעסעלעך. דאָס דעקלאַמירן און פאַרלייענען איז געווען אונדזער „עלאָקיושאַן", וואָס פאַרנעמט אַזאַ גרויס פּלאַץ אין ענגליש־אייראָפּייִשע טעאַטערס און טעאַטער־שולן). מיר האָבן דערפילט גאָר אַ חשוב׳ע פונקציע

דורך אונדזערע דערצויגענע קרעפטן, וואָס מיר האָבן באַלד אַרויס־געשיקט צו ליטעראַרישע אָוונטן אַלס אַרטיסטן, אָן געצאָלט. וואָס שייך די איינאַקטערס פון פרץ׳ן, שלום עליכמ׳ען, דוד פינסקין, מאַרק ארנשטיין, אברהם רייזין, פּרץ הירשביינען, ארטור שניצלערן און הערמאן הייערמאנסן — זיינען זיי אין גיכן געוואָרן אונדזער טעגלעך דראַמאַטיש ברויט, דינענדיק אלס אונדזער ערשטער, אָפּטמאָל דויערהאַפטיקער רעפּערטואַר און באַזאָרגנדיק אונדזער קלוב, מיטן קליינעם איינטריט, וואָס מיר פלעגן רעכענען, מיט זיין, דעם קלובס, חיונה.

אָט אַן ערך אין דער צייט — לאָמיר זאָגן אַ קנאַפּע צוויי יאָר נאָך אונדזער גרינדונג — ווען דער קלוב האָט אָנגענומען זיין אויבן־באַשריבענע פאָרם און זיך „איינגעסטאַלירט" אָט ווי אַן אומרואיקבורבלענדיקע משקה, אָט דעמאָלט, אומגעפער, איז ר. פּערלמוטער פון קלוב אַוועק און דעמאָלט, אַן ערך, האָט א. טענענהאָלץ „זיך באַוויזן אויף דער סצענע".

— ג —

א. טענענהאָלץ אַליין, באַשרייבנדיק ערגעץ־וואו זיין ערשטן אַרויסטריט אין קלוב, דערציילט ער, אַז ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יינגל אין „הויזקעס". אויך, אַז איך האָב זיך שטאַרק געקווענקלט אַריינצונעמען אים, אָבער לסוף האָב איך זיך געגעבן אַ גוטן, כאַראַקטעריסטיש ענטינישן קנייטש און אים דאָך אַריינגענומען. אויף דערויף זאָג איך, אַז וואָס שייך די „הויזקעס", איז דאָס וואַרשיינלעך איינער פון די פאַלן, וואו אויך מיין „ברונים־זכרון" נעמט זיך אויס. וואָס שייך אָבער דעם „קנייטש", קנייטשט ער זיך טאקע גאַנץ גוט אין מיינע מאַרך־פאַלדן. טענענהאָלץ איז דעמאָלט געווען אַ גאַנץ געוואוקסיקער בחור׳ל, מיט „לאַנגע פיס ביז דר׳ערד", מיט אַ געזונטער, הגם אפשר עטוואָס טונקעלער פאַרב אין די לענגלעכע באַקן, מיט אַ „קוטשמע" שוואַרצע האָר, ווי ביי אַ „מאַלאַרוסישן" שגץ. אַז איך האָב אים גענומען „אויסטאַפּן", בין איך אַביסל איבערראַשט געוואָרן צו געפינען ביי אים אַ געזונטן יידיש, מיט אַ שאַרפער יידישער אויסשפּראַך, אָן יענער פּראָסטקייט, אָדער גאָר פאַרגרעבטקייט, וואָס מען האָט אפשר געמעגט דערוואַרטן פון אַן אוקראַאינעם, אָדער אַמעריקאַנעם יונגן יינגל. אַז עס איז שפּעטער געקומען צום פּסוק, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז גאַנץ אנדערש פון אַנדערע יונגע יינגלעך, איז טענענהאָלצ׳ס אַרטיסטישער אינטערעס גאָרניט געווען אין דער ריכטונג פון צאַרטער פּאָעזיע, נאָר פון פעסט־האַרטער פּראָזע.

וואָס־וואָס, אָבער בנוגע דעקלאַמאַציע און פאַרלעזונג האָט דער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב" די ייִדישע גאַס טאַקע רעפאָרמירט. ביז יענער צייט פלעגט מען אויף די אַנאַרכיסטישע אָוונטן, דעקלאַמירן עדעלשטאַדטס „דאָקטאָר גראַן", וכדומה, (און די דעקלאַמאַציע גופא איז געווען אויף אַזעלכע קולי קולות, אַז מען האָט זיך טאַקע געמעגט כאַפּן פאַרן קאָפּ. האָט דער קלוב קודם כל געעפנט טיר און טויער פאַר ש. פרוגן, פאַר יהואשן, פאַר פּרץ'ן, פאַר רייזינען, פאַר מאָריס ראָזנפעלדן, א. א. וואָס איז שייך פּראָזע, האָט בלויז דער פּוילישער אַקטיאָר שמואל טאַרנבערג (ע"ה) אין יאָר 5־1894, געבראַכן דאָס אייז פאַר פּרץ'ס „דער כעלמער מלמד". דער קלוב האָט אָבער געעפנט טיר און טויער פאַר פּרץ'ס גאַנצן ים מיט פּראָזע־זאַכן, אָנהויבנדיק פון „דאָס קראַנקע ייִנגל" און זיינע סאַטירישע און פילאָזאָפישע פעליטאָנען און ניט אָפּשטעלנדיק זיך אפילו פאַר דער זייער לאַנגער און גאָר טיפער, סימבאָליסטישער שיינער „דריי מאָל געראָפן".

ענלעכעס, אָבער אָן אַ שיעור מער, איז געווען דער פאַל מיט שלום עליכמען, און איןביידע פאַלן איז כדאי צו פאַרשטיין פאַרוואָס:

אין אָנהויב פון די 90־קער יאָרן האָט מען אין אַמעריקע געקענט פּרץ'ן נאָר דורך דער „אַרבעטער צייטונג" און אַנדערע סאָציאַליסטישע שריפטן און, פון 1898 אָן ערך, אויך פון איבערגעדרוקטע פּרץ'ישע זאַכן פון „יוד" און ענלעכע רוסישע בלעטער. הייסט עס, אַ באַקאַנטשאַפט א באַגרעניצטע און נישט קיין ווייטע. אָבער אין אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט, נאָך פּרץ'ס יובילייִ אין וואַרשע, זיינען אַהער אָנגעקומען פּרץ'ס געזאַמלטע שריפטן, מיט פּאַקטיש אַלע זיינע זאַכן, אַ חוץ די דראַמאַטישע שריפטן און די פיל־שפּעטערדיקע „פאָלקסטימלעכע געשיכטעס". וואָס שייך שלום עליכמען, איז כאָטש מען האָט דאָ פון אים געוואוסט, אים נאָך געדענקט פון רוסלאַנד, איז מען אָבער פון זיין שאַפן אין די שפּעטערדיקע אַכציקער און ערשט אין די מיטעלע נייַנציקער יאָרן, דאָ נאָך ווייניקער נתפעל געוואָרן אפילו ווי אין רוסלאַנד. ערשט פון זיינע זאַכן אין די לעצטע נייַנציקער יאָרן אין „יוד" און, מער נאָך, פון זיינע זאַכן אין אָנהויבן 20־טן יאָרהונדערט האָט מען דאָ, ווי דאָרטן, אָנגעקוואָלן און אַנטציקט געוואָרן. און ס'איז דער עיקר טאַקע דורכן „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב", אויך אַוועק אַ גאַנג: דוד פּינסקי, אברהם רייזין, שלום אש, א. מ. ווייסענבערג און אַלע אַנדערע, לויט דער רייע פון זייער דערשיינען פון דרוק.

מיט פּרץ'ן און שלום עליכמען האָט דער קלוב פאַנאַנדערגע־

קלונגען זיין בשורה־גלאַק. צוויי יונגע מענטשן זיינען געווען די בשורה־אָנזאָגער: דער עלטערער, קאָנטיק אינטעליגענטערער און קאָנטיק טאַלאַנטפולערער, גרשון רובין, און דער פיל אינגערער און, ווי אַ רעטעניש פאַרשלאָסענער, סיי בנוגע אינטעליגענץ און סיי בנוגע טאַלאַנט, אליהו טענענהאָלץ.

דעם אָנפאַנג האָבן זיי, אויב איך געדענק ריכטיק, ביידע געמאַכט אין פּרץ׳ס סאַטיריש־ערנסטע פעליעטאָנען. תיכף דערנאָך זיינען ביידע אַריבער אויף שלום עליכמען. נאָר באַלד האָבן זיך זייערע וועגן צעטיילט. רובין האָט זיך פאַרנומען מיט אַ סך זאַכן אין פּאָעמע און אין פּראָזע און טאַקע מיט גרויסן דערפאָלג. טענענהאָלץ האָט מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים, מיט אַלע זיינע פיאיקייטן און טאַלאַנטן, זיך איינגעגעסן אין שלום עליכמען, ביז ער האָט ניט דורכגעדראָשן גאַנצע עטלעכע בענד זיינע און ביז — איך זאָג עס, וויסנדיק אַז פיל וועט עס קלינגען מאָדנע — ער האָט דעם פלאַים׳דיק באַליבטן שלום עליכמען נאָך וואונדערלעכער באַליבט געמאַכט.

ווי אַזוי איז דאָס אַלץ צוגעגאַנגען?

אַלע אַנדערע דעקלאַמאַטאָרס און פאַרלעזער אונדזערע, מיט דער אויסנאַם פון גרשון רובינען, און שפּעטער־צו, אַנדערע מיט אַן ענלעכן סטאַזש, פלעגן מיר פאַרגעבן אַ פּראָבע און, האָבן זיי די פּראָבע אויסגעהאַלטן, זיינען זיי מיט דער זאַך „אַרויף אויף דער ליסטע״, סיי פאַר אונדזערע אייגענע אָוונטן, סיי אין אונדזער נאָמען פאַר „דער וועלט״. דערזען, אַז דאָס ליד, אָדער דערציילונג, וואָס גאַנץ אָפט פלעגן מיר טאַקע דעם קאַנדידאַט פאַרגעבן, גייט אויף אַ גאַנג, האָבן מיר דעם „פּראָבע־אָפּלייגער״ די זאַך געגעבן צו פאַרשטיין, געלערנט: אָפּגעטייטשט אַ וואָרט, אַ ווערטל, אַן אידיאָם, אַ תורה־אויסדרוק, אַ היסטאָרישע אָנצוהערעניש; אַרויסגעשיילט אַ וויץ, אַ יאָדערל הומאָר, אויב זיי זיינען געווען עטוואָס פאַרוויקלט. דאָס אַלץ איז, נאַטירלעך, בלויז געווען „אינטעליגענט לייענען״, אַ שריט העכער, נענטער צו עפעקט און שיין לייענען, איז שוין געווען געבן דעם טאָן פון דער זאַך, אָפּזוכן די ריכטיקע באַטאָנונג. אַזוי איז געווען מיט פּאַקטיש אַלע אַנדערע. איך געדענק אָבער ניט, אַז דאָס זאָל אַזוי האָבן געווען — און טאַקע גאַנץ זיכערלעך, נישט בנוגע דעם ערשטן פּונקט — מיט טענענהאָלצן. דאָס זעלבע איז געווען מיט די פאַרגעלייענטע זאַכן: ער פלעגט זיי אַליין ברענגען. (ניט זעלטן ערב יום־טוב, אָדער אַ „יומא דפגרא״, פלעגט דאָס לעזן אַליין די זאַך אויפוויקלען ווי אַ מגילה). דערפאַר, גלויב איך, אַז עס פלעגט

קומען צו דער קאָנסטרוקציע פון דער זאַך, צו איר טעכנישן איינ־שטעל און אויסשטעל, און עס האָט זיך פון פאַרלעזער געפאָדערט אַ בייט אין דער שטימונג, אַן איבערגאַנג פון פרייד צו טרויער וכדומה, אַן אויפשטייג און פאַרשטאַרקונג צוליב אַ קלימאַקס, אַ פאַרטיפונג און מאַראַליזירונגביים אראָפּפאַל, אָדער סוף, האָבן מיר שוין זיך ניט פאַרלאָזט אויף נסים און זיך אָנגערופן מיט אונדזער אויפקלע־רונג. און, כאָטש אַ געבליבענער נישקשה׳דיקער בעל גאוה, האָט טענענהאָלץ זיך געלאָזט לערנען.

אָנגעהויבן האָט טענענהאָלץ מיט לייכטערע, האַלב־זיסלעכע שלום עליכם זאַכן, ווי אַ שטייגער, „חנוכה געלט״, אַ גרונט־יידישלעכע מעשה, דערציילט און פאַרגעשטעלט פון אַ קינד אַזוי, אַז אפילו דער באַ־נאַלער, כלומרשט פילאָזאָפישער סוף, האָט נישט געקענט פאַרדאַרבן, איז אויפגענומען געוואָרן מיט אמת׳ער שמחה. דאָס זעלבע איז גע־ווען מיט אַ סך יום־טובדיקע און אַנדערע ענלעכע זאַכן. אָבער אין משך פון טענענהאָלצס לייענען, האָבן מיר אַנטדעקט אַ נייע אייגנשאַפט אין זיין „פאָרטראַג״ — נעמלעך, אַ געוויסע איראָנישקייט, אַ מין כלומרשטדיקע גראָבקייט, אַ מין כעס׳דיקייט און טראָציקייט, וועלכע צייכענען אים אויס, הויבן אים אַרויס איבער אַנדערע און גנב׳ענען זיך געשמאַקלעך אַריין אין האַרץ פון די צוהערער. מאַכנדיק די דאָזיקע אַנטדעקונג האָבן מיר די דאָזיקע טענענהאָלצישע כאַראַקטעריסטיק אָנגעהויבן קולטיווירן, אויסנוצן, האָבן מיר עס אין אים, נאַטירלעך, מיט זיין אייגענער, גליקלעכער צושטימונג, געגומען פאַרשאַרפן, פאַר־שפּיצן, האָבן מיר אים דערצו גענומען צושטויסן. האָט עס אים גע־מאַכט נאָך מער אָנגעלייגט, הגם, מער דערפאָלגרייך. אַ גוטער ביי־שפּיל דערפון איז געווען די פאַרהעלטניסמעסיק פריע „אין די וואַרעם־בעדער״. די זאַך, אַ דאַנק דעם דערציילערס שטייגנדיקער אומגע־דולדיקייט און כעס׳דיקייט, האַלט דעם צוהערער געשמידט און וואַקסט זיך אַריין אין זיין טעמפּעראַמענט, און קומענדיק צום סוף, אין דעם דערציילערס אויסגעשרייען:

„פרעגל האַקמעסערס!״

„פרעגל פאָדעשוועס! ״

צעפלאַקערט זיך דעם דערציילערס, און מיט אים צוזאַמען, דעם צו־הערערס כעס, אין אַ מין בייז־לאַכנדיקן שטורעם.

„גימנאַזיע״, כאָטש די זאַך איז אַביסל קאַריקאַטוריסטיש, האָט זי אָבער טענענהאָלץ, מיט זיין האַרבער איראָניע און מיט די טרויעריק־

לעכע טענער, אין וועלכע ער פֿאַלט דאָ־און־דאָרט אַריין, אויפגע־הויבן אין אַ גאַנץ רירנדיקער זאַך. אין ביים „קעניג אחשורוש", כאָטש טענענהאָלץ איז דאָ צוריק אַריינגעפֿאַלן אין אַ קינדערשן טאָן, האָט ער אָבער, דורך די אַוועקגעשוואומענע פֿאַר יאָר אַזוי פֿאַרגלעטיקט, אַז די זאַך איז ביי אים אַרויסגעקומען אמת'דיק, געפילפול, פֿאַרבענקט.

טענענהאָלץ האָט זיך אין שלום עליכמען אַזוי אַריינגעביסן, ווי אַ טויכער אין דעק פֿון ים, האָט ער אין אים, טאַקע ווי אין אים, געפֿונען אַלץ נייע פּערל. וואָס, אין זיין בסדר'דיקן שלייפֿן, ווינען זיי געוואָרן אַלץ גלאַנציקער. אויס זאָרג, אויס ושאַנר־פּיבער. וואָס ער האָט גענומען אין זיין האַנט האָט ער 'עס צוגעשליפֿן צו זיין ווילן. דאָס לעצטע וואָס איך האָב פֿון טענענהאָלצן, אין יאָרן אַרום אין ניו־יאָרק, אין אַ גרויסן זאַל, פֿאַר א גרויסן עולם געהערט איז געווען, „עולם הבא". ניט היימיש די זאַך און ניט אומהיימלעך די טעמע. אַ שלים מזל'דיקער, אַנגעשראָקענער, דאָרפֿישער יונגערמאַנטשיק ווערט איבערגעדאַבערט פֿון אַנדערע דאָרפֿסלייט, ער זאָל פֿאַרדינען עולם הבא און זאָל, אין אַ רעגנדיק־פֿאַרפּראָרענעם טאָג, אין אַ שליטן, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך, עפּעס אַן אָקערשט געשטאָרבענע יידענע איבערפֿירן פֿון דאָרט אין שטאָט אַריין ברענגען זי צו קבר־ישראל. פֿירט דער יונגערמאַן „דאָס פּעקל", דאָס פֿערדל פֿאָרן „אברוטש" אין דער קאַלטער נעץ, און פּלאָטערט נאָכן בר־מנן, פֿאַר די צרות אויף וועלכע ער ריכט זיך; די צרות, וואָס ווי ער פֿאַלט נאָר אַריין „אין שטאָט", הויבן זיך טאַקע אָן שיטן איבער זיין קאָפּ ווי אַרבעס פֿון אַ לעכערדיקן זאַק. דער רב שיקט אָפּ צום גבאי, דער גבאי צום ראש פֿון דער חברה קדישא, דעם ראש צו די שמשים, כאָטש נעם לייג זיך אַוועק שטאַרבן לעבן דער געשטאָרבענער יידענע.

וואָלט איר אָבער געדאַרפֿט הערן וויפֿל היימישן געלעכטער טענענהאָלץ האָט אַרויסגעקאָלעקטעט פֿון דער אומהיימלעכער טעמע, פֿון דעם נעבעכדיקן יונגנמאַנטשיק, פֿון די גליווערנדיקע טראָפּנס פֿון דער שוואַרץ־איינגעשלייערטער העלדין, וואָס ליגט אַזוי קיסר'לעך אין ברייטן שליטן, און דער „עולם־הבא־קרוין", וואָס שוועבט זיך מיט איבער דעם אייגנאַרטיקן לויה־מאַרש, אונטער די מיתה־משונה־דיקע כמאַרעס. צענדליקער טויזנטער אמעריקאַנער יידישע קינ־דער, גאָר ווייניק פֿון זיי לייענער, גאָר קנאַפּ ווינען זיי קענער פֿון שלום עליכמען, האָבן דאָס אַלץ געהערט אין טענענהאָלצס ריטערלעכער אויסשפּראַך און טענענהאָלצס דיקציע און טענענהאָלצס פֿרישן, אָדער

אַ האַרעלע ביטערן לאַך, געהערט און זיך אַנטציקט, און זיך פאַרטראַכט און זיך פאַרבענקט. און וויפל האָבן ביי זיך אָפּגעפּאַסט, אַז זיי מוזן זיך מיט שלום עליכמען באַגעגענען פּנים אל פּנים, אים לייענען צווישן צוויי טאָוולען, זען זיך מיט אים שיעור ניט אויג אויף אויג און וויפל פון זיי האָבן אויך געהאַלטן וואָרט!

דעריבער זאָג איך, אַז וויפל פּאָפּולער שלום עליכם איז נישט געווען פריער, האָט אים טענענהאָלץ פּאָפּולערער געמאַכט.

— ד —

אין 1904, אַן ערך, שוין האָבנדיק זיינע אייגענע שטענדיקע קלוב־צימערן אויף מעדיסאָן גאַס לעבן דזשעפערסאָן סטריט, מיט אַ צונויפגעקלאַפּטער בינעלע, מיט אַ פאַרהענגל, וואָס פאַרציט זיך, מיט עטלעכע עלעקטרישע טרייבעלעך, אויף צו מאַכן פון נאַכט טאָג — האָבן מיר אָנגעהויבן שפּילן טעאַטער. די ערשטע זאַך, וואָס מיר האָבן געשפּילט, אויב איך געדענק ריכטיק, איז געווען דוד פּינסקיס איינאַקטער „גליקס פאַרגעסענע”. די סצענע האָט פאַרגעשטעלט אַ שניידעריי אין אַ היימישער שטאָט און אויף דער פּלאַטפאָרמע האָבן זיך געפונען די בעל־הבית׳טע, אַביסל שוין אַ פאַרעלטערטע, אָבער דאָך ניט קיין פאַרביטערטע מיידל, עטלעכע יונגע אַרבעטער־מיידלעך און איין, שוין ניט אַזאַ יונגער, יונגערמאַן, אַ לאָמער — הינדעס. איז מיט די אַקסעסואַרן און מיט די דעקאָראַציעס האָבן מיר זיך שוין, שונאי־ציון, אַן עצה געגעבן. וואָס שייך די מיידלעך, האָט אונדז געטראָפן אַ גליק — זיי האָבן זייער וויניק גערעדט און גאָר היפשלעך געזונגען — און וועלכע מיידל ביי אַ ניי־מאַשינדל זינגט דען ניט? זעט איר, מיט דער בעל־הבית׳טע וואָלט טאַקע געווען גאָר, גאָר שלעכט, ווען עס וואָלט אונדז ניט געטראָפן אַ נס. דורך אַ קייטלונג פון סיבות האָבן מיר אַריינגעקראָגן אַ מיידל, מיט שיינע עטלעכע יאָר יונגער פון דער בעל־הבית׳טע און גאָר, גאָר ניט קיין מיאוסע, אַ פריילין פאַטשאָטשין (אַ גלגול פון פאַטטיעכין), בלייבט אונדז נאָך אַ הינדעס — נו, דאָ איז שוין דער גורל גאָר גרינג אויסגעפאַלן אויף אונדזער באַליבטן פאַרלעזער טענענהאָלץ. ערשטנס האָבן מיר דערשמעקט, אַז מיט זיין שטאַרקער, הגם האַרטלעכער שפּראַך, פּאַסט ער זיך פאַר הינדעסן, וואָס האָט געמוזט זיין אַ לערער, אָדער אַ טוער אַרום אַ געהיימען סאָציאַליסטישן קרייזל. צווייטנס האָבן מיר אין הינדעסן, אַזוי ווי בנבואה, דערבליקט אַן ענלעכקייט צו אַ פאַר האַרטלעכע פאַרשוינען, וואָס טענענהאָלץ האָט שוין פאַר אונדז אַרויס־

געבראַכט אין זיינע פּאַרלעזונגען. און עס איז געווען אַ גליקלעכער טרעף. טענענהאָלץ האָט געשאַפן אַ קלאָרן טיפּ. זיין הינדעס איז געווען אָפן, שניידעוודיק, כלומרשט ווולגאַר, אויפן קוק אַ האַרעלע ציניש, אָבער, אין אמתן — ערלעך, אידעאַליסטיש און ליבנדיק — אַ גוט, שיין האַרץ, איינגעוויקלט אין כלומרשט אַ האַרטער, עטוואָס פּאַרברודיקטער הויט. ניט זיכער, סקעפּטיש בנוגע זיך אַליין, האָט ער אָבער אַ געפיל, געוועקט מוט און האָפענונג ביים צווייטן. גראָב־לעך, אַביסל אויך אומגעלומפּערט — אַ חוץ זיין הינקען, האָט ער אָבער גאָרניט שלעכט אויך געקענט מאַכן אַ וויץ. דאָס אַלץ האָט טענענהאָלץ אַרויסגעבראַכט אין סאַמע ערשטן דעביוט און דערמיט האָט ער זיך, אין קלוב, אין סאַמע אָנהייב, געשאַפן אַ זשאַנר אויך אויף שפּעטער. איבעריק צו זאָגן, אַז מיר אלע און טענענהאָלץ אַליין אוודאי, האָבן זיך האַרציק געפרייט.

ניט אַלץ, וואָס מיר האָבן ווייטער געשפּילט, איז, נאַטירלעך, געווען פון זעלבן שניט. אויסמיידנדיק יידיש־אַמעריקאַנער פּיעסן (די שוין געשפּילטע ווערן — אַזוי האָבן מיר מורא געהאַט — אונדזערע יונגע אַקטיאָרן פּאַרפירן נאָכצומאַכן די פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער, די ניט־געשפּילטע, האָבן מיר מערסטנס געפונען פאַר שוואַכע לי־טעראַריש, אָדער אָרימע טעאַטראַליש) — האָבן מיר כסדר אַרויס־געקוקט, וואָס וועלן אונדז ברענגען די אייראָפּייאישע דרוקן, אָדער זשורנאַלן. אַזוי איז אונדז איינמאָל אַריינגעפאַלן אין האַנט מאַרק אַרנשטיינס „דאָס אייביקע ליד״. מאַרק ארנשטיין, אַ יידיש־פּוילי־שער דראַמאַטורג און רעזשיסער, האָט, זייענדיק אין אַמעריקע, פאַר און בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איבערגעלאָזט ביי מאַלווינא לאָבעל (ע״ה) און מאָריס שווארצן אַ גאַנץ וואוילע פּיעסע „אַ יידישע טאָכטער״. קומענדיק אין אַמעריקע אַ צווייטן מאָל, האָט ער, אַלס רעזשיסער אין העגריעטא שניצערס „קונסט־טעאַטער״ געגעבן אַ פּרעכ־טיקע אויפפירונג, אין רודאָלף שילדקרויטס שפּילן פון שעקספּירס „שיילאָק״. (דאָס סאַמע לעצטע וואָס מיר האָבן דאָ פון דעם פיינעם מענטשן און אויסגעצייכנטן קינסטלער געהערט, איז, אַז די דייטשע נאַציס בשותפות מיט די פּוילישע פאַשיסטן האָבן אים אין דער וואַר־שעווער געטאָ דער׳הרג׳עט מיט אַ מאַרטירער־טויט). „דאָס אייביקע ליד״ (וואַרשיינלעך צוערשט געשריבן אויף פּויליש), איז געווען אַ שטילע, וואויל־קלינגעוודיקע ליבע־אידיליע, מיט אַן אייביקייט, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן אַרבעטער, עלטערן און קינדער. ל. ווייס־בערג (ע״ה) אַלס דער טאַטע, מלכה קאָרנשטיין (ע״ה) אַלס די מאַמע,

די שוין דערמאָנטע פריילין פאַטאַטשין אַלס די טאָכטער און א. טע־נענהאָלץ אַלס איר חתן, דוד. כאָטש אין זיין אויבן־געצייכנטן זשאַנר, האָט טענענהאָלץ דאָך די ראָלע אָפּגעשפּילט טשאַקנדיק־חנ׳עווּדיק, אַרום און אַרום גאַנץ אין טאָן פון דער גאַנצער איינאַקטיקער פּיעסעלע.

געווען איז דאָס אַלץ אַרום 1904־5. פּרץ הירשביין, וואָס האָט זיך שוין פריער געלאָזט הערן מיט זיינע „קעלער־שטוב״ איינאַק־טערלעך און פּיעסן, פול מיטן שרעק פון אָרימקייט, איינזאַמקייט און פאָלקסטימלעך מיסטישער מחשבה׳דיקייט — איז גראָד דעמאָלט אַרויס מיט זיין איינאַקטער „אין דער פינסטער״. אַ כאַראַקטעריסטיש־הירשביינישע זאַך, וועדליק יענער פּעריאָדע פון הירשביינס שאַפן, איז אין „אין דער פינסטער״ דער פּחד פון אָרימקייט און איינזאַמ־קייט נאָך טיפער געוואָרן פון דער שרעק, וואָס דער איידל־שפּירעוו־דיק־טראַכטנדיקער יונגער מענטש מוז דערפילן, אַריינפאַלנדיק פלו־צים אין אַ פאַבריק פול מיט טויטלעך־שווייגנדיקע, אָבער חולה־נופל־דיק זיך צאַפּלענדיקע מענטשן.

„אין דער פינסטער״ — די זאַך וואָלט פּונקט אַזוי גוט געקענט הייסן „אין דער שטיל״ — אַ בלינדע באבע, וואָס מוסר׳ט איר זון, הלמאי ער זיצט און רעדט ניט אַרויס קיין וואָרט און פאַרשעמט דאָס ברויט (ברויט מיט נישט), וואָס ליגט אויפן טיש. אַ טאַטע, וואָס ניט האָבנדיק געבראַכט קיין פּרוטה פון מאַרק, איז ער נאָך פאַרבי־טערט קעגן זיין טאָכטער, דערפאַר וואָס זי לויפט פון דער פאַבריק און גייט בכלל ניט אין זיינע וועגן. אַ טאָכטער, וואָס שווייגט פאַרביסן, מיט טרוקענע טרערן אויף די אויגן, און רעדט זי שוין יאָ, איז עס פון דער שטילקייט, וואָס גרווילט אין דער טאַבאַק־פאַבריק. איר חתן, אַ תלמיד ביי אַ קוימען־קערער, וואָס וועלנדיק זי אָפּנים צעשטרייען, מאָלט ער פאַר איר, האַלב פאָעטיזירנדיק, ווי אַזוי די מענטשן אין געסל, ווערנדיק געיאָגט פון בייטשן, פון ווינט און רעגן, שטעלן זיך פאַר פאַר זיינע אויגן, אַראָפּקוקנדיק אויף זיי פון דער פאַרסאַ־זשעטער לאָך פון זיין קוימען.

טענענהאָלץ, געדענקט זיך מיר, האָט אַרויסגעבראַכט די ראָלע פון דעם קליינעם קוימען־קערער גאַר־גאַר פאַרשטענדניספול און גאָר היפש אין האַרמאָניע מיט דער אטמאָספערע פון דעם גאַנצן איינ־אַקטערל — אַ גוטער אָנזאָג אויף אינטעליגענט שפּילן.

— ה —

אונדזער העכערע און העכסטע ליטעראריש־דראַמאַטישע הויך האָבן מירביידע, סיי מיר און סיי טענענהאָלץ, דערגרייכט, ווי ס׳פאַ־

סירט אָפּט אויפן וועג פון אינערלעכן, מעג ער אפילו זיין באַשיי־דענער שאַפן — נאָך קריזיסן, נאָך פּאַראַקסיזמען פון אָפּגרונטיקן פּאַטאָס.

און ס׳האָבן אונדז ביידע ניט געפעלט.

אין 1905, אַן ערך, האָט, אַזוי ווי אַ שטורעם־ווינט פון אַ ניט־פרישער מדבר־הייל זיך וועלפיש־גרויזאַם אַרויסגעריסן אַ צבועאיש־אומריינער העצער פון יעקב סאַפּירשטיינס „מאָרגן־זשורנאַל" און קאַ־מייקאַ־סאַריזאַנס „טאָגע־בלאַט" קעגן יעקב גאָרדינען, און, דורך אים, קעגן דעם גאַנצן ליטעראַרישע יידישן טעאַטער. דאָס ערגסטע, דאָס אויפרודערנדיקסטע אין דער גיפטיק־שלימעוודיקער וואַקכאַנאַליע איז געווען, וואָס אויף איר ווילדסטן געלאַף, האָט זי פּאַקטיש קיין איין ממשות׳דיקן אָפּהאַלט־אָפּשטויס נישט באַגעגנט. די טעאַטער־וועלט האָט גאָרדינען קיין הילף נישט געגעבן. די שונדיסטן האָבן זיך מיטן שיעור־חרם אויף גאָרדינען דערפרייט, מיינענדיק, אַז אָט־אָט קומט שוין די מפּלה אויף זייער אַלטן שונא. יעקב אדלער, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ געלעבט אין גאָרדינס פּיעסן ווי אַ פיש אין וואַסער, איז שוין אָבער איצט מער קיין בעל הבית פון זיין טעאַטער ניט געווען, נאָר אַן אָנגעשטעלטער דירעקטאָר־שפּילער. אויך מיכאל מינץ און קעני ליפּצין, גאָרדינס געטרייע חסידים און זיינע געשעפט־פּאַרבינ־דעטע, האָבן אין זייער טעאַטער געהאַט נאָר אַ העלפט, אי דאָס משמעות די קלענערע. דאָס סאַמע ערגסטע, דערנידעריקסטע און אויפרייצנ־דיקסטע איז אָבער געווען, וואָס די איינציקע, וואָס האָבן געזאָלט און געקענט געבן אַן אמת גלוטנדיקן ווידערשטאַנד — דער „פאָר־ווערטס" און זיין רעדאַקטאָר — האָבן נאָר צוגעשטעלט אַ שטאַמלענ־דיק־לעבלעכן, טינטענעם אָפּוועַר.

מיט אַלע זיינע קליינע און שוואַכע כוחות, באַשטייענדיק פון אָרימע אַרבעטערישע יינגלעך און מיידלעך, האָט דער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב" פון סאַמע ערשטן געפּאַר־סיגנאַל — געפּאַר פאַר דער ערלעכער און אויפריכטיקער יידישער דראַמע — באַוואָפּענענדיק זיך מיט אַלע זיינע אמתע און געמיינטע וואָפן — זיך אַריינגעוואָרפן אין אָפּוועַר־קאַמף. ווער עס האָט געהאַלטן אַ פּען אין האַנט, האָט געשריבן; ווער עס האָט געהאַט אַ צונג, האָט גערעדט. און רופנדיק אייניקע פּראָטעסט־מיטינגען, לויפנדיק פּאַרפּלאַמט צו שכנישע פאַר־זאַמלונגען; אויסנוצנדיק די אייגענע קליינע טריבונע ביז צו איר לעצטן טפּח, ריידנדיק אויף דער קלענסטער פרעמדער אסיפה׳לע,

אפילו אין היימישע קרייזלעך. אין אַזאַ מין בהלה־פיבער האָט דער קלוב אָפּגעלעבט אַ קנאַפּן יאָר — אַלע מיטגלידער אזוי — ווער רעדט נאָך אַזאַ איינער ווי טענענהאָלץ, וואָס האָט שוין געהאַט אַרויפגעשטיגן צו אַנזעעוודיקייט.

שוין אין דעם דאָזיקן קריזיס, פון וועלכן מיר זיינען סוף־כל־סוף דאָך אַרויס די זיגער, האָט געגליט ניט ווייניק פּאַטאָס. אַ צווייטער קריזיס, וואָס זיין אַזוי ווי פון אונטער דר׳ערד אַרויסשווימנדיקער פּאַטאָס, האָט צעטרייסלט דעם קלוב און, אזוי ווי א שיעור־ניט דערטרונקענעם, „אויסגעטרייסלט״ טענענהאָלצן, איז פאַרביידן געווען אַ מורא׳דיקער יום הדין.

דאָס איז געווען אין יאָר 1908, לויטן קאַלענדאר, לויט אונדזערע פּיעסן־חשבון, אפשר צווישן הירשביינס „אין דער פינסטער״ און גערהארד הויפּטמאַנס „איינזאַמע מענטשן״, איז טענענהאָלץ אונטער דער צייט שוין געוואָרן אַ זייל צווישן אונדזערע שפּילער און זייענדיק פאַרביטערט קעגן אונדזערע פּירונגען, האָט ער, משמעות, ביי זיך באַשלאָסן, איבערצובויען דעם גייסטיקן בנין פון קלוב. איך זאָג משמעות, ווייל אנדערש פון אונדזערע פריערדיקע קריגער, האָט טענענהאָלץ ניט געליאַרעמט אויף די מיטינגען, נאָר געבורעט הינטער די קוליסן.

טענענהאָלץ האָט פאַר זיין אגיטאַציע געפונען אַ מער־ווייניקער פּרוכטבאַרן באָדן — צווישן אַן עלעמענט, וואָס אונדזערע אידייען און צילן זיינען אים נאָך פון פריער געווען פרעמדלעך, אויך צווישן אַ געדיכטער גרופּקע „רוסאַקעס״, מענטשן גאַנצע, אָדער האַלבע פּראָפעסיאָנאַלן, פון דער רוסישער, אָדער אוקראַינער בינע, וואָס באַטש מיר האָבן געוואוסט דעם עיקר פון זייער ציל — דאָס גרויסע יידישע טעאַטער — האָבן מיר זיי אָבער געדולדעט, אי ווייל זיי האָבן דאָך ניט געקענט פאַרלייקענען זייערע נאַטורן, ווייל, מאַטעריעל־מאָראַליש איז דאָך עפּעס ווערט געווען, וואָס ביי אונדז האָבן זיי זיך געלערנט, אפשר טאַקע ביי אונדז זיך אויסגעלערנט יידיש, און אויך — וואָס טויג דאָס לייקענען? — ווייל מיט זייערע רוסישע, אָדער אוקראַינישע נומערן האָבן זיי אונדז געהאָלפן אויספילן אונדזער פּראָגראַם אויף אונדזערע עפנטלעכע אָוונטן.

ניט נאָר איז טענענהאָלץ מיט זיינע „אדיוטאַנטן״ אַוועק פון קלוב (כ׳געדענקט שוין ניט, צי מיט, צי אָן אַ „זיי־געזונט״) — ער האָט אויך גענומען אַרויסציען פון אונדזערע רייען און, וועלנדיק

אונדז טרעפן ווי אַם ווייטיקסטן, האָט ער טאַקע אַרויסגעצויגן אונ־דזערע שפּילער. דער עיקר איז טענענהאָלץ טאַקע געווען אַ בריה אויף „אַוועק־גנב׳ענען" אונדזערע שפּילנדיקע מיידלעך.

דערזען, אַז ס׳איז שלעכט, עס שמעקט מיט סוף, וואָרום אַן שפּי־לער און שפּילערקעס איז נישטאָ קיין פּראָגראַמען, און אָן פּראָגראַ־מען איז נישטאָ קיין כּוח אָנצוהאַלטן די קלוב־צימערן, האָבן די איבערגעבליבענע חברים און חברטעס (און אפשר טאַקע אויך איך אַליין), זיך געווענדעט צו מיר מיט אַן אולטימאַטום: „דער קלוב מוז לעבן! קרעפטן מוזן געשאַפן ווערן!!"

בין איך אפשר צום ערשטן מאָל אויף מיין לעבן, זיכער צום ערשטן מאָל אין מיין עפנטלעכער טעטיקייט געוואָרן אַן אומבאַרעכנ־טער ריזיקאַנט און — הפּנים אין אַ געבענטשטער שעה! עס האָט געהאָלפן, עס האָט זיך איינגעגעבן. די בחורים און מיידלעך, וואָס מיר האָבן פּור־פּלאַט אַוועקגעזעצט לערנען ראָלן, מאַכן פּראָבע, האָבן געפּאָלגט (די מערסטע, נאַטירלעך, בשמחה רבה) און זיי האָבן גע־שפּילט און זיי האָבן אויסגענומען און ס׳איז אַוועק אַ לעבן, און פּרטים לכל הפּחות, אפשר נאָך לעבעדיקער ווי פּריער.

איך קען זיך פאָרשטעלן די פּאַטעטישע לאַגע אין וועלכער טע־נענהאָלץ האָט זיך געפונען — ער, דער גאַנץ יונגער, ער, דער גאַנץ סענסיטיווער, וואָס איז ממש אויסגעגאַנגען נאָכן „ברעטל" — צי האָט ער בלויז געוואָלט אָפּשפּילן אונדז אַ „סטרייק", אָדער האָט ער געוואָלט אונדז עפּענען אַ „קאָנקורענץ"?

איך קען ניט קאָווירן, אַז מיר וואָלטן ניט געבליבן „די גזלנים" (דווקא ניט קיין יידישע) ווען ניט דער גרויסער פּאַטאָס פון גאָרדינס טויט.

ס׳איז אויף דער יידישער גאַס קיין סוד ניט געווען, אַז גאָרדין איז קריטיש קראַנק. גלייך נאָכן דורכפאַל פון זיין לעצטע פּיעסע „דעמענטיא אמעריקאַנא" אין טאָמאַשעווסקיס „פּיפּלס טעאַטער", האָט זיך די שרעקלעכע נייעס פאַרשפּרייט: גאָרדין ליגט אין בית ישראל האָספּיטאַל — און — אָט אַזוי שטיל, אַז נאָר די נאָענטסטע מענטשן הערן עס — גאָרדין האָט אַ ראַק — אין דער רעדאַקציע פון דער „וואָרהייט", גאָרדינס אָרגאַן, פאַלן מאַנספאַרשוינען אריין אין היס־טעריקע. אין איין דאָנערשטיקדיקן פרימאָרגן באַגעגנט שוין די מיט־אַרבעטער און פאַרבייגייער פון דער „וואָרהייט" אַ שוואַרצע פאָן . . .

אויף מאָרגן, פרייטיק (איך ווייס אסור, ווי אַזוי מען האָט דעם עולם צונויפגערופן, ווי אַזוי מען האָט עס אַלץ אראַנזשירט), צווישן

פרימאָרגן און נאָכמיטיק, צווישן דער היינטיקער, פרייטיקדיקער און דער מאָרגנדיקער, שבתדיקער „וואָרהייט" — וועלכע איך האָב גע־מוזט העלפן „אַרויסלאָזן" — טרעפן מיר זיך אַלע, די יונגע בחורים און אויך אייניקע מיידלעך, ווייט אין ברוקלין, אין דער געגנט פון מעדיסאָן סטריט, וואו גאָרדין האָט געוואוינט. מיר גייען שטיל, פאַר־כמורעט, וואו־ניט־וואו אַ שוואַרץ־גרוי־פאַרפלעקטע באַק, וואו־ניט־וואו אַ פריש־אָנגעקוואָלענע טרער. מיר גייען נאָטירלעך שטיל, מען וואַרפט זיך בלויז דורך מיט אַ וואָרט, מיר גייען אָבער אין דער רייע, אַזוי ווי אין אַ מין אימפּראָוויזירטן מאַרש. דאָס גייען מיר אין גאָר־דינס הויז, וואו אונדזער בר־מנן־„גענעראַל" ליגט אין זיין לעצטער „רעוויע".

פלוצלונג גיט מיך אימעצער אַ טאַרע, איך קער מיך אום: אימעצער, אַן אייגענער, זאָגט מיר אָן בלחש: — ווייט הינטער אונדזער מחנה גייט טענענהאָלץ, חושך ווי די ערד. געוואויר געוואָרן פון אונדזער „מאַרש" האָט ער אונדז אָפּגעוואַרט. צי מעג ער צוקומען נאָענט? גיין מיט אונדז אין דער רייע? כ׳טו אַ שאָקל מיטן קאָפּ, טענענהאָלץ קומט צו. די פיגור געבראָכן, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די פאַרגאָסענע אויגן קוקן מיט געבעט — מיט געבעט אויף מחילה. צי האָב איך אים די האַנט דערלאַנגט, כ׳געדענק ניט, אָבער ס׳איז ניט נויטיק געווען. זיינע טרערן און מיין פעסטער קוק האָבן זיך געטראָפן און פאַרשטאַנען . . .

צוריק פון בר־מנן׳ס הויז זיינען מיר געפאָרן אַלע צוזאַמען.

צום נעקסטן מיטינג פון קלוב איז טענענהאָלץ מיט די זייניקע באַצייטנס געקומען. מיר האָבן זיי אַריינגענומען אָן טענות און מענות, מיט טיפן שווייגן זיי צוריק אין די ביכער איינגעשריבן.

אין אייזן שאַרפט דעם צווייטן, איין מענטשלעכן האַרץ דאָס אַנדערע, (איןליידן, אין איבערלעבונגען) — זאָגט אומגעפער אַ פּסוק אין „משלי". אונדזערביידנס, סיי דעם קלובס און סיי טענענ־האָלצס, קריזיסן און פאַטאַסן האָבן אונדז, סיי פאַרטיפט, סיי אונדז אויפגעהויבן.

אין אַרום דער פעריאָדע, וואָס איך האָב אויבן באַשריבן, האָט דער קלוב געמאַכט זיין גרויסן, אפשר טאַקע זיין גרעסטן שריט, בשעת טענענהאָלץ האָט, מיט און אין אים, דערגרייכט זיין טיפסטע אויסצייטיקונג.

דעם קלובס גרויסער שריט איז געלעגן אין א. פּרומקינס (ע״ה) גאַנץ גלאַטער איבערזעצונג פון גערהארד הויפּטמאַנס דראַמע „איינזאַמע מענטשן״, וואָס צווישן זיינע בירגערלעכע — ניט גראָד סאָציאַלע, ווי די „וועבער״ און ניט גראָד פּאָעטישע, ווי „דער איינגעזונקענער גלאָק״ — איז זי העכסט וואַרשיינלעך די בעסטע; אַ פּולבלוטיקער, פולפאַרביקער, מאָדערן אינטעליגענטער קרייז, אָנגעהויכט מיט לעבן־באַגער און פרייהייט־שטרעבן, אין אַן אומפאַרמיידלעכן קאַמף מיט זיין קליינבירגערלעכן הינטערגרונט און דאָס אַלץ אַרויסגעבראַכט אין קלאָר, הגם וואַסער־קאָלירטע, טיפן און פאַרשוינען און גאַנץ בולט־באַוועגלעכע סצענעס.

זייענדיק צו יענער צייט באַווירקט מיט עטלעכע פון דרויסן צוגעקומענע טיכטיקע אקטיאָרן און מיט אַ נישקשה׳דיקער צאָל אין קלוב גופא אויסגעוויילטע שפּילער, דער עיקר אָבער מיט אַנטשלאָסענעם ענטוזיאַזם האָבן מיר, ווי שווימער אין אַ פריש־ברויזנדיקן שטראָם, זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ חשק׳דיק־אומדערמידלעכן לאַנגדויערנדיקן שטודיום. אונדזער פלייסיקע אַרבעט האָט געבראַכט פּרוכט, אין וואָכן אַרום האָבן מיר דערפילט די דראַמע אין אונדזערע ביינער. אַביסל שפּעטער האָבן מיר שוין דערשפּירט, נשט נאַר, אַז די פּיעסע
אַביסל שפּעטער האָבן מיר שוין דערשפּירט, נישט נאַר, אַז די פּיעסע
אַז די דראַמע לעבט אונטער אַ פעסטער רעזשי.

פּאַקטיש אַלע שפּילער — פון א גאַנץ היפּשן פּערסאָנאַל — האָבן געשפּילט וואויל און טענענהאָלץ איז געווען צווישן די דריי, אָדער פיר (י. פישמאַן, לינא מעלצער און ה. ווסטאַר) וואוילסטע. טענענהאָלץ האָט געשפּילט בראונען, דער באַלייטער, דער „האָראַציאָ״ פון הויפּט העלד יאָהאַנעס וואָקעראַט, אַ כאַראַקטעריסטישער אינטעליגענטישער טיפּ פון די אַכציקער יאָרן, אַן „אייביקער סטודענט״, אַ טומלער, אַ שרייער, אַ פרײדיקער פון „שטורעם־און־דראַנג״, אַביסל, אָבער, אויך אונטערגעשלאָגן מיט „בלאָף״, אַ טיפּישער, ווי עס הייסט בלשון טעאַטער, רעזעניאָר. זיך אַריינגריבלענדיק און אַריינלעבנדיק אין די דאָזיקע שטריכן, האָט זיי טענענהאָלץ גוט אַרויסגעבראַכט. צו די דאָזיקע שטריכן האָט נאָך דאָס מענטשל בראַון פאַרמאָגט עטוואָס פון דער איראָנישקייט, כעס׳דיקייט און אומגעשליפנקייט, מיט וועלכע טענענהאָלץ האָט באַשפּריצט אַ פּאָר ראָלן, וואָס האָבן אים ביי אונדז אַרויסגעהויבן שוין מיט עטלעכע יאָר פריער.

„איינזאַמע מענטשן״ איז העכסט וואַרשיינלעך געווען דעם קלובס

בעסטע, העכסט דערפֿאָלגרייכסטע פּיעסע. די ראָלן האָבן אונדזערע שפּילער שוין ניט אָפּגעלאָזט, לכל הפּחות אין פֿאַרלויף פֿון זייער קאַריערע אין „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב". וואָס שייך טענענהאָלצן, האָט די ראָלע פֿון בראַון אים אַרומגעכאַפּט ווי אַ שיינענדיקער מאַנטל און אַרום אים טעאַטראַליש־פֿייערלעך זיך געפֿעכלט און געהוידעט אין משך פֿון יאָרן.

נאָך אַ גרעסערן דערפֿאָלג, ריין־שוישפּילעריש, האָט טענענהאָלץ, אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום געהאַט, ווידעראַמאָל אין הויפּט־מאַנס אַ דראַמע, „דאָס פֿרידנס פֿעסט". ניט געקוקט וואָס דער קלוב אַלס אַ גאַנצער, האָט מיט דער פּיעסע ניט געטראָפֿן. ליטעראַריש (אפשר עטוואָס ווייניקער דראַמאַטיש) איז „דאָס פֿרידנס פֿעסט" וואָס מיינט קריסטמעס, טאַקע אַ גאַנץ גוטע שטיק, אָבער אויך אַ גאַנץ נאַטוראַליסטישע דראַמע, אַזוי אַז עס ווערט שוין אַביסל צו האַרבלעך.

אָבער טענענהאָלצס פּערזענלעכן דערפֿאָלג האָט דאָס אַלץ בשום אופֿן ניט פֿאַרטונקלט. אַרומגערינגלט מיט אַזעלכע גוטע שפּילער ווי יודל דובינסקי, יחיאל גאָלדסמיט (ע"ה), לינאַ מעלצער און אפשר נאָך עמיצער, האָט טענענהאָלצס „ראָבערט", דער עלטערער ברודער, פֿון צווישן זיי אַרויסגעשיינט העל און אפֿילו פֿלאַקערדיק. איך זאָג „פֿלאַקערדיק", ווייל ראָבערט איז טאַקע די פֿאַרקערפּערונג פֿון האַרבסטן נאַטוראַליזם, זייענדיק ניט נאָר פּראָזאַאיש־גראָב, אין רעכטן מיטן פֿון אַ קריסטלעך יום־טובֿ'דיקער אַטמאָספֿערע, נאָר טאַקע אויך שטעכיק־ביטער, אפֿילו צאָרנדיק־פֿאַרניכטנדיק. דאָס אַלץ האָט טענענהאָלץ ניט געקאַרגט, גאַנץ פֿאַרביק און אפֿילו גאַנץ דראַמאַטיש אַרויסגעגעבן. אַלע זיינע אַלטע שטריכן, ווי אויך אַלץ נייעס האָט ער אַרויסגעבראַכט שניידעוודיק־העל, מער נאָך, כאָטש טענענהאָלץ־ראָבערט איז קיינמאָל אויף קיין רגע ניט אַליין אויף דער בינע, שמידט ער אָבער אַלע מאָל צו צו זיך די גרעסטע מאָס אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם צוקוקער.

נישט קענענדיק אויסרעכענען אַלץ (מיינע זכרונות האָבן זיך שוין אַזוי אויך אַריבערגעגאָסן איבער די ברעגעס), וועל איך נאָר דערמאָנען די פֿאַרלעצטע אויפֿפֿירונג פֿון קלוב, אַן ערך אין 1911-12, „די משפּחה" פֿון ה. ד. נאָמבערג (ע"ה).

„די משפּחה" האָבן מיר געשפּילט אונטער גאַנץ מאָדנע אומשטענדן. פֿון איין זייט האָבן מיר נאָר וואָס געהאַט איבערגעלעבט אַ גרויסע קאַטאַסטראָפֿע — מיר האָבן זיך געהאַט דערוועגט אויף אַ גרויסער

אונטערנעמונג, אָן אייגן טעאַטערל, שיער ניט אַ טעאַטער, אריינ־לייגנדיק אין דעם אונדזער גאַנץ פאַרמעגן. נאָר אז ס׳איז געקומען צו תכלית, האָט אונדז די שטאַט־רעגירונג, אויס זיכערקייט וועגן, פאַרבאָטן דאָס טעאַטער צו עפענען. האָבנדיק דערווייל פאַרלאָזט אונדזערע אלטע קלוב־צימערן, האָבן מיר זיך אריינגעצויגן אין די צימערן פון אַ פרעמדן קלוב, וואָס איז אונדז געווען גאָרניט סימ־פאַטיש, דאָך האָבן מיר זיך מיט אים פאַראייניקט. (דאָס איז געווען אונדזער לעצטע שותפות־קאָמבינאַציע!)

פון דער אנדערער זייט האָבן מיר אָבער אויך געהאַט אַ גרויסע קאָמפּענסאַציע — אויב איר ווילט, צוויי קאָמפּענסאַציעס. ערשטנס, די פּיעסע. מיר זיינען פון איר (אַ חוץ דעם פערטן אַקט נעבעך, נאָך גוט טאַקע וואָס ער איז געווען דער פערטער) — מיר זיינען פון דער פּיעסע געווען אנטציקט, אַזוי אַז מיר האָבן דעם ליבן נאָמבערג — דעמאָלט אַ גאַסט אין אמעריקע — באצאָלט פאַר איר ארום דריי הונדערט דאָלער (וואו ערגעץ מיר האָבן ביי אַזאַ פרישן דלות, אויסגעקראַצט אַזאַ סומע געלט, ניט איך ווייס און ניט איך געדענק). צווייטנס, האָט אונדז דער נייער קלוב, ביי זיין גאַנצער ניט־סימפּאַ־טישקייט, דאָך צוגעשטעלט צוויי נייע יונג־פרישע שפילערינס.

„די משפחה איז געווען אַ נשמה׳דיק באַלויכטענע, וואַרעם־יידישע און צייטלעכע דראַמע. דאָס טשאַקנדיק־לעבעדיקע שפילן האָט זיך האַרמאָניש־פּסיכאָלאָגיש צונויפגעגאָסן מיטן טעקסט. עס איז געווען אַ פיין, גרויסאַרטיק שפּילן און דאָס פיינסטע און הערלעכסטע (צום גרויסן טייל אַ דאַנק דער זייער דאַנקבאַרער ראָלע) איז, אין לעצטן סך הכל, געווען טענענהאָלצס.

צום ערשטן מאָל האָט דער קלוב געשפּילט אַ טיף יידישע פּיעסע און צום ערשטן מאָל האָט טענענהאָלץ געשפּילט אַ יידישן פאָטער. (אַ פּוילישער, יוסטער בעל הבית, מיט אַ ריח פון תורה, אָבער אָן תורה גופא, אַ קלוגער, אָבער אויך אַ ביטערער, געוויינטלעך אַ בנעימותדיקער, אָבער, אַז מען צינדט אים אָן, אויך קריגעריש און דעמאָלט קען ער זיך אויך גאַנץ גוט אויס׳טענה׳ן). איז דאָס, אַרום און אַרום, כאָטש מיט אַ פּאָר ווייטלעכע דערמאָנונגען אויף טענענ־האָלצעס פריער אָנגעצייכנטע שטריכן — אַ גאַנץ נייער טיפּ מענטש אין טענענהאָלצעס גאַלעריע — אַ נייער און פיל־רייכערער, פיל־זייטיקערער.

און ווי האָט טענענהאָלץ זיך מיט אים ספּראַוועט? ענטפער איך גאָר אָן קווענקלעניש — זייער גוט! אי שטאַרק, אי אַלזייטיק, אי ניט אָן חן.

אין יאָר 1912 — פונקט צען יאָר נאָך זיין גרינדונג — האָבן מיר דעם „פּראָגרעסיוו דראמאטיק קלוב״ געשלאָסן.

מיט וואָס פאַר אַ געפילן? דריי־און־פערציק יאָר זיינען פון דע־מאָלט אָן אַוועקגעפלאָסן, און מיך — אפשר ווייל איך בין אַ טעאַטראַל? — לאָזט אַלץ ניט אָפּ, אלס פארגלייך, די סצענע וואו הענריק איב־סענס גרעסטער העלד, פאסטאָר בראַנד, פאַרשליסט זיין קירכע, וואו ער און זיין עדה האָבן, זייער לעבנלאַנג, געדאַוונט, און וואַרפט די שליסלען אין ים אַריין.

וויפל געטרייע האָבן פאסטאָר בראַנדן אַרומגערינגלט בשעת מעשה? וואָס שייך די פאַרשליסער פון אונדזער קירכע, געדענק איך, אַ חוץ מיר, נאָך צוויי, אברהם רייזינס לאַנדסמאַן ראָבערט מערליס (ע״ה), אַ געשפּילטער אויף דער דייטשער בינע אין דייטשלאַנד און דאָ אין אַמעריקע, אַ חוץ אין קלוב, און, זאָל אָפּגעשיידט ווערן, דער שוין עטלעכע מאָל דערמאָנטער ס. ליפּא. און פאַרוואָס האָבן מיר אונדזער „מקום קדוש״ פאַרשלאָסן? דעם פאסטאָר בראַנדן און זיינע טרייע איז זייער קירכע צו קליין, צו ערדיש און צו וואָכעדיק געוואָרן, זיינען זיי אַוועק דינען אין די הימל־הויכע און הימל־פרייע בערג. אין אונדזער „קירכע״ זיינען געבליבן אַ פּאָר געציילטע, ווייל אונ־דזערע קינדער, וואָס מיר האָבן אויסגעהאָדעוועט, אויסגעכאָוועט און אויסגעצייטיקט, האָבן זיך גענומען רייסן צום באַשטענדיקן יידישן טעאַטער. אַזוי, אַז יעדער נערוו אין אונדז, האָט אויסגעשריגן:

— גענוג! מער קיין כוח נישטאָ.

און מיר האָבן פאַרשלאָסן.

און דורך די אַלע יאָרן ביז איצט, ווען איך טו אַ טראַכט פון די צוויי ווערטער: „האָבן פאַרשלאָסן״, טוט מיר אַ שטאָך, אַ טיאָכקע אין האַרצן — אָט די צוויי ווערטער גיב איך איצט איבער אין האַרצן עליע טענענהאָלצן, און איך פרעג נאָר, אי אים, אי זיך אַליין:

— האָבן מיר גוט געטאָן ?!

זונטיק, פופציק יאָר צוריק

פון ה. לאַנג

צום יובילײ פון מײן פרײנט

אליהו טענענהאָלץ

געדענקט איר פרײדוסן ?

אַברהם ס. פרײדוס, דעם ביבליאָטעקאַר פון דער ײדישער אָפּטײ־לונג בײ דער ניו־יאָרקער „פּאַבליק לײברערי" צוריק מיט פופציק יאָר, דעמאָלט און אַ צאָל יאָרן שפּעטער, אונטערן נאָמען „אַסטאָר לײברערי."

פרײדוס—אין פיזישן אויסקוק, מיט זײן שווערן רונדן גוף, אַן אומבאַהאָלפענער מענטש, און ממש אַ פאַרשטומטער, אָהן אַ וואָרט אויס־צורײדן, אָבער מיט אַ רײכטום פון װיסן, װי ער װאָלט געטראָגן אין זיך אַלע ענציקלאָפּעדיעס פון דער װעלט, און מיט אַ ליבשאַפט צו אַלץ אין שײכות מיט דער ײדישער קולטור, װי יעטװידע אידיש־גײסטיקע שאַפונג װאָלט געװען, ניט קײן אַנדערנס, נאָר זײנע...

און געדענקט איר אב. גאָלדבערג ?

אַ פּאָליטישער מענטש בײ אַלע ײדישע אַסיפות, אַ װאָרטפירער אין אַמעריקאַנער ציוניזם דורך פעדער און פלאַטפאָרמע; אַ פּאָלעמיקער, ענטװעדער פאַר, אָדער קעגן, כלערלײ ײדישע פאָלקס־באַװעגונגען; אַן אָפּשאַצער פון היסטאָרישע ײדישע פערזענלעכקײטן, אָבער אין זיך אַלײן מערער אַ פאַרטװענער אין חלומות צוצובערענגען דעם אַמעריקאַ־נער ײדנטום צו דער העברעאישער ליטעראַטור, נאָר דאָס זאָל ניט זײן אויפן חשבון פון דער ליטעראַטור אויף ײדיש, און דערצו פלעגט ער דעמאָלט, צוריק מיט פופציק יאָר, פון־צײט־צו־צײט אַ שײן־טאָן אַלס פּאָעט מיט אָפּגעדרוקטע לידער אין דער „פרײער אַרבעטער שטימע."

איך דאַרף אויך פרעגן צי איר געדענקט דר. פּאָול אײבעלסאָן—דעם פאַרטײטשער פון אַמעריקע פאַר ײדישע אימיגראַנטן דורך זײן אָנפירערשאַפט, אַ געװיסע צײט, בײ דער „מעדיסאָן סטריט סעטלמענט הויז" אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סײד, און נאָכדעם האָט ער גענומען שמ'ען אַלס אַ פאַרמיטלער אין די אַרבעטער קאַמפן מיט די באַלע־

באַטים אין די קליידער־אינדוסטריען, און געחלומט אַ חלום, אינאיינעם מיט דר. יהודה לייב מאַגנעס, אויסצושמידן פון ניו־יאָרקער יידנטום אַ קהילה פון אַלע קלאַסן, און אין מיטן פון דעם אַלעמען האָט ער רעדאַקטירט דעם ענציקלאָפּעדישן יידיש־ענגלישן ווערטערבוך, אַרויס־געגעבן פון יעקב סאַפּירשטיין, אייגענטימער פון „מאָרגן־זשורנאַל״...

דערלויבט מיר שוין אויך צו פרעגן אויף וויפיל איר געדענקט מיינעם אַ משפחה־מענטש, פּראָפעסאָר יאָזעף קאָהן, אַן אייגנאַרטיקע געשטאַלט אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד ביים אָנהויב פון יאָר־הונדערט. יידישע אַפּטייקערס, וועלכע האָבן דעמאָלט שטודירט פאַר־מאַצעפּטן־קענטשאַפט אין דעם ברוקלינער קאָלעדזש פאַר כעמישע וויסנשאַפטן, געדענקען אים אוודאי. ער איז געווען זייער רבי. און אַ פאַרעלטערטער בחור, פלעגט ער זיך לאָזן אַרומפירן פון זיינע יונגע סטודענטן צו סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע צוזאַמענקונפטן און צו יידיש־ליטעראַרישע פאַרזאַמלונג. און אַליין פלעגט ער אָפט פאַר־פאַלן ווערן אין די קלענסטע שולכלעך ערגעץ אין ניו־יאָרק, בלויז צו האַלטן וואָך אין זיך דעם אַמאָליקן לערנער פון דער סלאָבאָדקער ישיבה...

אין דער אינטימער געזעלשאַפט פון אָט־די פיר מענטשן, האָב איך, אין האַרבסט פון יאָר 1905, דורכגעלעבט מיין ערשטן זונטיק אָוונט ביים „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב״ אויף דער ניו־יאָרקער מעדיסאָן סטריט, וואו אליהו טענענהאָלץ האָט געשיינט מיט זיינע פאַר־לעזונגען פון דער יידישער ליטעראַטור.

געקומען אַהין זיינען מיר נאָך דער וועכנטלעכער פאַרזאַמלונג, זונטיק בייטאָג, פון די „דוברי שפת עבר״ אין עדיוקיישאַנאַל אַלייענס אויף איסט בראָדוויי און דזשעפערסאָן סטריט, וואו אַב. גאָלדבערג איז געווען דער אָנפירנדער מענטש. ביידע קליינע גרופּעס, דער פאַראיין פון די העברייער און דער קלוב פאַר יידישער דראַמע, אונטער דער דירעקציע פון יואל ענטין, דעמאָלט איינער פון די פאַרנעמסטע קריטי־קער אין דער יידישער ליטעראַטור, האָבן אין יענע טעג אויפגעטאָן אַ גרויסע היסטאָרישע זאַך פון אַ קולטור־פּאָליטישן אינהאַלט. יענעם זונטיק איז די דערגרייכונג פאָרמעל געמעלדעט געוואָרן.

אַ יאָר פריער איז אַריסגעקומען אַ גזירה פון דעם באָארד אָוו עדיו־קיישאָן פון ניו־יאָרק, אַז די שטאָטישע ביבליאָטעקן דאַרפן זונטיק זיין געשלאָסן. דאָס האָט אויך געמיינט, אַז די טירן פון דער אַסטאָר לייב־רערי וועלן זיין פאַרמאַכט. אייגענטלעך איז די גזירה אַרויסגעקומען

דורך דער אַסטאָר לייבּרערי. גלייך אַנטקעגן איר איז געווען אַ קירכע. די פרומע לייט האָבּן ניט געקענט פאַרטראָגן וואָס בעת זיי זאַמלען זיך אין דער קירכע, דרייען זיך „אַפּיקורסים" אויף דער צווייטער זייט גאַס ביי די טירן פון דער ביבּליאָטעק. אַ פאַרמאַכטע אַסטאָר לייבּרערי, זונטיק, האָט באַזונדערס אַ קלאַפּ־געטאָן דער יידישער יוגנט, וואָס פלעגט קומען אַהין צו דער יידישער אָפּטיילונג אונטער דער פאַטער־לעכער אַנפירערשאַפט פון אַבּרהם פריידוס.

אוודאי האָט ער געפּראוווט ווירקן דורך איינפלוסרייכע פריינט, אַז מען זאָל די גזירה צוריקרופן, אָבּער עס האָט ניט געהאָלפן. און אַט איז אָנגעשטאָנען דער יאָר 1905, ווען אין ניו־יאָרק האָט אַריינגע־שטראָמט אַ יידישע יוגנט אין די טויזנטער, געקומענע און אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד, און דווקא אַזעלכע, פאַר וועמען אַ גרויסע יידישע ביבּליאָ־טעק, זונטיק, איז געווען דער אַנציענדסטער אָרט.

דער יאָר 1905—ס'איז דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער יאָר אין רוסלאַנד. היסטאָרישע פּאַסירונגען לויפן ווי אַ שטורעם־ווינט. אין די יידישע שטעט ברייננען זיי פּאָגראָמען. עס טרעט אויף דער זעלבּסט־שוץ פון „בונד". די גרויסע פּאָעמע פון דעם דיכטער ביאַליק, „די שחיטה שטאָט", אַ שאַפונג נאָכן קישינעווער פּאָגרם צוויי יאָר פריער, רודערט אויף דעם גאַנצן דור. יידישע קינדער ווערן וואונדערלעכע העלדן. די יידישע וועלט ווערט אויך רייך מיט פּאַרטייען. עס שייבּן אויף די פּועלי־ציון, די ציוניסטן־סאָציאַליסטן (עס־עס), די „סער־פּיסטן", אַרעסטירטע אַנטלויפן פון די טורמעס און קומען אין אַמעריקע. אַ גייסטיקער אויפבּרוך קומט פאָר אויך אין די ישיבות, און אין אַמעריקע האָבּן זיך גענומען זאַמלען טויזנטער לערנער פון דער גרויסער ישיבה־וועלט. זיי זיינען געקומען, וואָס איז שייך וועלט־לעבּן, דערצויגענע פון דער העבּרעאישער פּרעסע אין רוסלאַנד, און זי איז דעמאָלט געווען רייך מיט טעגלעכע צייטונגען און אַ וועכנטלעכן און מאָנאַטלעכן זשורנאַליזם.

ס'איז אַ דור, וואָס האָט שוין דיינע פאַרערטע דענקער און ליטע־ראַרישע געטער, די השכלה־דענקער און אחד־העם, און די סאָציאַליס־טישע דענקער פון דער גרויסער וועלט, און די ליטעראַרישע באַרימט־הייטן פון העבּרעאיש און יידיש: ביאַליק און פּרץ און שלום־עליכם און אַש און רייזען, און אַן אויפשטראָם פון נייע דיכטער און נאָוועליסטן, דורך די נייע הויכקייטן, צו וועלכע די ליטעראַטור אויף יידיש איז דער־

גאַנגען. מען וויל זיי לייענען, מען וויל זיי אפילו לערנען, מען וויל מיט זיי זיך האַלטן גייסטיק יום־טובדיק אין דער נייער וועלט, וואו מען דאַרף כסדר זאָרגן וועגן „מאַכן אַ לעבן.“

אַ גאַנצע וואָך ביי דער זאָרג, און שבת וועט צערונען אין די שטראָמען פון די אַמעריקאַנער פרייהייטן, וועט זונטיק דער גרויסער יידישער קולטור־טאָג, און אַסטאָר לייברערי איז דער ציל־פונקט, וואו די יידישע יוגנט וויל זיך טראָגן—און אַט שטייט די אַסטאָר לייברערי פאַרמאַכט.

די „דוברי שפת עבר“ אונטערנעמען די אַקציע, אַז דווקא זונטיק זאָל די אַסטאָר לייברערי שטיין אָפן, און זיי ווערן אין דעם געשטיצט פונם „פראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב“. און זיי קריגן געזעלשאַפטלעכע כוחות צו ווירקן פאַר דעם. עס האָבן פאַר דעם זיך איינגעשטעלט דורך בריוו צום ניו־יאָרקער באָארד אָוו עדיוקיישאַן אַב. קאַהאַן און פראָפעסאָר איראַן פון דער באַרימטער שולע, וואָס האָט דערצויגן עטלעכע דורות יידישע קינדער צו קענען אַריינקומען אין אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס; און איינגעשטעלט האָבן זיך אויך דר. יהודה לייב מאַגנעס, דעמאָלט אַ יונגער ראַבאַי אין ברוקלין, און דר. פעליקס אַדלער פון דער „עטיקעל קאַלטשור“ באַוועגונג, און דער באַנקיר דזשייקאָב שיף. און אַט איז געקומען אַברהם פריידוס צו די „דוברי שפת עבר“ צו מעלדן, אַז מ׳האָט דערגרייכט דאָס וואָס מ׳האָט געוואָלט, אַז די אַסטאָר לייברערי וועט שטיין זונטיק אָפן. אַליין האָט ער נעבעך, ניט געקענט דאָס דערציילן; האָט ער געדאַרפט זיך אויפשטעלן זאָגן עטלעכע ווערטער פאַר עטלעכע צענדליק מענטשן, פלעגט ער ציטערן, און מען פלעגט ניט פאַרשטיין וואָס ער רעדט; האָט עס אין זיין אַנוועזנהייט געשילדערט אַב. גאָלדבערג. נאָכדעם זיינען מיר געגאַנגען מיט פריידוסן, אַז ער זאָל עס מעלדן דעם „פראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב“, האָט עס דאָרטן געמעלדעט יואל ענטין. עס איז געווען אַ יום־טובדיקער זונטיק אויף ביידע ערטער.

אין דעם דראַמאַטישן קלוב איז דעמאָלט געווען אַ פּרץ־אָוונט. ניט אַזעלכע טעאַטער־פאַרשטעלונג, נאָר פאָרלעזונגען, צוויי גרויסע פּרץ־פאָרלעזונגען מיט יואל ענטינס אָן אַריינפיר אין יעדער פאָרלעזונג באַזונדער.

די צוויי פאָרלעזערס — גרשון רובין און אליהו טענענהאָלץ.

גרשון רובין האָט געלענט פּרץ'ס „צווישן צוויי בערג"; אליהו טענענהאָלץ—פּרץ'ס „דער גלגול פון אַ ניגון".

טענענהאָלץ, מיט זיין גאַנצן טעאַטער־קאַפּיטאַל פון די שפּעטערע יאָרן, שטייט, דער עיקר, באַרימט ווי דער בעסטער פּאָרטייטשער פון שלום־עליכם. דאָס איז, אַזוי־צו־זאָגן, „לאָקאַליזירט". ער איז מער, ער איז פּאַרביקער. ער איז ברייטער און העכער. אויך טיפער. ער איז שפּילעריש געדאַנקען־רייכער ווי עס איז דער אינהאַלט, וואָס שלום־עליכם האָט אויסגעשטעלט פאַר זיינע כאַראַקטער־פּאָרטרעטן פון יידישן פאָלקסלעבן. פּרץ קליידט טענענהאָלצן בעסער. ער, ווי זיין קאָלעגע רובין, יענעם זונטיק אָוונט, האָט פּרצן פריער אַליין געלערנט, ווי מען לערנט אַ בלאַט גמרא, אָדער אַ מדרש מיט אַגדתא, און נאָכדעם האָט ער דאָס איבערגעטראָגן צום עולם פון דער יידישער יוגנט, וואָס האָט גע־וואָלט יידישע ליטעראַטור לערנען.

טאַקע לערנען, ווי מ'האָט פריער געלערנט די ספרים פון די עלטערע יידישע קולטור־קוואַלן; לערנען מיטן זעלבן נוסח און מיטן זעלבן שלייפן דעם געדאַנק, און מיטן זעלבן געפיל פון קדושה.

איך געדענק דעם שמועס, וואָס איז אָנגעגאַנגען נאָך יענע פּרץ־פאָרלעזונגען — דעם שמועס ביי דער גרופּע, מיט וועלכער איך בין געקומען צום אָוונט, און מיט אַנדערע אַרום איר. אין די רייד איז געווען גאָר אַנאַנדער אויסטייטש, וואָס מ'האָט געוויינטלעך געגעבן דעם „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב". עס האָט דאָך געוויינטלעך געהייסן, אַז דער קלוב צילט אויסצובעסערן דעם גרויסן טעאַטער, שאַפן פאַרן גרויסן טעאַטער אינטעליגענטע שוישפּילער און אַנטוויקלען אַן עולם פאַר דער ליטעראַרישער דראַמע. אַן אַמביציעזע אויפגאַבע, אָבער אַ נאַאיווע. טאַקע אַ גרויסע וויכטיקייט, אָבער אַ קליינע גרופּע קען דערמיט זיך ניט פאַרמעסטן. די רייד זיינען געגאַנגען, אַז דער קלוב דאַרף זיך קאָנצענטרירן בלויז צו פאָרלעזונגען פון דאָס בעסטע אין דער יידישער ליטעראַטור, און צו דערגרייכן בלויז דעם עולם פון דער אינטעליגענטער יידישער יוגנט, וואָס האָט דעמאָלט כסדר געשטראָמט אין אַמעריקע. אין אַנדערע ווערטער, דער קלוב זאָל זיין ווי אַ „ישיבה" פאַר דער יידישער ליטעראַטור, און די פאָרלייענער זאָלן זיין ווי „ראשי־ישיבה", ווי לערער: „אָט דאָס האָט געמיינט פּרץ, און אָט־דאָס דאַרף מען אַרויס־לערנען אפילו פון שלום־עליכם"!... און דער קלוב איז דאָס סיי־ווי,

זיינען געקומען אַנווייזונגען אין דעם שמועס; די רובין־פּאַרלעזונגען און די טענענהאָלץ־פּאַרלעזונגען באַשטעטיקן עס...

איז אַז מען פּייערט איצט אַ טענענהאָלץ־יובילײ, איז דאָס אַ יובילײ אויך פון אַ חלום, וואָס האָט אַ שיין־געטאָן אַרום דער יידישער ליטעראַטור. און וואָלט ווער זיך אָנגעשטרענגט צו מאַכן פון דעם טרוים אַוועלכע רעאַליטעט, וואָלט די ליטעראַטור אויף יידיש אפשר געשטעלט גאָר אַנדערע שפּרייזן. זי וואָלט אפשר טאָקע געקראָגן אַ ספר־כאַראַקטער.

זיין אייגענעם קאַפּיטל אין דעם האָט טענענהאָלץ צוגעטראָגן מיט ערלעכקייט, מיט פיינקייט, מיט אַ גייסטיקן חן, וואָס האָט אים געהאַלטן באַליבט טאָקע ביי יענער יוגנט, וואָס פלעגט זיך זאַמלען זונטיק ביי דער אַסטאָר לייברערי מיט פופציק יאָר צוריק . . .

פון אַ חבר צו אַ חבר

פון יודל דובינסקי

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די דייטשע שיף „קייזער ווילהעלם דער גרויסער" געבראַכט מיך מיט נאָך אימיגראַנטן אין ניו־יאָרק. פון דער שיף בין איך פאַרפאָרן אויף דער איסט־סייד, און בין געוואָרן אַ פערמאַנענטער איסט־סייד תושב. די יידישע גאַס איז דעמאָלט געווען אין דעם גלאַנציקן פעריאָד פון קולטור־קינסט־לערישן רענעסאַנס. די יידישע ליטעראַטור, די יידישע פרעסע, דאָס יידישע טעאַטער, און די פאַרשיידענע יידישע קולטור אינסטיטוציעס זיינען געווען דער גייסטיקער „בלומען־בונט", וואָס האָט באַשטראַלט און באַ׳חנ׳ט, ווי זיבן זונען, דאָס יידישע קולטור־לעבן אויף דער איסט־סייד. אין דעם „בלומען־בונט" פון יידישע קולטורעלע אינסטיטוציעס, האָט אַרויסגעפינקלט דער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב", אונטער דער לייטונג פון דעם שרייבער, ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיקער, יואל ענטין. די אויפגאַבע פון דעם „פּראָגרעסיוו דראמאטיק קלוב" איז געווען צו באַקענען די מאַסן מיט דער מאָדערנער יידישער לי־טעראַטור און אַקטיוויזירן דעם געדאַנק פאַר אַ בעסער יידיש טעאַטער.

די היים פון דעם דאָזיקן דראַמאַטיק קלוב איז געווען אויף דער איסט־סייד, אויף מעדיסאָן סטריט, וואו ס׳איז געווען איינגעשטעלט אַ קליינע בינע, און יעדן סוף וואָך איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קאָנ־צערט און טעאַטער פאָרשטעלונג. מיטגלידער פון קלוב פלעגן אויפ־טרעטן מיט פאָרלעזונגען, רעציטאַציעס און אויך אין איינאַקטערס פון אונדזערע מאָדערנע יידישע שריפטשטעלער און דראַמאַטיקער.

איך, אַ גרינער, וואָס האָט מיטגעבראַכט מיט זיך רוסישע טע־אַטער־טראַדיציע, אויף וועלכער איך בין דערצויגן געוואָרן און גע־שפּילט טעאַטער אויף דער רוסישער בינע, בין באַלד צוגעזאָגטן געוואָרן צו דעם דאָזיקן „פּראָגרעסיוו דראמאטיק קלוב". מיין איצט שוין פאַר־שטאָרבענער חבר לואי וויסבערג (בעלאגאָרין), האָט מיך רעקאָמענ־דירט און מען האָט מיך אַריינגענומען אַלס מיטגליד. און דאָרט האָב איך טאַקע צום ערשטן מאָל דערזען און זיך באַקענט מיט עלי׳ן — אַזוי פלעגט מען אים רופן: עלי, פאַרקירצט פון אליהו — אַ געשטאַלטיק

בחור׳ל, מיט אַ צאַרט פּנים, ס׳האָט געווייעט פון זיין געשטאַלט מיט איידלקייט און עסטעטישקייט. מירביידע זיינען דעמאָלט געווען נאָך יינגלעך, לויטן היינט־וועלטיקן טערמין וואָלט מען אונדז געקאָנט רופן „יוגנטלעכע״ . . . עלי איז דעמאָלט שוין געווען גייסטיק רייפער פון מיר. איך, אַ נאַר־וואָס אַריבערגעקומען פון רוסלאַנד, פון דער פאַר־גוי׳אישטער שטאָט קיעוו, בין געווען אַ „גוי אין פּאָסטעלעס״. גערעדט האָב איך יידיש ווי אַ שבת־גוי, און עלי, מיט וועמען איך בין באַלד געוואָרן חבר, האָט שוין דעמאָלט אַריינגעקוקט אין די קליינע „אותיות־לעך״. ער איז געווען באַהאַוונט און באַלעזן אין דער יידישער ליטע־ראַטור, גלענצנדיק פאַרגעלייענט שלום עליכמ׳ען, געשפּילט אין די איינאַקטערס, מיט טאַלאַנט און אינטעליגענץ, פּונקט ווי ער פלעגט מייסטעריש פאַרלייענען.

די מיטינגען, וואָס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון צייט צו צייט פון „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב״, זיינען געווען לעבעדיק און אינ־טערעסאַנט. איך האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט גרונטאָווּנע צו דערקענען מיין חבר עליס כאַראַקטער. ער האָט פאַרמאָגט דריי קאַרדינאַלע מעלות: אינטעליגענץ, שכל און שאַרפן סאַרקאַזם. ווען עמיצער האָט אים „אָנגעטראָטן אויף די מאַזאָליעס״, האָט ער זיין קעגנער נישט אָפּגע־פּטר׳ט מיט שיה־פּיה, נאָר ער פלעגט יענעם אַריינזאָגן ביז אין דער „זיבעטער ריפּ״.

איך האָב עלין אויך געזען אין בייזע שטימונגען. דעמאָלט איז ער געווען אַ „יידישער גזלן״. דאָס פלעגט טרעפן מיט אים, ווען ער האָט דערפילט צביעות, היפּאָקריטסטווע, קליינלעכקייט; זיין גאַנ־צע נאַטור, זיין אויסגעהאַלטענער כאַראַקטער, האָבן נישט געקאָנט פאַרדייען געמיינע, קליינלעכע מענטשן. ווייל אָט דער „יידישער גזלן״, מיין חבר עלי, איז פון דער נאַטור אַ מענטש מיט אַ ברייטער נשמה, ברייטער האַנט און מיט אַ ״ספּאָרטמעניש״ שוואונג — קליינ־לעכע, גראָשנדיקע „פּעני״־מענטשן זיינען אים פּשוט דערווידער.

עס איז טשיקאַווע — און אפילו אויסטערליש — אָבער איך האָב קיינמאָל נישט געזען, אַז עלי זאָל אַרויסנעמען פון קעשענע קליינ־געלט, אָדער „פּעניס״. תמיד נעמט ער אַרויס פון זיין קעשענע — אפילו צו באַצאָלן אַ ביל אין רעסטאָראַן — פּאַפּיר־געלט, וואָס איז אַן אָפּ־שפּיגלונג פון זיין „ספּאָרטמענישער״ נאַטור. זאָל נאָר אָט דער „יידישער גזלן״ באַמערקן ביי אַ פריינט אַ קרומע מינע, אַז יענער איז אין נויט, וועט ער מיט האַרץ, און לייב און לעבן, אפילו מיט פייכטע

אויגן פון טיפער עמאָציע, אויסשטרעקן זיינע חברישע הענט מיט פולע זשמעניעס.

איך וויל איצט אַ קער טאָן די געשיכטע אַ ביסל אויף צוריק, אין רעטראָספּעקט. כ'וויל פּרואוון אויפמישן בלעטער פון אַ לעבן, וואָס איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען, און אין קורצע עפּיזאָדן אויפפרישן אין מיין זכרון יענע יונגע, אידילישע יאָרן פון אַן עפּאָכע, וואָס איז אַוועק. די דאָזיקע עפּאָכע וואַרט נאָך אפשר אויף איר גרינטלעכער אָפּשאַצונג. דאָס איז אַן אַרבעט פאַרן היסטאָריקער, וואָס וועט, האָפנטלעך, אַמאָל קומען. איך בין דערצו ניט באַרופן. איך וועל בלויז איבערגעבן, אויף מיין באַשיידענעם אופן, איינדרוקן פון יענע יאָרן.

אין די יאָרן פון פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט די יידישע איסט־סייד, אין ניו־יאָרק, וויברירט מיט שפּרודלדיקן, צאַפּל־דיקן לעבן, מיט שטרעבונגען פאַר קונסט און קולטור און רעוואָלו־ציאָנערישן אָטעם. אין יענער עפּאָכע האָבן די טערמינען „גענאָסע" און „געזאָנגען" געהאַט אַן אידעאַליסטישן זין. ס'איז געווען שטאַרק אין דער מאָדע צו זיין „געזאָנגען" . . . און געווען זיינען דעמאָלט גאַנצע פּלעיאַדעס פון „געזאָנגענע": סאָציאַליסטיש־געזאָנגען, ציוניסטיש־געזאָ־נען, און אפילו וועגעטאַריש־געזאָנגען . . . אָבער דאָס אויבערשטע פון שטויסל זיינען געווען די אַנאַרכיסטיש־געזאָנגענע. ווען איינער האָט זיך דערקלערט, אַז ער איז „אַזוי־און־אַזוי געזאָנגען", איז דאָס געווען דער בעסטער אַטעסטאַט פון ראַדיקאַליזם און אינטעלעקטואַליזם. אַ מענטש, וואָס איז אינגאַנצן נישט געווען „געזאָנגען", אַזאַ מענטשן האָט מען באַ־טראַכט פאַר אַ פינסטערלינג און שונא פון פּראָגרעס. ווייזט אויס, אַז אויף מיין יוגנט־חבר עלי טענענהאָלץ און אויף מיר האָט מען אויסגערופן אין הימל, פאַר אונדזער געבוירן ווערן, אַז מיר ביידע זאָלן קומען אויף דער וועלט „ליטעראַריש־דראַמאַטיש געזאָנגען" . . . מחמת פון אונדזערע סאַמע ייִנגסטע יאָרן זיינען מיר, מיט האַרץ און נשמה, געווען פאַרליבט אין טעאַטער. דער „פּראָגרעסיוו דראמאטיק קלוב" איז געווען אונדזער מקום קדוש, אונדזער בית־המדרש. יואל ענטין איז געווען אונדזער רבי. יעקב גאָרדין, לעאָן קאָברין, ז. ליבין, דוד פּינסקי, און שפּעטער אַ ביסל, פּרץ הירשביין, זיינען געווען אונדזערע מדריכים, סיי מיט זייערע לעקציעס און סיי מיט פאַרליי־ענען זייערע פּיעסן.

נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, ווער אין שאָפּ, ווער ביי זיין פּראָ־פעסיע, פלעגן מיר, בחורים און מיידלעך, אין אָוונט זיך צונויפקומען

אינם קלוב און פאַרברענגען די אָוונטן אין קולטורעלן נחת־רוח, און אין אַ געמיטלעך ליטעראַרישער אַטמאָספערע.

אַט טו איך אַ שפרינג אויף צוריק מיט אַ פּאָר־און־פערציק יאָר, ווי מיר גרייטן זיך מיט פראָבן אויפצופירן אַ פּיעסע מיטן נאָמען: „גדליה בעל־עגלה" פון מ. קאַץ (אַדאַפּטירט און באַאַרבעט פון גער־הארד האופטמאַנס „פורמאַן הענשל"). ווייסבערג שפּילט די ראָלע פון „גדליה" און עלי טענענהאָלץ שפּילט די ראָל פון „מאַטקע קאַרנאַס". מיר האָט מען נאָך ניט געטרויט צו שפּילן אַ ראָלע וואו מען דאַרף רעדן. צוליב מיין שבת־גוי־יידיש האָט מען מיר געגעבן צו שפּילן „אַטמאָספערע". אין אַ שענק־סצענע, וואו בעלי־עגלהס זיצן איבער פלעשער משקה און ברומען אַ לידל, בין איך געווען איינער פון אַט דער גרופּע בעלי־עגלהס. געשפּילט האָבן מיר די פּיעסע אין דזשיי־קאָב אדלערס גרענד טעאַטער אויף דער איסט־סייד.

דערנאָך זיינען געקומען אַ גאַנצע רייע פּיעסן און איינאַקטערס, נאָמבערגס „די משפחה", אין וועלכער אליהו טענענהאָלץ האָט גע־שפּילט מיין פאָטער און איך האָב געשפּילט זיין זון, וואָס איז אַראָפּ פון דרך הישר, ווייל ער האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן די גייסטיק־רעליגיעזע מאָראַל, די יידישע עטיק, וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט אין דעם פאָטערס נשמה; מאַרק אַרנשטיינס „דאָס אייביקע ליד"; דוד פּינסקיס „גליק־פאַרגעסענע"; פּרץ הירשביינס „איינזאַמע וועלטן"; גער־הארדט האופטמאנס „פרידנס־פעסט" און „איינזאַמע מענטשן", און אַ סך, אַ סך אַנדערע דראמאטישע ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער און פון דער וועלט־ליטעראַטור.

עלי, איך, און די איצט פאַרשטאָרבענע חברים אונדזערע: גאָלד־סמיט, ווייסבערג, מלכה קאַרנשטיין, און איר צו לאַנגע יאָר, הענריעטאַ שניצער, לאה מעלצער און אַנדערע מיטגלידער פון „פּראָגרעסיוו דראַ־מאטיק קלוב", האָבן זיך באַטייליקט אין דידאַקטיקע אויפפירונגען מיט דער ריינע כוונה צו שפּילן פּיעסן פון ליטעראַריש־קינסטלערישן כאַ־ראַקטער.

און אַט קוק איך ווידער צוריק און זע אונדזער היים, דעם „פּראָגרעסיוו דראמאטיק קלוב" — עס איז אַ קבלת־פּנים פאַר אונדזער ליבן גאַסט פּרץ הירשביין. נאָך מער: איך הער די רעדע, וואָס יואל ענטין האָט דעמאָלט געהאַלטן לכבוד פּרץ הירשביינס קומען קיין אַמעריקע:

„. . . ווען מען האָט גענומען בויען דעם „האָלאַנד טונעל״, האָבן אַרבעטער געגראָבן פון ביידע זייטן, ס׳הייסט, פון ניו־יאָרק און פון ניו־דזשוירזי. ס׳זיינען פאַרביי טעג, וואָכן, מאָנאַטן פון אינטענסיווער אַרבעט. מ׳האָט געגראָבן און געגראָבן, און די וואַנט צווישן די ביידע שטאָטן האָט זיך נישט איינגעגעבן דורכצוברעכן, אָבער — אָט איז געשען דער נס: אַן אַרבעטער האָט מיט אַן אייזערנער לאָם אַ קלאַפּ געטאָן אין דער ערדישער וואַנט, די וואַנט איז איינגעפאַלן און די אַרבעטער פון ביידע זייטן האָבן זיך דערזען און גענומען יובלען פאַר פרייד, זיך געוואָרפן איינער דעם צווייטן אין די אָרעמס און מיט גדולה זיך געפרייט מיט זייער דערגרייכונג. טייערער פרץ הירשביין, די מחיצה צווישן אַמעריקע און אייראָפּע, איז איצט, מיט אייער קומען צו אונדז פאַרשוואונדן. מיט פריידיקן געמיט און מיטן גאַנצן האַרצן באַגריסן מיר אייך און מיר האָפן, אַז איר וועט דאָ בלייבן מיט אונדז און זיין אַ געטרייער מיטקעמפער מיט אונדז, פאַר אַ ריינער, איידעלער יידישע בינע . . . ״

איך דערמאָן זיך, ווי פרץ הירשביין, ע״ה, האָט מיט אונדז מיט־געשפּילט ווי אַן אַקטיאָר: מיר האָבן דאַן אויפגעפירט זיין באַרימטע פּיעסע „די נבלה״. גאָלדסמיט האָט געשפּילט די הויפּט ראָלע, „מענדל״, און הירשביין האָט געשפּילט דעם פאָטער אַברוש — שיינע פאַרגאַנגענע יאָרן.

עלי, איך ווייס אַז דו און איך בענקען נאָך יענע יאָרן, אָבער די השפּעה פון יענע אַרבעטן, די השפּעה פונם „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב״ האָט גאָר אַ סך גורם געווען צום אויפקום פונם יידישן קונסט טעאַטער, אָנגעפירט פון מאָריס שוואַרץ.

אונדזער אליהו טענענהאָלץ האָט שפּעטער, טאַקע אין דעם קונסט טעאַטער, אַרויסגעשיינט מיט זיין טאַלאַנטפולן, אינטעליגענטן שפּילן אין אַ ריי פּיעסן, און איך וויל דאָ אונטערשטרייכן צו דעם יום־טוב פון זיין פופציק־יאָריקן צוטראָג צו אונדזער טעאַטער, אַז מיט זיין אידעאַליסטישער, ערלעכער באַציאונג צו זיין שוישפּילערישער פּראָ־פעסיע, האָט אונדזער עלי פאַרשאַפט חשיבות און כבוד, זיך און אונ־דזער טעאַטער.

די קאַזיאַנע באָרד

(הינטער־קוליסן מעשהלעך)

פון בעסי טאָמאַשעווסקי

דערציילן וועגן עלי טענענהאָלצן, מיין קאָלעגע און מיין ביאָגראַף, וואָלט איך געקענט אַ סך. ס׳וואָלט פאַרנומען אַ היפּש בוך טאַקע, ווייל ס׳איז שוין פערציק יאָר מיט אַ סמיטשיק זינט מיר זיינען באַפריינדעט געוואָרן, ס׳הייסט, זינט עלי איז געקומען צו מיר און מיך אָנגערעגט צו דערציילן פאַר דער וועלט מיין לעבנס־געשיכטע, וואָס ער האָט אַזוי שיין און ריין געשריבן און געדרוקט פריער אין דער „וואָרהייט״ און נאָכדעם — אין אַ בוך.

יאָ, כ׳וואָלט געקענט דערציילן וועגן אונדזער לעבן און אונדזער טעאַטער, וועלכער האָט זיך אַזוי שיין צעבליט און איז אַזוי גיך פאַרוויאַנעט געוואָרן, אָבער סיי עלי און סיי איך וואָלטן דערביי זיך באַגאָסן מיט טרערן, און מיר ווייסן אַז, ערשטנס, ווייַנט מען נישט ביי קיין יובילייאומס און, צווייטנס, וועט מען אונדזער טעאַטער נישט אָפּמינטערן צוריק צום לעבן דורך טרערן . . . אַ חוץ דעם, איז גלאַט שווערן צו ריידן פון אָוועקגעלעבטע יאָרן; איז שוין בעסער, אַז איך זאָל דאָ דערציילן, צו עליס יובילייאום, אַ פּאָר „הינטער־קוליסן״ זאַכעלעך, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין לעבעדיקן לעבן און וואָס האָבן אַ שייכות מיט אונדזער עלין.

צום סעזאָן פון אַרום 1915־16 האָב איך געהאַט דאָס „פּיפּלס טעאַטער״ אין ניו־יאָרק, און מיין פאַרטנער איז געווען דער עליו־השלום׳דיקער יאָסעלע עדעלשטיין. נאָך אַ סך „איינטענהן״ מיט יאָסעלען איז מיר, ווי ס׳זאָגט זיך, געלונגען, אַז טענענהאָלץ זאָל אַנגאַזשירט ווערן. געשפּילט האָבן מיר מיין „רעפּערטואַר״, פאַרשטייט זיך, ווי „כאַנטשע אין אַמעריקע״, „סיידי פלאַם״, „סוזי ברען״ און נאָך אַזעלכע „קלאַסישע״ באָקס־אָפיס פּיעסן, אָבער, פון צייט צו צייט האָבן מיר אויך געשפּילט אַ לייטישע פּיעסע, ווי קאָברינס „דעם דאָקטאָרס ווייבער״, שלום־עליכמס „סטעמפּעניו״, דימאָווס „שמע ישראל״, און אַנדערע.

די ערשטע, וויכטיקע, ראָלע וואָס טענענהאָלץ האָט דאָן געקראָגן, איז געווען די ראָלע פון „שלום דיין" אין „ישיבה בחור". אָט די פיעסע, וועלכע איציקל זאָלאָטאַרעווסקי האָט איבערגעמאַכט פון „האַמ־לעט", איז נישט געווען קיין פיעסע, נאָר אַ גאָלד־מאַין . . . ס'האָט אונדזער טעאַטער געבראַכט פעסער מיט געלט. נו, איר ווייסט דאָך מסתמא, אַז בעסי טאָמאַשעווסקי איז באַשאַפן געוואָרן אַלס אַ בחור'טע און נישט קיין בחור, פונדעסטוועגן האָט דאָס פובליקום אָנגעקוואָלן צו זען מיך שפּילנדיק אַלס „ישיבה־בחור" . . .

עס איז די נאַכט פון „ישיבה־בחור" פאָרשטעלונג. עס איז שוין באַלד צייט ס'זאָל זיך אויפהויבן דער קוירטן, אָבער אין די מענערשע דרעסינג־רומס איז עפּעס אַ טומל, אַ געפּילדער און טאַקע אויך אַ גע־שלעג. וואָסי? טענענהאָלץ האָט צעממיתט מיין סטיידזש־מענעדזשער און ער וויל זיך נישט אָנטאָן די קליידער פון „שלום דיין"; נישט די קליידער און נישט די באָרד. מען קומט צו מיר צולויפן און מען דער־ציילט מיר וועגן סקאַנדאַל, עס איז טראָבל, מען קאָן נישט אָנהויבן שפּילן. אָט דער „ליטעראַרישער עקטאָר", דער טענענהאָלץ, קאָן געבן אַ פּאַטש ווי אַ גאָראַדאָוואָי, ער האָט דעם סטיידזש־מענעדזשער צע'דמ'ט. וואָס טוט מען?

נו, טאַקע וואָס טוט מען? די צייט שטייט נישט און איך קאָן נישט איינזיצן, מען מוז עפּעס טאָן. איך בין מוחל מיין כבוד און לויף אַרויף צו די מענער אין זייער דרעסינג־רום און איך ווער געוואויר, אין אייליעניש, די גאַנצע סומאַטאָכע: דער „דרעסער" האָט טענענ־האָלצן צוגעטראָגן די קליידער, טענענהאָלץ האָט זיי באַטראַכט און געזאָגט, אַז ס'טויג נישט: „דאָס זיינען קליידער פאַר אַ בעל־עגלה נישט פאַר קיין דיין", האָט דערויף דער „דרעסער", חיים, געענטפערט:

— ביזשט געקומען פאָן ביטשוץ מיט ליטעראַרטאַציע און ווילשט מיר זשאָגען ווי צו דרעסן אַ ראָלי? סאַלעם דאַיען גייט שעם אזשיי דריישיק יאָר, ווילשטו, יאַלד, אַ רעוואָלוטשיע . . .

ווען יאַנקל, דער סטיידזש מענעדזשער, האָט געזען, אַז ס'עט זיין טראָבל, האָט ער באַפוילן טענענהאָלצן זיך אָנטאָן, גרימירן און נישט מאַכן קיין טראָבל בעקאָז „ס'איז דאָ אַ יוניאָן מיט אַ קאָנסטי־טושאָן" פאַר אַ יאָלד וואָס מאַכט טראָבל . . .

— אָבער זעט נאָר די קליידער, זעט נאָר די באָרד; ס'אידאָך אַ באָרד פאַר „סאַנטאַ־קלאָוז" נישט פאַר „שלום דיין" — פּראָטעסטירט טענענהאָלץ.

און אַזוי אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, טענענהאָלץ שרייט, אַז אַ ייד אַ דיין איז נישט קיין בעל־עגלה און נישט קיין „סענטא־קלאָוז", און יאַנקל שרייט „קאָנסטיטושאָן, טראַבל־מאַכער" . . .

ווען איך בין אַריינגעקומען איז שוין געווען נאָכן פּאַטש. יאַנקלס פּנים איז געווען גערױטליך און טענענהאָלצס פּנים איז געווען ריין און שטאָלץ און גערעכט. איך האָב געהייסן געבן אים וואָס ער פאַר־לאַנגט, און דער „ישיבה־בחור" האָט זיך יענעם אָוונט אָנגעהויבן שפּילן מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער, און מיין פּאַרטנער יאָסעלע האָט מיך געקיבעצט: „זעסט שוין, בעסילע, דיין ליטעראַטאַט גיט פּעטש, מאַכט טראַבל, איך האָב דיר געזאָגט, אַז טעאַטער מיט ליטעראַטאַציע איז נישט קיין קאָמבינייִשאָן . . ."

אָט, מיינע טייערע, דערמאָנט זיך אָן עפּיזאָדעלע פון אָן אַוועק־געלעבט לעבן, אָבער דאָס אילוסטרירט ווי אונדזער עלי טענענהאָלץ האָט פון זיין יוגנט־אָן געפאָדערט פון טעאַטער — „טעאַטער און נישט באַלאַגאַן"; ער האָט נישט געוואָלט אָנטאָן די קאָזיאָנע באָרד . . .

נאָך אַ קליין זאַכעלע, וואָס דערמאָנט זיך מיר אָט איצטערט־אַ, לכבוד עליס יום־טוב, וויל איך דאָ דערציילן. ס'איז, דוכט מיר, גאַנץ טשיקאַווע פאַר יענער צייט פון איבער פיר־צענדליק יאָר צוריק.

מען האָט מיך איינגעלאַדן אויפצוטרעטן אין „פאָרווערטס"־האָל פאַר זייער אַ וויכטיקן צוועק. האָב איך אַ טראַכט געטאָן אַזוי: — „פאָרווערטס האָל, אַ ליטעראַרישע קאָנצערט; בעסי, גאַרטל זיך אונ־טער" . . . האָב איך זיך טאַקע אונטערגעגאַרטלט מיט שלום עליכמס מאָנאָלאָג „דאָס טעפּל". געקומען דער באַשטימטער אָוונט, מיר זיצן אויסגעזעצט אויפן בינעלע; עלי און איך צווישן אַזעלכע בערן ווי יאַנאָווסקי, דר' זשיטלאָווסקי, און נאָך אַנדערע פון דער סאַמע סמע־טענע; דער זאַל איז איבערגעפּאַקט מיט אַ באַגייסטערטן יונגן עולם, און אָט איז מיין ריי און איך נויג זיך צו דער האַרציקער אויפנאַמע וואָס מען גיט מיר און כ'נעם זיך לייענען „דאָס טעפּל". מילא, כ'וועל אייך לאַנג נישט בריינען — ס'בליצט נישט . . . טאַקע בעסי טאָמאַ־שעווסקי, טאַקע „דאָס טעפּל", און טאַקע שלום עליכם — אָבער סע בליצט נישט; מען לאַכט נישט, מען קאַטשעט זיך נישט פון געלעכ־טער אַזוי ווי ווען טענענהאָלץ לייענט עפּעס שלום־עליכמדיקס; שלעכט, ביטער, צנאַ־גוד און דאַצאַל . . . דאָ בויגט זיך טענענהאָלץ צו צו מיר און רוימט מיר איין שטיל: „בעסי, לאָז אָפּ ס'„טעפּל", נעם זינג „זונטאָג"." אָט דאָס לידל „זונטאָג" איז דאַן, אין יענער צייט, געווען

זייער פּאָפּולער ביים עולם, זייער באַליבט. און איך מאַך נישט קיין לאַנגע שהיות און בייט איבער ס'טעפּל אויף זונטאג . . . איך זינג דאָס קופּלעטל, אַט דאָס לידל מיטן נאָמען „זונטאג", און דער עולם מיט מיר, מען קוועלט אָן און מען שרייט בראוואָ און — וואָס נאָך האָט דען דער אקטיאָר אַ חוץ דעם אַפּלאָדיסמענט? איז געוואָרן פון מיין קליינעם דורכפאַל מיטן „טעפּל" אַ גרויסער סוקסעס מיטן „זונ־טאג" און טאקע נאָר צוליב דעם געזונטן חוש פון אונדזער ליבן יו־בילאר, אונדזער עלי — לאַנג לעבן זאָל ער!

מיין קאָלעגע טענענהאָלץ

פון מאָרים שוואַרץ

(סאַן פּאולא, בראַזיל)

ס׳פרייט מיך זייער וואָס די פריינט פון בעסערן יידישן טעאַטער האָבן פאַרשטאַנען, אַז מ׳דאַרף אָפּשאַצן דיין אַרבעט, ליבער חבר טע־נענהאָלץ, ביים טעאַטער, ווייל וואָס דו האָסט געטאָן ביים טעאַטער, איז דיין ווילן געווען אַן ערנסטער.

די היפּשע עטלעכע יאָרן וועלכע דו ביסט געווען אין קונסט טעאַטער, האָסטו געשפּילט וויכטיקע ראָלן און זיך תמיד אויסגעצייכנט.

איך געדענק נאָך קלאָר ווי אינטערעסאַנט דו ביסט געווען אין „וואַסקאַ פּעפּעל” אין גאָרקיס „נאַ דניע”. איך האָב מיט יאָרן שפּע־טער געזען אַ גרויסן אַקטיאָר שפּילן דיזעלבע ראָלע מיטן מאָסקווער קונסט־טעאַטער־אַנסאַמבל, און יענער איז געווען צו אויבערפלעכלעך. דיין שפּילן אין דער דראַמע האָט אַ סך געהאָלפן, אַז די דראַמע זאָל זיין אַ דערפאָלג.

איך געדענק אויך ווי פּלובלוטיק דו האָסט געשפּילט די ראָלע פון „נח” אין הירשביינס קאָמעדיע „אַ פאַרוואָרפן ווינקל” . . . דו האָסט ניט געגלאַנצט מיט די אויגן און פאַזירט. דו האָסט געלעבט אין דער ראָלע. און ווי שאַרמאַנט און שפּילעוודיק דו ביסט געווען אין משה נאַדירס „סוקסעס”. אַ סך אַקטיאָרן האָבן נאָך דיר געשפּילט די ראָלע, אָבער קיינער האָט נישט אַרויסגעבראַכט דעם נאַדיר־הומאָר ווי דו.

און ווי פיין דו האָסט געשפּילט די ראָלע „ברוך משה” אין דעם „שמידס טעכטער”. אונדזערע סצענעס, זיך בייסנדיק איינער דעם אַנדערן צוליב דעם שמידס צווילינג, ליגן מיר נאָך אין טעם.

די בעסערע בינע האָט פאַרלוירן אין דיר אַ פיינעם קרנ׳דיקן טאַלאַנט, אָבער דאָס איז דער שיקזאַל פון יידישן טעאַטער. די בעסטע טאַלאַנטן האָבן זיך צוליב פאַרשידענע טעמים אַוועקגעריסן פון דער בינע, נישט ווייל זיי האָבן געוואָלט, נאָר ווייל זיי האָבן געמוזט.

ס'איז נישט גרינג פאַר מיר אַרומצואוואַנדערן מיט אַ גרופּע קינסטלער און ברענגען דאָס יידישע וואָרט פון דער בינע, בעת ניו־יאָרק פאַרמאָגט צוויי מיליאָן יידן, וועלכע רייסן זיך אַוועק פון אונדזער יידיש לעבן.

ווי דו ווייסט, האָב איך מיט אַ יאָר צוריק געמוזט געבן מיינע פאָרשטעלונגען פון שלום עליכם אויף ענגליש, ווייל שפּילנדיק אין בילטמאָר טעאַטער אַזעלכע גרויסע פאָרשטעלונגען ווי „שיילאָק און זיין טאָכטער", „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", און „ריווערסייד דרייוו", האָב איך אין דריי וואָכן פאַרלוירן אַן ערך עלף טויזנט דאָלער. ווּעמען זאָלן מיר, יידישע קינסטלער, רופן אונדז צו העלפן קומען צום אויס־דרוק ביים יידישן טעאַטער? וועמען? אויך דו האָסט מיר קיין ענטפער נישט געגעבן, ווייל דו האָסט געמוזט פאַרלאָזן די בינע.
וואָס קאָן איך דיר ווינטשן צו דיין יובל?

דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין פאַר דיר נישט געווען קיין די־רעקטאָר און קיין בעל הבית, ביי וועמען דו האָסט געשפּילט. דו ביסט געווען פאַר מיר אַ געטרייער חבר, אַ האַרציקער פריינט, און דער אייגענער בין איך געווען פאַר דיר. איך האָב זיך אָפט מיט דיר אַן עצה געהאַלטן וועגן רעפּערטואַר — וועגן דער שווערער לאַגע אין וועלכער דאָס קונסט טעאַטער האָט זיך געפונען, און וועגן די שווערע אומשטענדן, וועלכע האָבן סוף כל סוף געפירט דערצו, אַז דאָס קונסט טעאַטער זאָל געשלאָסן ווערן.

איך געדענק נאָך וואָס דו האָסט מיר געזאָגט: „זאָלן די יידן פון ניו־יאָרק און פון גאַנץ אַמעריקע זיך שעמען. דו האָסט געטאָן מער וויפל דו האָסט געקאָנט צו דערהויבן דעם יידישן טעאַטער".

איך האָב דיך תמיד געהאַלטן פאַר אַ קלוגן, פּראַקטישן מענטשן. דו האָסט דאָס מיר אַ סך מאָל באַוויזן, און דיין אַוועקגיין פון טעאַטער איז אויך געווען אַ פּראַקטישער אויסוועג.

אוודאי בענק איך נאָך דיר און דיין ליבער משפּחה. דיין טייערע עטל איז געשטאַנען ביי דיין זייט ווי רחל, די פרוי פון רבי עקיבא. זי איז געווען גרייט אַלץ מקריב צו זיין פאַר דיר. אויך דיינע צוויי ליבע טעכטער, וועלכע זיינען שיין און חנ'עוודיק, זיינען דיר גע־בליבן געטריי אפילו ווען דו ביסט געוואָרן אויס „פילם שטערן". אַ חוץ דעם האָסטו אַזוי פיל האַרציקע פריינט אין לאָס אַנגעלעס און,

ווי זאָגט טאָלסטאָי „איין פריינט איז גענוג צו ווייזן, אַז אַ מענטש מעג זיך אָנרופן מענטש".

דיין יום־טוב וועט געוויס זיין אַן אימפּאָזאַנטער — ווי דו האָסט פאַרדינט. דער טעאַטער־עולם און ספּעציעל דער קולטור קלוב וועלן זיכער אָפּשאַצן דיינע פאַרדינסטן אַלס קינסטלער און מענטש.

ווינטש איך דיר גליק און פרייד און אריכת ימים, און אפשר, אויב ס'וועט מעגלעך זיין, וועל איך נאָך דריקן דיין האַנט ביי דעם יום־טוב.

פאַרוואָס אַ יובילײ?

פון אסתר שומיאַטשער־הירשביין

אַז מען יום־טוב׳ט אימיצנס אַ יובילײ, פּוצט מען זיך אויס אין די שענסטע שבת־יום־טוב׳דיקע מלבושים, ווייל אַ יובילײ צייכנט אונטער אַ מענטשנס לעבן און זיינע טואונגען; אַ יובילײ פירט אונטער סך־הכל׳ען, ירידות און עליות אין אַ מענטשנס לעבן; אַ יובילײ איז אַ לייטער מיט וועמענס טרעפּ מען מעסט דאָס שטייגן און דאָס פאַלן, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע; אַ יובילײ דאַרף פאַרענדיקן די ניט־פאַרענדיקע חלומות פון אַ מענטשנס לעבן; דאָס ניט־דערגאַנגענע און דאָס ניט־דערזאָגטע; דאָס ניט־דערגרייכטע און דאָס דערגרייכטע, קורץ — אַ יובילײ איז אַ חשבון הנפש פון וואָס־געוואונען און וואָס־פאַרלאָרן; וואָס דערזען און וואָס פאַרזען אין דעם גאַנג פון לעבן.

אַז מען יום־טוב׳ט אַ יובילײ און מען שטייט פּנעם אל פּנים מיט דעם נסיון זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט יענעמס יאָרעלעך, מיט יענעמס געווינען און געלעבטער, מיט יענעמס ווייטיק און פאַרדרוס, מיט יענעמס קאַמפן און דערגרייכונגען, הויבט מען אָן זוכן אין זיך און דערקענען דאָס אָפּגעגאַנגענע — גוט, צי שלעכט. הויבט מען אָן דורך דעם יובילאַר זיך אַליין דערזען, זיך אַליין צו פאַרשן און דערקענען, הויבט מען אָן פאַרזיכטיק אויפבלעטערן זכרונות פון אייגענעם אַוועק־געלעבטן לעבן.

דער מענטש הויבט אָן זיין גאַנג אין לעבן מיט אַ ניגון; אַ ניגון פון גלויבן און בטחון; אַ ניגון פון ספקות און פחד. דער מענטש, ווי די ערד, איז געדולדיק און לאָזט זיך טרעטן . . . דער ניגון אָבער ליגט איין וועלטן: ער ברומט און העשעט, ער קערט איבער ביימער מיט די וואָרצלען, ער רייסט אויף אַנגעזאַמלטע, צעיושעטע כוחות, וואָס ווערן צעשטויבט אויף טויזנטער שפּליטער, ווי ים־כוואַליעס, וואָס שלאָגן זיך אָפּ אין אַ פעלז.

און אָט אַזוי איז דער מענטש אַן אינזשינער, וואָס לייגט בריקן צווישן דעם אייגענעם איך און דער וועלט. כאָטש זיינע שוואַכקייטן האָבן אים איינגעשפּאַנט, געפּענטעט, געשמידט אין קייטן, דאָך ,ווי פּראָמעטעאוס, רייסט ער זיך צו דער זון און וויל נישט דערלאָזן, אַז

די וואָכעדיקע זאָרגן פאַר ברויט מיט וואַסער זאָלן מאַכן אַ גאָרנישט־מיט־אַ־נישט פון זיין שיינעם חלום, פון זיין שיינעם ניגון.

אָט די שטיקלעך געדאַנקען קומען צו מיר אַצינד, בשעת די רעדאַקציע פון אָט־אָ־דעם יובל־בוך האָט מיך באַפוילן און געזאָגט:

— אסתר, ווען איר זינגט אַ ליד שיין, איז גוט, קאָנט איר אונדז עפּעס זאָגן גוטס, וואָס זאָל זיין שיין?

— זאָגן וואָס?

— וועגן אליהו טענענהאָלץ יובילײ.

דערמאָן איך זיך ווי מיט אַ צייט צוריק איז געקומען צו מיר איינער פון אַ גרופּע טעאַטער־ליבהאָבער, ה׳ מרדכי מייזל, און אָן לאַנגע שהיות מיר דערקלערט:

— היות, ווי אונדזער גרופּע איז יאָרנלאַנג איבערגעגעבן בלב ונפש אונדזער טעאַטער; אין די יאָרן זינט מיר זיינען אין לאָס אַנדזשעלעס, האָבן מיר דאָ דורכגעפירט טעאַטער־אָוונטן, ריינע און שיינע, און, אונדזער מדריך אַליין איז אַ וויכאָוואניק פון א דראַמאַטישן קלוב, איז שוין באַלד אַ יאָר ווי מיר טראָגן זיך ארום, בסוד, מיט אַ געדאנק פון צוטראָגן אַ בלום איינעם, וואָס האָט עס פאַרדינט, דאָס איז אונ־דזער פריינט און רבי אליהו טענענהאָלץ, פאַרלאַנגען מיר אייער חשוב׳ע מיטהילף.

איז דאָס מיר געפעלן געוואָרן און איך האָב מסכים געווען.

איז אַזוי ארום צושטאַנד געקומען דער טענענהאָלץ יובילײ.

אין אָט טויכן פאַר מיין דמיון אויף מיינע ערשטע בלה־טריט. פּרץ הירשביין פירט מיך צום „אירווינג פּלייס טעאַטער״ אין ניו־יאָרק, וואו עס גייט שוין די אַכטע וואָך מיט גרויס דערפאָלג זיין פאָלקס־שפּיל „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״.

ביים טעאַטער אַן עולם פון הונדערטער מענטשן. מען שטופּט זיך און מען רייסט זיך צו דער קאַסע פאַר בילעטן. און אָט זיצן מיר שוין אויף אונדזערע פּלעצער אין טעאַטער, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן און מיט באַגייסטערונג. דער עולם — יום־טוב׳דיק און נייגעריק, אַלעמענס אויגן פינקלען צו דער בינע. דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, די בינע איז באַלויכטן מיט אַ ליכט, וואָס ווייזט אַ שפּראָץ אויף טאָג. דער זיידע פירט די ציג און עס באַווייזט זיך אַ פאַרמעליקטער יונג, ער שפּרינגט שקאַצעוואַטע אַריבער דעם פּלויט,

מיט פייער אין די אויגן זוכט ער זיין צירלען, זיין שולמית, און עס הויבט זיך אָן פּאַנאַנדערוויקלען אַ דאָרפישער שיר־השירים. דער בחור, זיין היטל פאַרשאַרצט, אַ לאָק האָר פאלט אריבער דעם שטערן, ער איז טאקע פארליבט מיט אן אומשולדיקער יינגלשער תמימות, יינגלשער פייער שפריצט פון זיינע אויגן, ליבע און האַס, צערטלעכ־קייט און שטורעם, פאַרדראָס און צאָרן — אַלץ מישט זיך אויס אין דעם ליבע־שפיל.

אָט דער פאַרמעליקטער יונג הייסט אין שפיל „נח" און דער אקטיאָר וואָס האָט געשפילט „נח" הייסט אליהו טענענהאָלץ.

ער האָט מיט זיין שפילן דעם פאַרליבטן בחור אויסגעשפּילט דעם גאַנצן עולמ׳ס ערשטע ליבע, אָן פּניות, מיט פייער אין די ביינער.

יאָרן טראָגט זיך מיטן שטראָם און קעגן שטראָם, מיט אויפקום און מיט אומקום, מיט שיינקייט און יונגשאַפט. זיי גאַלאָפּירן אריין אין דער עלטער — די עלטער, די עלטער — מיט אכזריותדיקע טריט שפּאַנט זי אָן רחמים און צעלייגט רעכטס און לינקס, ווי סנאָפּעס, די יאָרן און לאָזט דעם ווינט איבער זיי בושעווען . . .

אַ צייט־שפּרונג פון זעקס און דרייסיק יאָר, אַ פאַרוואַנדלונג.

די פאַרוואַנדלונג קומט פאַר טאַקע דאָ אין אונדזער לאָס־אַנ־דזשעלעס. מען לייבט זיך פייערן דאָס דערשיינען פון פּרץ הירשביינס פינף בענד פון זיינע ווערק און טאַקע מיט דער אייגענער פאָלקס־שטיק „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", און „נח", דעם פאַרליבטן 18־יאָריקן מילנער־יונג שפּילט ווידער — אליהו טענענהאָלץ.

איך זע, אַז טענענהאָלץ גייט ארום ממש ווי א משוגענער, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַרן יום־הדין; ער איז זיכער און דאָך — ניט זיכער. ער קלייבט זיך טאָן אַ זאַך, וואָס פאַר דער „גאַס" וועט עס אויסזען אפשר אַ חוזק, מען וועט לאַכן, באַקאַנטע און אפילו פריינט וועלן זיך אַרומטראָגן מיט אַ פאַרטיקן שמייכל . . .

און ער איז געווען גערעכט, זיין קינסטלער־חוש האָט אים ניט גענאַרט.

מאַמעלעך, וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן, וואָס פאַר אַ שושקעריי, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז אליהו טענענהאָלץ קלייבט זיך שפּילן דעם יונגן בחורל, דעם אַכצן יאָריקן „נח", מען איז געקומען צו מיר מיט „סטייטשן":

— סטייטש, ווי דערלאָזט איר אַזאַ זאַך?

— סטייטש, ווי דערלויבט איר חוזק מאַכן פון אייער הירשביינס אַ פּיעסע?

איך ענטפער:

— אליהו טענענהאָלץ איז דער שוישפּילער און ער ווייסט בעסער וואָס ער קאָן זיך יאָ און וואָס ער קאָן זיך נישט דערלויבן אויף דעם געביט פון זיין שוישפּיל־קונסט.

אָבער טענענהאָלץ איז אַלץ צערודערט, אַ פאַרצווייפלונג כאַפּט אים אַרום און ער בעט מיך גיין מיט אים צום קינסטלער דאָקטאר פּאָול באַראַטאָוו נאָך אַ עצה.

מיט פרייד און ליבע נעמט אונדז אויף באראטאוו ע״ה. אויס־געהערט וואָס טענענהאָלץ דערציילט אים וועגן איצט שפּילן „נח״, צעפּירט ער זיינע הענט, קוקט אין דער וויטקייט אַריין ווי אַ פּאַטרי־אַרך און זאָגט:

— עלי, גאָלובטשיק, ווען די ראָל זאָל פאַר דיר זיין ניי, ווען דו זאָלסט דאַרפן איצט שפּילן אַזאַ יונגן בחור אַלס אַ נייע ראָל, וואָלט איך דיר געזאָגט: „ניע־סמעי״, טו נישט אַזוינס, ביסט פאַראַנטוואָרט לעך צום פובליקום וואָס קומט דיך זען, אָבער, ווען דו האָסט אַט די ראָל געשפּילט נאָך אַלס „ליוביטעל״, נאָכדעם שוין אַלס פּראָפע־סיאָנאַל און מיט גרויס „אוספּיעך״, איך ווייס עס, נו, זאָג איך דיר, אַז דו וועסט צוריקקומען אין לייב־און־לעבן, מיטן גאַנצן יוגנט־פייער אינם ווידער־איבערלעבן מיט פרישן כח דעם יונגן מילנער־כלאָפּעץ. טאָ גיי און שפּיל, איך הייס דיך!

איך קאָן ניט פאַרגעסן ווי אליהו טענענהאָלץ האָט זיך דאַן צע־קושט מיט באַראַטאָוון און אים געדאַנקט מיט יינגלשער התלהבות.

און אַט, מען גרייט זיך, אין אַ גוטער שעה, צו דער אויפפירונג פון „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״. איך קום צו פּראָבן. טענענהאָלץ, אַ באַ־נומענער פון אַן אינערלעכן כח און מיט אַ באַזונדערער כוונה טוט לאַבאָראַטאָרישע אַרבעט, מען לייענט שורה ביי שורה, עס ווערט איינגעשטעלט דער טאָן, ער איז מקפיד אויף ניואַנס, שטימונג און קאָליר פון שטים. מיט עקשנות וויל ער ווידעראַמאָל דורך דעם שוי־שפּיל אויסגעשטאַלטיקן די פאַרשוינען פון אַ פאַרגאַנגענער פאָלקס־

טימלעכער שיינקייט. טוט ווער פון די שוישפּילער ניט מיט דער אַנגעוויזענער פּשטות ווי ער וויל, צעשרייט ער זיך מיט באַנומענע קולות, אָבער די שוישפּילער באַנעמען זיך צו אים מיט אַ באַזונדערן געדולד. מיטאַמאָל ווערט זיין צאָרן פאַרוואַנדלט אין אַ שטיל וואַסער, ממש אַ לאַם, ער קוקט יעדן איינעם אין די אויגן אריין און, אַז מען טוט גוט, צעלאַכט ער זיך הויך און קלייבט נחת. יעדער איינער פון אַנסאַמבל ברענגט אַרויס זיין ניגון, זיין אויסטייטשונג, און ער קוועלט ווי אַ יינגל, און עס פינקלען טרערן אין זיינע אויגן.

און אזוי גייען־אָן די פּראָבעז: ארבעט, ארבעט און ווידעראַמאָל אַרבעט.

טענענהאָלץ, אויף זיין רענטש, איז איינגעשפּאַנט ווי אַ פערד אין כאָמוט, אָבער ער לויפט יעדע נאַכט אין שטאָט אריין צו פּראָבן, אַ חוץ דעם האָט ער זיך ארייגעגנומען א מאַנקאָליע אין קאָפּ, אַז ער מוז אָפּנעמען פון זיך כאָטשבע אַ פינף־און־צוואַנציק פונטלעך, און במשך פון צוויי חדשים טוט ער עס טאַקע, כדי ער זאָל קאָנען שפּילן דעם העלד פון זיין יוגנט.

אַ יום־טובדי׳קער עולם זיצט אין ווילשייער עבעל טעאַטער. עס ווערט טונקל, דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, די באַלייכטונג אויף דער בינע ווייזט א שפּראָץ אויף טאָג, דער זיידע רעדט צו דער ציג און אַ פאַרמעליקטער יונג באַווייזט זיך. זיינע אויגן ברענען, ארום האָלדז וואָוויליונגעריש אַ רויט פאַטשיילקעלע אין אַ שלייפל אויס־געבונדן, ספּריטנע און יונג שפּרינגט ער אריבער דעם פּלויט, ער זוכט מיט די אויגן זיין צירלען, די שולמית פון זיין האַרצן און, אַזוי הייבט זיך אָן פאַנאַנדערוויקלען דער דאָרפישער שיר־השירים, אַ שיר־השירים פון קדמונים אָן — — —

מיט זיין שפּילן דעם יונגע פאַרליבטן מילנער־יונג האָט דער שוישפּילער, איצט ווי אמאָל, באַלד געוואונען דאָס האַרץ פון דעם גרויסן עולם אין טעאַטער.

אַט פאַרוואָס אַ יובילייַ פאַר אַ פיינעם יידישן שוישפּילער.

קינסטלערישע באַגייסטערונג

(אַן עפּיזאָד)

פון ה. לייוויק

איך שליס מיך אָן אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע ז. **זילבערצווייג**, ה. לאַנג, א. באַביטש און אָן דעם גאַנצן קאָמיטעט, וואָס גרייט זיך צו אַ פייערונג און אַ יובל־בוך לכבוד אליהו טענענהאָלץ.

זיין 50־יאָריקער צושטייער פאַר דעם בעסערן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע דאַרף פון אונדז אַלעמען אָפּגעשאַצט ווערן, גראָד איצט ווען דער קינסטלערישער יידישער שוישפילער בכלל איז פאַר־וואָגלט און זיין אָרט פאַרנעמען לייכטע צופאַסלער.

מיינע פערזענלעכע דערפאַרונגען מיט טענענהאָלצן **אויף דער** טעאַטער־בינע זיינען באמת אויסטערלישע, זייער רירנדיקע, הגם אַביסל צו־רירנדיקע:

אויף דער פרעמיערע פון מיין „גולם", מיט לאַנגע יאָרן צוריק, וואו ער, טענענהאָלץ, האָט דורכגעפירט אַ וויכטיקע ראָלע, האָט ער פון גרויס באַגייסטערונג, ביים סוף פון דער פאָרשטעלונג, מיך אַזוי אַרומגענומען, מיט אַזויפיל אמתער ליבשאַפט, אַז ער האָט מיר שיער אַלע מיינע ביינער ניט צעבראָכן. דאָס איז ניט קיין שפּאַס. זיין אַרומ־נעמען מיך האָב איך געשפּירט לאַנגע וואָכן. ס'איז אָבער געווען גוט. ס'איז געווען אַ סימן פון זיין אמתער קינסטלערישער באַגייסטערונג. איך דערמאָן זיך עס איצט און איך בענק נאָך יענע יאָרן.

איך באַגריס טענענהאָלצן פון פולן האַרצן. איך בין זיכער, אַז אויך ער בענקט נאָך יענע באַגייסטערטע יאָרן. ער מעג אָבער זיין צופרידן וואָס ער האָט דעם אָנדענק פון יענע יאָרן ניט פאַרשוועכט ביז היינט.

זכרונות פון אַ הערלעכן פעריאָד

באַגריסונג פון צילי אדלער

צום אליהו טענענהאָלץ יובל־קאָמיטעט,
לאָס אנדשזעלעס

חשובע פריינט:

אַ האַרציקן דאַנק אייך וואָס איר גיט מיר די געלעגנהייט אויס־צודריקן מיין ליבשאַפט און פאַרערונג צו מיין ליבן קאָלעגע און חבר אליהו טענענהאָלץ.

דאָס וועקט אויף אין מיר וואונדערלעכע זכרונות פון דעם הערלעכן פעריאָד פון דער יידישער בינע, אין וועלכן **אליהו טענענ־האָלץ** האָט אַ גרויסן חלק. צוזאמען מיט יעקב בן־עמי, יחיאל גאָלד־שמידט, בינע אבראמאָוויטש, בערטא גערסטין, חנה אַפּעל, מאָריס שווארץ, האָבן מיר, אליהו און איך, געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם יידישן קונסט־טעאַטער. ווער קאָן פאַרגעסן דעם יוגנטלעכן ברען און ענטוזיאַזם, וואָס האָט אונדז אַלעמען באַגייסטערט יענעם סעזאָן?...

די ליבשאַפט צו דער בינע האָט אין אונדז אַרויסגערופן אויך אַ נאָענטע חברשאַפט אין פּריוואַטן לעבן. פלעגן מיר כמעט נאָך יע־דער פאָרשטעלונג שעהן לאַנג פאַרברענגען צוזאמען, און דאָ איז אליהו טענענהאָלץ שטענדיק געווען דער פריילעכער מזיק צווישן אונדז. זיין הומאָר און גלייכווערטלעך פלעגן פאַרלייכטערן אונדזער געמיט נאָך דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט אויף דער בינע.

אליהו טענענהאָלצס אויפטריט אין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" איז געווען פאַר אונדז אַ באַזונדערע איבערלעבונג און מיר האָבן אַלע זיך געפרייט מיט זיין דערפאָלג.

אַ שאָד וואָס אליהו איז איצט אַזוי ווייט פון אונדז. באַגריס איך אים פון ווייטנס צו זיין יובילײ און ווינטש אים נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן צו זיין טעטיק פאַרן יידישן וואָרט, ווי אין די אַמאָליקע, גאָלדענע צייטן.

מיט ליבשאַפט

אייער

צילי אדלער.

אַן אַדערויף אויף אַ פּאָרטרעט

פון א. לוצקי

מיינע ליבע און טייערע פריינט!

עס פרייט מיך, וואָס איר פּראַוועט אַ יום־טוב פאַר דעם באַרימטן און באַליבטן שוישפילער און קולטור ייד חבר עליע טענענהאָלץ.

צענדליקער טויזנטער יידן אין ניו־יאָרק געדענקען נאָך און שעצן חבר טענענהאָלצן אַלס שוישפילער און אַלס איינעם פון די ערשטע, און אפשר טאַקע דער ערשטער טאַלאַנטפולער הומאָריסטי־שער פאַרלייענער אויף קולטורעלע יידישע אונטערנעמונגען מיט עט־לעכע צענדליק יאָר צוריק.

אין די אַלע יאָרן וואָס ער איז אין לאָס אַנדזשעלעס — הערן מיר דאָ, ווייסן מיר דאָ אין ניו־יאָרק, אַז ער דינט די יידישע קונסט אומדערמידלעך, מיט האַרץ און מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן. די יידישע קולטור־טעטיקייטן אין לאָס אַנדזשעלעס, זיינען דער אייביק ברענענדיקער פאַקל פאַר דער גאַנצער יידישער אַמעריקע, מיט דער הויפּט אַנפירערשאַפט פון אונדזער אַלעמענס פיל געאַכטן חבר עליע טענענהאָלץ. אַזוי איז דער איינדרוק ביי אונדז אין ניו־יאָרק.

אַז גאָט וועט מיר שענקען דאָס לעבן, האָף איך נאָך צו זיין אַ גאַסט אין לאָס אַנדזשעלעס, וואו איך וויל אָנשרייבן אַ סעריע פּאָר־טרעטן פון דאָרטיקע עטלעכע יידן, וועלכע פאַרדינען עס פאַר זייערע גוטע טאַטען לטובת הכלל און לטובת היחיד, און איינער פון די הויפּט־פיגורן וואָס איך וויל מאָלן מיט ווערטער, וועט זיין אונדזער נאָך אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן מיין ליבער, האַרציקער פריינט און חבר עליע טענענהאָלץ.

איך דאַנק אייך וואָס איר האָט מיך איינגעלאַדן אַנטייל צו נעמען אין דעם בוך וואָס איר גרייט לכבוד אונדזער יובילאַר. איך האָף, אַז די עטלעכע שורות אין בוך וועלן דערווייל זיין ווי אַן אַדערויף, צו דעם פּאָרטרעט וואָס איך האָף צו שאַפן פון אים, ווען איך וועל זיין צו גאַסט אין אייער, אונדזער אַלעמענס יידישן, קולטורעלן גרויסן וואָקזאַל פון גאַנץ אַמעריקע, וואָס רופט זיך לאָס אַנדזשעלעס.

פון אַמאָליקן אַמאָל...

(זכרונות)

פון שרה־האַמער־דזשאַקלין

זייער אָפט ווען איך בלייב מיט זיך אליין און טראַכט פון יענער צייט ווען איך בין געווען פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, און דאָס טעאַטער איז דעמאָלט געווען אין סאַמע בלי, און כ׳האָב געחלומט צו ווערן אַ גרויסע אַקטריסע, נעמען פאַר מיינע אויגן שוועבן געשטאַלטן, וועלכע האָבן אין יענער צייט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין יידישן טעאַטער.

צווישן די וואָס האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזען און בכבוד׳יק אָרט, איז אָן ספק געווען אליהו טענענהאָלץ.

כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענע גאָלדענע עפּאָכע, ווען מאָריס שוואַרץ האָט אויפגעפירט אַנסקיס „דיבוק" און אַרום „קונסט־טעאַטער" איז געשאַפן געוואָרן די קונסט־שולע, וועלכע האָט אַריינגענומען אַרום פופציק שילער.

איך בין געווען איינע פון די פופציק.

מען האָט מיט אונדז געלערנט דיקציע, פּלאַסטיק, אַפילו טאַנצן. דערפאַר זיינען מיר אַלע מיט אַמאָל געקרויינט געוואָרן אַלס אַקטיאָרן, כאָטש אין דער אמתן זיינען מיר געווען נאָר סטאַטיסטן. מיר פלעגן אַנטייל נעמען אין מאַסן־סצענעס: מיר זיינען געווען אַמאָל בעטלער, אַמאָל חסידים, אַמאָל סטרייקער אויף אַ פּיקעט־ליין און אַמאָל סאָל־דאַטן אויפן שלאַכטפעלד... די מיידלעך האָבן געטאַנצט אויף חתונות...

די שילער האָבן אָפּגעגעבן עקזאַמען פאַר אַזעלכע קינסטלער ווי מאָריס שוואַרץ, מאַרק שווייד און אליהו טענענהאָלץ. נאָר די טאַ־לאַנטפולע זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פאַר ראָלן, וואָס זיינען אַמ־מערסטן באַשטאַנען פון צוויי ווערטער . . .

איך האָב געהאַט די זכיה אויסגעקליבן צו ווערן פאַר אַ ראָלע; צוויי פון דער כלה׳ס חברטאָרינס אין „דיבוק" גייען אַריין אין בית־המדרש, וואו עס לערנט דער חתן, חנן. איינע (געשפּילט פון בעסי מאָגולעסקאָ) זאָגט: — זע ווי שיין ער איז! ער איז אַ שוואַרצינקער,

אַ שוואַרצינקער! רוף איך אויס: — ניין, ניין, ער איז אַ ווייסינקער, אַ ווייסינקער!

ווען איך בין אַ ציטערדיקע אַראָפּ פון דער בינע, האָבן מיר אַלע שילער פאַרזיכערט, אַז איך בין געווען אויסגעצייכנט אין דער „ראַלע" . . . דאָ האָב איך דערזען אליהו טענענהאָלצן גרימירט אַלס „ער־שטער בטלן", ער האָט בלויז אַ שמייכל געטאָן, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, וואָס איך האָב עס אויסגעטייטשט: „דו ביסט געווען גוט אין דער ראָלע". איך בין געווען אין זיבעטן הימל פון גליק. טענענהאָלץ, דער אנערקענטער שוישפּילער און דער בעסטער שלום־עליכם פאַר־לייענער, וועלכער האָט אפילו באַקומען די אנערקענונג פון שלום־עליכמ'ען אליין, איז געווען דער, וואָס האָט אלע מאָל צוגעגעבן מוט און קוראַזש יונגע טאַלאַנטן. און ווען מיר פלעגן זיך באַקלאָגן, אַז עס פאלט אונדז שווער דאָס שפּילן ניין מאָל אַ וואָך, דערצו ארבעטן אין שאָפּ, ווען אַ סך האָבן שוין געהאלטן ביים פארלאָזן דאָס טעאַטער, פלעגט טענענהאָלץ, מיט באַגייסטערונג, אויסרופן צו אונדז: „קינדער, וואָס איז דאָס מיט אייך? וואָס הייסט, איר זייט מיד? וואָס מיינט פאַר אַ יונגן טאַלאַנט דאָס וואָרט „שווער"? אויב איר האָט דעם „פונק" וואָס מען רופט טאַלאַנט, וועט איך קיינמאָל גאַרניט זיין צו שווער".

ניט איינעם פון די יונגע האָט ער אָפּגעהאַלטן פון אוועקגיין, ער איז אַלע מאָל געווען גרייט צו העלפן. צו יענער צייט, ווען די טירן פון דער אקטיאָרן־יוניאָן זיינען געווען פאַרריגלט אויף זיבן שלעסער, האָט טענענהאָלץ אַ סך געהאָלפן דעם יונגן אַקטיאָר. אזוי האָט ער געהאָלפן אריינבעמען אין דער אקטיאָרן־יוניאָן די דעמאָלט יונגע אַקטיאָרן משה שטראסבערג, לעאָן זיידנבערג און לאה מעלצער.

פון די פופציק שילער אין קונסט־טעאַטער, וועלכע טענענהאָלץ האָט געהאַלטן אין איין מונטערן, האָט פּאָרט א צאָל עפּעס דערגרייכט: פון די מיידלעך זיינען בעסי בודאנאָוו און העלען בלעי געוואָרן פּראָ־פעסיאָנעלע אַקטריסעס. חנה ספּעקטאר איז געוואָרן איינע פון די אינטערעסאַנסטסטע ראדיאָ קאָמענטאַטאָרן. איך בין אוועק אויפן שרייבערישן וועג און איך טראָג שוין אויף מיין געוויסן צוויי ביכער דערציילונגען. איינער פון יענע שילער איז געווען דער איצטיקער אייגנאַרטיקער דיכטער א. לוצקי, וועלכער איז באַוואוסט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. אַן אַנדערער, דער שוישפּילער און רעזשי־סאָר יהודה בלייך. אויך צבי סקולער, וואָס ברענגט אומעטום זיין ריין יידיש וואָרט. די אנדערע זיינען זיך צעגאנגען אויף פאַרשיידענע

וועגן: די מיידלעך האָבן חתונה געהאַט, די מענער זיינען געוואָרן ביז־נעסלייט און אזוי איז פאַרשוואונדן אַן עפּאָכע ארום יידישן טעאַטער.

עס קאָן מיט זיכערקייט געזאָגט ווערן, אַז אליהו טענענהאָלץ האָט אַריינגעשריבן אַ שיין בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. אין יאָר 1925־1926 ווערט טענענהאָלץ דירעקטאר פון אמפיאָן־טע־אַטער אין ברוקלין צוזאמען מיט סעמועל גאָלדינבורג און ציליע אדלער. אין מיטן סעזאָן פארלאָזט סעמועל גאָלדינבורג דעם אַמפיאָן־טעאַטער, אָבער טענענהאָלץ פירט ווייטער אַן מיטן טעאַטער און עס גאַסטראָלירן ביי אים אזעלכע סטאַרס ווי רודאָלף שילדקרויט, בערטא קאַליש, באָריס טאָמאשעווסקי און בעסי טאָמאשעווסקי. צום שלוס פון יענעם סעזאָן פאַרלאָזט טענענהאָלץ דאָס יידישע טעאַטער און פאָרט אוועק קיין האליוואוד. ער ווערט אויפגענומען אין דער „מעטראָ גאָלדווין מייער סטודיאָס”, ער קריגט אַ ראָלע מיט נאָרמא שירער און ווען דאָס בילד איז פארטיק געוואָרן, קריגט טענענהאָלץ אַ קאָנטראַקט אויף פינף יאָר.

אין עטלעכע יאָר ארום קומט טענענהאָלץ צוריק קיין ניו־יאָרק און ווערט פאַרהאַלטן פון אַ גרויסן טייל פון זיינע חברים שוישפּי־לער און זיי גרינדן דעם אנסאַמבל טעאַטער אויף דער 14טער גאַס אין ניו־יאָרק, וואו איווא לאַגעליאָן פלעגט שפּילן מיט איר טרופּע. טענענהאָלץ ציט צו דעם באַרימטן שוישפּילער אלעקסאַנדער גראַנאַך, וועלכער איז דעמאָלט געקומען קיין אמעריקע און זיי פירן אויף ה. לייוויקס „גולם”. אלעקסאנדער גראנאך אַלס „גולם”, לאזאר פריד אלס דער „מהר”ל” און אליהו טענענהאָלץ אַלס „תנחום”.

ווען יידישע טעאַטערס האָבן זיך אָן פאַרמאַכן איינער נאָכן אַנדערן, פאַרשווינדן זייערע שוישפּילער. אזוי אויך איז טענענהאָלץ צוריק אוועק קיין האליוואוד. מיר, זיינע פאַרערער, האָבן נאָכגעפאָלגט זיין קאַריערע. מיטאַמאָל דערהערן מיר, אַז טענענהאָלץ איז געוואָרן אַ פאַרמער! געדענק איך דעם רושם וואָס דאָס האָט געמאכט צווישן שוישפּילער אין ניו־יאָרקער קאַפע „ראָיאל”, אַ סך האָבן אים קריטיקירט, אַ סך האָבן אים מקנא געווען . . . דעם אמת געזאָגט, איך האָב מיר קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטעלן אליהו טענענהאָלצן אַלס פאַרמער, ביז — ביז איך האָב דאָס דערזען מיט מיינע אייגענע אויגן. אויף מיין לעצטער רייזע אין לאָס אַנדזשעלעס, ווען איך בין אַרויס־געפאָרן אין מאָנראָוויא, האָב איך באַזוכט זיין פאָרם. אויך דאָ האָט טענענהאָלץ אויסגענוצט זיין קינסטלערישן חוש, ער האָט אַליין איינ־

גערירכטעט פאַרשיידענע „געדזשעטס״ פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון זיינע היִנער. און אויך דאָ איז ער געבליבן דער פּוריטאַנער יידישיסט: איך האָב אליין געהערט ווי ער רעדט צו זיינע קלאָר־ווייסע הינדע־לעך אַ ריינעם יידיש און די הינדעלעך פאַרשטייען אים אויסגעצייכנט אויף מאַמע־לשון . . . מיר זיינען אַריין צו אים אין שטיבל און ביי אַ גלעזל טיי שמועסנדיק, האָב איך דערזען צוריק דעם אַמאָליקן יונגן אליהו טענענהאָלץ; ער האָט אַרויסבאַקומען אַ גרויסן ספר און געבלעטערט, וואו יעדעס בלעטל האָט דערציילט פון אַ רייכער פאַר־גאַנגענהייט, פון קינסטלערישע טריאומפן, בילדער פון פאַרשיידענע ראָלן, רעצענזיעס פול מיט ליבע, קינסטלערישע צייכענונגען פון אים — אָבער טענענהאָלץ לעבט ניט בלויז מיט דער פאַרגאַנגענהייט, ער איז איצט, ווי אַמאָל, שפּרודלדיק און פול מיט כח און אַמביציע. איך בין געווען אנגענעם איבעררראַשט ווען איך האָב אים איצט צום ערשטן מאָל אין אַ פערטל יאָרהונדערט ווידער געהערט פאָרלייענען. געווען אין דאָס אין ל. אַ. קולטור קלוב. צום ערשטן האָט ער גע־לייענט דער דיכטערין אסתר שומיאטשער־הירשביינס זייער געלונגען ליד: „מיין יידיש וואָרט״, און באַלד נאָך דעם אונדזער קלאַסיקער שלום־עליכם. ער האָט אלעמען באַגייסטערט מיט זיין קרעפטיקן פאָר־לייענען, מיט זיין ריינער דיקציע און מיט זיין קינסטלערישן טעמ־פּעראַמענט.

יאָ, אליהו טענענהאָלץ איצט, פונקט ווי אין אַמאָליקן אמאָל.

אַ קול פון ניו יאָרק

פון חיים עהרענרייך

וועגן אליהו טענענהאָלץ, דעם טעאַטער קינסטלער, קאָן אַ מענטש, וואָס האָט ליב יידיש טעאַטער, ניט ריידן מיט אַ רואיקן געמיט. ער איז אַוועק פון יידישן טעאַטער, בעסער געזאָגט, אָפּגעקערט זיך, ווייל אין גאַנצן איז ער קיינמאָל ניט אַוועק, נאָך אין יענע יאָרן ווען אונ־דזער בינע, לכל הפחות לפנים, האָט נאָך געבליט. מיט זיין אָפּקערן זיך האָט טענענהאָלץ געהאָלפן פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון ירידה, וואָס האַלט שוין אָן, ניט שיינע נאָר, מיאוסע עטלעכע יאָר.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די אורזאַכן פון דעם פאַלן האָט מען גע־קענט מערקן נאָך מיט יאָרן פריער. אליהו טענענהאָלץ איז געווען איינער פון די יעניקע, וועלכע האָבן געזען יענע ערשטע סימנים. איך ווייס עס פון פערזענלעכע געשפּרעכן, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן. ער האָט זיי געזען, יענע אָנזאָגן פון פּריצייטיקן האַרבסט, און אנשטאָט רופן און וועקן און אָננעמען מיטלען אָפּצואָווענדן דעם קומענדיקן חורבן, איז טענענהאָלץ אָפּ־געטראָטן אָן אַ זייט . . .

און אליהו טענענהאָלץ איז איינער פון די כוחות, וואָס וואָלטן געקאָנט אַ סך אויפטאָן כדי אָפּצושטופּן די ירידה, אויב ניט אינגאַנצן, אויסצומיידן זי. ער האָט געקאָנט העלפן, ווייל ער איז ניט בלויז אַקטיאָר, ווייל ער איז מער ווי אַקטיאָר. טענענהאָלץ איז איינער פון די אינטעליגענטע און שעפערישע מענטשן, וואָס דער יידישער טע־אַטער האָט געהאַט. ער פאַרמאָגט אָרגאַניזאַטאָרישע פעיאיקייטן; ער קאָן האַלטן אַ פּען אין האַנט — און ניט אַ גראַפאָמאַנישע פּען — און באַזיצט אַ כח הדיבור. ער האָט אויך פאַרנומען אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע ביים אויבן־אָן פון יידישן טעאַטער. אנשטאָט צוטראָגן אַט די אַלע יכולת׳ן צו דער פאַרשטאַרקונג און באַלעבונג פון אונדזער בינע, איז טענענהאָלץ פון איר אַראָפּ.

אוודאי האָט ער געהאַט זיינע פּערזענלעכע מאָטיוון דערביי, אפשר גאַנץ שטאַרקע און וואָגיקע מאָטיוון. אָבער אין דעם פאַל פון אליהו טענענהאָלץ, אַזוי ווי אין דעם פאַל פון יעדן טאַלאַנטפולן

און שעפערישן קינסטלער, וועמען דער שיקזאַל, אָדער זייערע גרויסע פּיאיקייטן, רוקן אַרויס צו דער פאָדערשטער ריי פון זייער באַרוף, גילטן ניט אָט די אייגענע מאָמענטן. טענענהאָלץ, ווידערהאָל איך, האָט געקאָנט אָרגאַניזירן די יוגנטלעכע כוחות פון יידישן טעאַטער. ער האָט פאַרמאָגט גענוג וויסן, אינטעליגענץ און וויטאַליטעט צו קאָנען אָפּפרישן אונדזער בינע און אַריינבלאָזן ניי לעבן אין איר . . . דאָס האָט ער ניט געטאָן.

דערפאַר איז אַזוי שווער צו שרייבן מיט אַ גרינגן געמיט צו זיין יובל־יום־טוב. דערפאַר רופט דאָס ווייסע פּאַפּיר אַרויס אַזוי פיל שוואַרצע געדאַנקען.

ער איז געקומען צו אונדזער טעאַטער אַ יונגער, אַ פרינצלעך־שלאַנקער, אַ ריטערלעך־מוטיקער און האָט זיך ניט איינגעבעטן, נאָר אויסגעקעמפט זיין פּאָזיציע אויף די ברעטער פון אונדזער בינע. זיין שטימע, וואָס האָט געקלונגען מיט זכר׳ישער גבורה, זיין יחוס׳דיקע געשטאַלט, זיין שטאָלצער קאַרק — ניט קיין סך אַזוינע האָבן מיר געהאַט אין אונדזער טעאַטער. זיין אַוועקגיין איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ; שטאַרקער, גלויב איך, ווי ער אַליין האָט זיך אים פאָרגעשטעלט.

דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל ער איז געווען בלוט און פלייש פון אונדזער פאָלקסטימלעכקייט, איינגעוועבט און איינגעאָדערט אין דעם לעבן פון דער יידיש־יידישער גאַס. ער איז געקומען מיט שלום־עליכמען און פּינסקין און אַרנשטיינען און מיט די בעסטע שרייבער־דראַמאַטורגן פון די אייראָפּייאישע בינעס. און איידער ער האָט זיך גענומען צו גרים און קאָסטיום, האָט ער זיך פאַרנומען מיט דער מלאכה פון פען און טינט. האָבן מיר פון אים געהאַט אַ רעכט צו דערוואַרטן גאָר אַן אַנדער „דעניומאַן״ ווי אַוועקגיין און פאַרלאָזן די טעאַטער־גאַס אונדזערע און דערמיט צוטראָגן צו איר ביטערער פאַראַרימטקייט.

פאַרשטיי איך, אַז מיט אַזאַ טאָן זיך צו באַטייליקן אין דער רייכער סימפאָניע פון דעם יובל איז ניט קיין סימן פון גאָר גוטן געשמאַק. אַזאַ טאָן קאָן אַריינטראָגן אַ דיסאָנאַנס אין דער מוזיק פון דער גרויסער שמחה. איך מיין, אָבער, אַז אַמאָל קאָן אָט דער ניט־ווילקאָמענער טאָן מיינער צוטראָגן קלאָריט צום רייכן טעפּיך אין וועלכן דער יום־טוב וועט איינגעוויקלט ווערן און — אַזוי, יעדנפאַלס, האָף איך צוגעבן אַ ניואַנס צו זיין פאַרביקייט.

אוודאי ווינטש איך אליהו טענענהאָלצן אַ סך שעפערישע יאָרן.

איך ווינטש, אַז ער זאָל נאָך באַווייזן צוצוטראָגן אַ פּאָזיטיוון בייטראַג צו דער אויפלעבונג פון יידישן טעאַטער. איך גלויב אַז דאָס איז נאָך מעגלעך, אויב די טענענהאָלצעס זאָלן זיך נאָך אָפּרופן . . .

איך שליס זיך אָן אָן דער גרויסער גרופּע פון זיינע פריינט, וועלכע טראָגן אים צו אויפריכטיקע ווינטשעוואַניעס און בלומען — זיי דאָרט און מיר פון דערווייטנס.

פון דעם „פראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב״ ביז האָליוואָוד

פון יוד לאַמעד מאַלאַמוט *)

דער אמתער טאַלאַנט גייט קיינמאָל ניט פאַרלוירן און דערגרייכט סוף־כל־סוף צו דערפאָלג. די דאָזיקע ווערטער קאָנען אָנגעווענדט ווערן אויף דעם יידישן בינע־אַרטיסט, וועלכער שיינט אין דער פילם־וועלט זינט די לעצטע דריי יאָר, טענען האָלץ (טענענהאָלץ).

אליהו טענענהאָלץ, ווי עס קענען אים די ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער, איז אַ פּראָדוקט פון דער ניו־יאָרקער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב״, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן פון יידישע אינטע־ליגענטן מיט דער אַבזיכט צו בויען אַ ריינע און בעסערע יידישע בינע.

טענענהאָלץ איז געווען איינער פון יענע, וועלכע פלעגן אַרויס־טרעטן מיט פאַרלייענונגען, דער עיקר איז ער באַרימט געוואָרן פאַר זיין לייענען שלום־עליכמ׳ן.

פון דעם דראַמאַטישן קלוב, וואו ער איז אנערקענט געוואָרן אַלס גרויסער טאַלאַנט, איז ער אריבער אויף דער יידישער בינע, שפּילנ־דיק אַ שטיקל צייט מיט דוד קעסלערן, דערנאָך מיט בעסי טאָמאַ־שעווסקין און שפּעטער, ווען שוואַרץ׳ס קונסט טעאַטער האָט זיך גע־עפנט, האָט טענענהאָלץ געצויגן גרויס אויפמערק פון דער קריטיק און ער איז אנערקענט געוואָרן אַלס אמת׳ער טאַלאַנט.

אָפּשפּילנדיק צען יאָר יידיש טעאַטער, האָט טענענהאָלץ נישט געמאַכט קיין גרויסע אָנשטרענגונג אָנצוקומען אין די „מואָוויס״. בלויז דאָס וואָס ער איז געקומען אין האָליוואָוד.

---

*) אָט דער אַרטיקל איז דערשינען מיט אַ קנאַפּן פערטל יאָרהונ־דערט צוריק אין זשורנאַל „האָליוואָוד״ (ל. א., יוני, 1929). מיר ברענגען אים דאָ, אָן שום ענדערונגען, ווי אַן אָפּדרוק פון יענער צייט, ווי מ׳האָט דעמאָלט געקוקט אויפן שוישפּילער טענענהאָלץ, און אויף וויפל דער ייד און מענטש טענענהאָלץ האָט זיך אין אַלע זיינע פעריאָדן ניט געענדערט.

פילע, וועלכע האָבן אים געקענט פון דער יידישער בינע, האָבן געפרעגט: וואָס וועט דער שלום־עליכם פּאַרלייענער און דער אַרטיסט פון יידישן קונסט טעאַטער טאָן אין האָליוואוד? ווי אַזוי וועט ער זיך אַריינפּאַסן אין אַ פרעמדער וועלט, אין ראָלן וועלכע זיינען אינגאַנצן להיפוך פון אַלץ וואָס זיין רעפּערטואַר פאַרמאָגט.

אָבער אין אַ שטיקל צייט אַרום ווי ער איז אנגאַזשירט געוואָרן פון דער „מעטראָ־גאָלדווין־מעיער", איז ער געוויזן געוואָרן אויפן ליילעך אין „פּריסקא סאלי ליווי", און זיין שפּילן האָט שטאַרק אויס־גענומען ביי דעם עולם.

אין „טרעיל אָוו ניינטי עיט", איז אים געגעבן געוואָרן זייער אַ שטאַרקע ראָל און ער האָט דעם עולם נאָך מער איבערראַשט.

גאַנץ אָפט פּאַסירט, אַז ווען די קריטיקער זעען אים, בלייבן זיי איינפאַך פאַרגאַפט און זיי זאָגן:

— זעט נאָר, אָט דער כאַראַקטער וואָס טענענהאָלץ שאַפט, איז אַזוי נאַטירלעך, אַזוי לעבעדיק, אַז איר פאַרגעסט גאָר, אז איר זיצט אין טעאַטער. איר זעט אַ לעבעדיקן מענטשן וואָס איז ניט קאַריקאַ־טורמעסיק, ניט איבערטריבן, נאָר שיין אויפגעפּאַסט און נאַטור־טריי געשילדערט, פּונקט ווי ער וואָלט טאַקע אַליין געווען דער טיפּ אין לעבן.

אַ שיינער שטריך אין טענענהאָלץ'ן איז: ערשטנס, דאָס וואָס ער האָט זיין נאָמען ניט געביטן. אויב מען האָט געמוזט מאַכן אַ קאָמפּראָ־מיס, האָט ער פּשוט גענומען זיין נאָמען און צעטיילט אויף צוויי טיילן: טענען האָלץ (טענענהאָלץ), און וואָס עס איז נאָך וויכטיקער, ער איז געבליבן דער אייגענער יידישער מענטש, מיט דער ליבע צו דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור, און האָט זיך אין האָליוואוד איינגעבירגערט יידישלעך, ד. ה. מיט אַ יידישן קולטור קלוב, וואו ער לעבט זיך אויס אין אַ היימישער יידישער סביבה. פון צייט צו צייט לעבן דאָרטן אויף זייגע שלום־עליכם טיפּן פון דער יידישער בינע, און זיינע איבערגעשאַפענע העלדן, אפילו די פאַרלעזונגען פון דעם אַמאָליקן „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב", וואו ער האָט געשעפּט זיין יניקה.

אין דעם יידישן קולטור קלוב גיט ער זיך אָפּ מיט אַנטוויקלען אַ דראַמאַטישע סעקציע פאַר וועלכער ער לייגט אוועק אַ סך געזונט, און ער איז מיט דער דאָזיקער אַרבעט גאַנץ שטאָלץ.

טענענהאָלץ האָט זיכער דערגרייכט צו אַ גרויסן דערפאָלג, אָבער מען קען אויף אים ניט זאָגן, אַז ער האָט קאָמפּראָמיטירט מיט זיין נאָמען, מיט זיינע פּרינציפּן, און ער האָט ווען עס איז פיגורירט אַלס ניט־ייד.

ער איז איינער פון אונדזערע לייכטנדע שטערן אין האליוואוד, אַן אמתער יידישער שטערן, און איינער פון די ווינציקע, וואָס טאָמער באָט מען אים אָן אַ ראָלע און ער דערשמעקט, אַז די ראָלע וועט דעם יידישן נאָמען ניט טאָן קיין גוטס, איז ער מפקיר דאָס געלט, וואָס עס שטייט אים פאָר צו פאַרדינען און ער שפּילט ניט אין אַזעלכע פאָרשטעלונגען.

וויפל יידישע אַקטיאָרן, נאָכדעם ווי זיי ווערן שוין באַרימט, קענען זיך באַרימען מיט אַזעלכע האַנדלונגען?

טענען האָלץ, ווי עס אייניקן זיך די מייסטע קריטיקער וועגן זיין שפּילן, האָט אין זיך אייגנאַרטיקעס, גוטמוטיקעס, קאָמישעס, כאַ־ראַקטעריסטישעס, וואָס אַז ער קומט אַרויף אויף דער בינע, אָדער ווען איר זעט אים אויפן ליילעך, באַמערקט איר ווי ער נעמט ביס־לעכווייז אַריין די ראָלע אין זיך, און שלעפּט אייך מיט און האַלט אייך געשפּאַנט. איידער די פאָרשטעלונג איז אַריבער, באַמערקט איר שוין גאָרניט אַ סך פון די שוישפּילער, אָבער אים באַמערקט איר שוין אינ־גאַנצן. ער לויפט אַוועק מיט דער פּיעסע און פאַרטונקלט אַ סך, אַ סך אַנדערע שטערן, מיט וועמען עס קומט אים אויס צו שפּילן. און ווען איר לייענט די קריטיק, פילט איר, אַז אויב עמיצער ראַטעוועט אָפּט אַ סיטואַציע, אָדער אפילו אַ גאַנצע פּיעסע, איז עס טענענהאָלץ.

אין דריי יאָר צייט האָט ער באמת זייער פיל דערגרייכט, און מיר מעגן זיין שטאָלץ מיט אים.

אליהו טענענהאָלץ און דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

פון י. פרידלאנד

טענענהאָלץ, כידוע, האָט זיך קיינמאָל נישט אידענטיפיצירט מיט קיין באַשטימטער פּאָליטישער ריכטונג אין יידישן לעבן, און ס׳האָט זיך באמת געפאָדערט צו יענער צייט, מיט קנאַפּע דרייסיק יאָר צוריק, אַ סך מוט און יידיש־קולטור־באַוואוסטזיניקייט, אַרויסצוקומען אין דער יידישער עפנטלעכקייט מיט אַן אידייע פון גרינדן אַ יידישן איבערפּאַרטייאישן קלוב. צו יענער צייט, באַלד נאָך די ערשטע יאָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איז דער סאָוועטישער קלימאַט געווען ביז גאָר אַ גינסטיקער די מערסטע האָבן געהאָפט און געגלויבט באמונה שלימה, אַז די איינציקע ישועה און גאולה פאַר דער געפּלאָגטער מענטשהייט און פאַר אונדז יידן באַזונדער, וועט זיכער קומען פון מאָסקווע, און די, וועלכע האָבן געצווייפלט אין אַזאַ אָריענטאַציע, האָט מען תיכף באַצייכנט ווי פאַררעטער, פינסטערלינגען וכו׳. דער קאַמף אויף דער יידישער גאַס צווישן „לינקע" און „רעכטע", האָט זיך דעמאָלט אַזוי צעפלאַקערט, אַז ס׳איז געווען סכנות נפשות, ממש דערשטיקט צו ווערן פון דעם „סמאג" וואָס האָט זיך געשאַפן . . . אַ ברודער האָט דאָך מער אַ ברודער נישט דערקענט! . . . עפּעס אַ קלייניקייט, רררעוואָלוציע! מע האָט זיך פאַרגומען ראַטעווען די מענטשהייט . . . און דאָ קומט אַרויס אַ ייד, מיט אַזעלכע ווילדע בורזשואַזנע השגות און וויל גאָר שאַפן אַ יידישן אומפּאַרטייאישן קלוב! נו, האָט מען אים טאַקע דאַן באַטראַכט ווי אַ „טשודאַק", א ייד אַן עקשן, וואָס לאָזט זיך נישט גיין אין שפּאַן, און וויל גאָר גיין קעגן שטראָם פון דער צייט! . . . נאָכדעם האָבן זיך שוין געפונען נאָך אַזעלכע ווי ער, יידישע קולטור־מענטשן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט צעריבן ווערן צווישן די מילשטיינער פון דעם אַזוי גערופענעם פּאָליטישן פּאַרטיי־קאַמף, און האָבן געגרינדעט דעם ל. א. יידישן קלוב.

„דער יידישער קלוב — האָט טענענהאָלץ זייער כאַראַקטעריסטיש באַמערקט — איז צום לעבן געבראַכט געוואָרן אַלס אַ יידיש ווינקל אָן אַ „פּלאַט" און אָן אַ „פּאָרמע" (פּלאַטפּאָרמע—י.פ.), נאָר מיט

אַ בטחון צו לעבן ווי אַ פֿאַרצווייגטע, פֿריינטלעכע יידישע משפּחה״. און געווען איז דער קלוב, דעמאָלט, מער ווינציקער ווי אַ פֿאַמיליען־קרייז: אַ פּאָר צענדליק מיטגלידער אין צאָל האָבן זיך פֿאַרקליבן ערגעץ אויף אַ משופּעדיקן באַרג, אין אַ הויז, העט ווייט, אויפֿן וועג צו גלענדייל, און ביי אינטימע מסיבהלעך האָט מען געפּייערט טראַדיציאָנעלע יידישע יום־טובים, לויט אַ מאָדערנעם נוסח, און טענענהאָלץ האָט „געפּראַוועט טיש״. צו יענער צייט איז אַזאַ קלוב געווען אַן „אוניקום״, און טאַקע צוליב דער נייקייט, אינטימיטעט און אָן דער אָנגעבלאָזענער אָפֿיציעלקייט, פֿלעגן אַרויפֿקומען אַהינצו, פֿון צייט צו צייט, געסט־קינסטלער וועמען טענענהאָלץ האָט געבראַכט, אַזאַ באַרימטער בעל־מנגן ווי חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט ע״ה איז אויך אַרויפֿגעקומען, אַוועקגעזעצט זיך ביי דער פּיאַנע און מיט אַ סך מתיקות אויסגעזונגען זיין באַרימטן „נרננה״, און דער עולם האָט אויך פֿריי און היימישלעך מיטגעזונגען, און אַזוי אויך אנדערע פֿון פֿאַרשיידענע קינסטלערישע זשאַנערן.

הגם דער „יידישער קלוב״ האָט נישט אַרויפֿגעלייגט אויף זיך קיין באַשטימטע קולטור התחייבותן, האָט ער אָבער אָן פּרעטענזיעס, דורכגעפֿירט אַ היפּשע צאָל קינסטלערישע אָוונטן, עכטע יידישע מסיבהלעך פֿון אַ הויכן קולטורעלן תוכן, ליטעראַרישע פֿאַרלייענונגען פֿון אונדזערע קלאַסיקער, פֿאָלקס־געזאַנג און בכלל — ווי טענענהאָלץ פֿלעגט זיך אויסדריקן — „דאָס איז ניט סתם גערעדט קולטור״, נאָר געלעבט און דורכגעלעבט זיך יידיש־קולטורעל.

אליהו טענענהאָלץ, צו יענער צייט, איז באַשעפֿטיקט געווען אין די פֿילמס, אין האָליוואָוד, האָט פֿאַרדינט גאַנץ גוט און האָט דעם יידישן קלוב, זיין ליבלינג, אוועקגעגעבן גאָר אַ סך פֿון זיין צייט, זיין אומבאַגרענעצטע ענערגיע און טאַלאַנט. נישט נאָר האָט ער מיט זיינע פֿאַרלייענונגען און שוישפּיל אַרויסטריטן באַרייכערט די אָוונטן פֿון קלוב, נאָר ער האָט אויך אָרגאַניזירט ביים קלוב אַ יוגנט גרופּע און אַ יוגנטלעכע דראַמאַטישע סטודיאָ, אונטער זיין לייטונג און רעזשי. אַ צאָל פֿון די יוגנטלעכע האָבן דורך און אַ דאַנק דער „סטודיאָ״ געלערנט און שטודירט די שאַפֿונגען פֿון אונדזערע יידישע קלאַסיקער און דיכטער. אַזעלכע טאַלאַנטירטע יוגנטלעכע ווי: אסתר אטלסבערג, שפרה דיטלאוו, לאה און חנה תרגום, פּאָול גורעוויטש, נפתלי לאַנדסבערג, לאה הערמאַן א. א. פֿלעגן אויפֿטרעטן מיט פֿאַרלייענונגען און רעציטאַציעס פֿון דער יידישער ליטעראַטור, פֿון וועלכע דער יידישער עולם האָט באמת געהאַט גייסטיק הנאה.

טענענהאָלץ איז צו יענער צייט פאַר די יוגנטלעכע און „דראַם־סטודיאָ״ געווען אין דער בחינה פון לערער און דערציער. ער האָט באמת ממשיך געווען מיט אַ צאָל יוגנטלעכע, יידיש לערנען און וויסן, וואָס איז, בלי ספק, פאַרבליבן אין זכרון ביי זיי עד היום. איצט, זיינען זיינע געוועזענע תלמידות און תלמידים, וועלכע האָבן פאַר אים גרויס דרך ארץ און ליבע, שוין אַליין טאַטעס און מאמעס, און איך בין זיכער, אַז דאָס וואָס טענענהאָלץ האָט מיט זיי געלערנט, איז נישט געגאַנגען לאיבוד: די לידער און מעשה׳לעך וואָס ער האָט מיט זיי איינגעשטודירט, גיבן זיי איצט איבער צו זייערע קינדערלעך. דאָס איז אַ געפיל און אַן אויפטו מיט וועלכן אונדזער בעל יובל מעג באמת שטאָלץ זיין.

די פאַרוואַלטונג און די מיטגלידערשאַפט פון יידישן קולטור קלוב שאַצן באמת אָפּ די גרויסע פאַרדינסטן פון אליהו טענענהאָלץ, סיי פאַר דעם וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט אַ יסוד פאַר אזא איבערפאַר־טייאישער אָרגאַניזאַציע, ווי דער יידישער קולטור קלוב און בכלל פאַר זיינע טעאַטראַלע קינסטלערישע ביטראַגן צו דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט.

מיר גיבן אים אונדזערע האַרציקסטע ברכות און ווינטשן אים נאָך אַ סך, אַ סך שעפערישע יאָרן.

באַלד פופציק יאָר אויף דיזעלבע וועגן

פון א. באַביטש

אַלס איינער, וואָס דאַרף מיטהעלפן צונויפשטעלן אָט דעם יובל־בוך, האָב איך אויסגעדריקט דעם געדאַנק צו מיינע צוויי „טשיף רע־דאַקטערן", אַז דער בעסטער וועג ווי אַזוי אָט דאָס בוך קאָן געבן כאָטש אַ קליינע אָפּשפּיגלונג פון טענענהאַלצס אַלזייטיקע טעטיקייט אויפן טעאַטער און קולטור געביט, איז אַז מען זאָל איינלאַדן אַ צאָל חברים שוישפּילער פונם בעסערן יידישן טעאַטער, און אייניקע שריפט־שטעלער מיט וועמען טענענהאַלצן איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין די אַלע יאָרן. אָט די אַרטיקלען וועלן שוין במילא געבן אַ בילד פון זיין פאַרשידנאַרטיקער טעטיקייט.

אָט, אַ שטייגער, וויל איך דאָ אין די ווייטערע שורות איבערגעבן וועגן עטלעכע קולטורעלע אונטערנעמונגען, וועלכע טענענהאָלץ האָט דאָ אין שטאָט דורכגעפירט, אין וועלכע איך האָב אויך געהאַט אַ האַנט און איך וויים ניט, אויב עמיצער אַנדערש האָט אָט די אינפאָר־מאַציע, און צי עמיצער אַנדערש וואָלט עס גאָר דערמאָנט.

ווען איך בין געקומען אין לאָס אַנדזשעלעס אין 1927, איז טע־

נענהאָלץ דעמאָלט געווען, ווי מען זאָגט, אין די פעדערן (נישט די איצטיקע טשיקן פעדערן), נאָך טאַקע אַ „ביגשאָט" מיט אַ קאָנטראַקט ביי „עם דזשי עם", איז אויפגעטראָטן אין אַ צאָל וויכטיקע ראָלן און ער איז געווען אַ „האליוואוד סטאַר". פאַר אונדז, זיינע אַלטע באַ־קאַנטע, איז ער געבליבן דער זעלבער עליע. אָט אין יענער צייט, אין זיינע דערפאָלגרייכע טעג אין האליוואוד, האָט ער פאַרטראַכט און זיך שטאַרק מתעסק געווען מיטן אָרגאַניזירן אַן עכט יידישן קולטור קלוב, וואו דער יידישער מענטש זאָל זיך קאָנען אויסלעבן קולטורעל יידיש. דאָס זיינען געווען זיינע ווערטער. אין אַן אַנדער פּלאַץ איז דאָ אַ באַ־זונדער אַרטיקל וועגן טענענהאָלצס ביישטייער צום יידישן קולטור קלוב. וויל איך זיך דאָ מער ניט פאַרנעמען מיט דעם. איך וויל אָבער דער־מאָנען עטלעכע אַנדערע וויכטיקע אויפטואונגען זיינע.

ביי מיין אָנקומען אין לאָס אַנדזשעלעס, בין איך אַ פּאָר יאָר געווען דער סעקרעטאַר פון דער היגער פאָלק שול אויף סאָטאָ סטריט.

אין יענע טעג האָבן אַ גרופּע חברים פֿאַרטראַכט איבערצובויען דאָס אַלטע שטיבל אויף אַ לייטישן צענטער, מיט גאָר ווייניק געלט, אָבער מיט יוגנטלעכן גלויבן אין דער אונטערנעמונג. ביים לייגן דעם ווינקל־שטיין האָבן מיר געהאָפּט צו שאַפֿן אַביסל געלט, און מיר האָבן דאַן טאַקע געשאַפֿן אַ 4־5 טויזנט דאָלער. טענענהאָלץ האָט אונדז אַ סך געהאָלפֿן אין יענער אונטערנעמונג. חוץ זיין אייגענעם אנטייל, האָט ער אונדז געהאָלפֿן קריגן אַ צאָל גרויסע אַרטיסטן צום יום־טוב. איך געדענק שוין ניט די נעמען, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז די שילד־קרויטס, מאָריס מאַשקאָוויץ, ווערא גאָרדאָן, דזשאָרדזש סידני, און אנדערע זיינען דורך זיין הילף געקומען צום יום־טוב און זיינען אויך געווען אָפּטע אונטערהאַלטער אויף אונדזערע אונטערנעמונגען.

אַ צאָל אַרטיקלען אינם בוך שפּיגלען אָפּ טענענהאָלצס טעאַטער־קאַריערע. איך וויל בלויז דערמאָנען און צוגעבן עטלעכע געזעל־שאַפֿטלעכע טעאַטער־אויפֿטואונגען מיט וועלכע מיר פּערזענלעך איז אויסגעקומען מיטצואַרבעטן.

אין די יאָרן 1930־36, ווען איך בין געווען פֿאַרבונדן מיט דער „קאַליפֿאָרניער יידישע שטימע" — אין וועלכער ער האָט אָפּט גע־דרוקט זיינע פיינע הומאָרעסקן — האָב איך אים אַמאָל דערציילט וועגן דער פינאַנציעלער לאַגע פון דער צייטונג, אַז עס פעלט פשוט אויף שבת, און אַז מיר פּלאַנירן דורכצופירן אַ יובילייַ פון דער צייטונג אין טריניטי אוידיטאָריום, און אַז דער איינציקער אויסוועג איז, צו מאַכן דעם יובילייַ פאַר אַ דערפאָלג, וואָס זאָל אונדז ברענגען אַביסל געלט אָפּצוצאָלן נויטיקע חובות און אַביסל דערהייבן דעם פּרעסטיזש און אינטערעס פאַר דער צייטונג. טענענהאָלץ האָט אַן וועלכע קאַנדי־ציעס אַנגענומען זיך צו באַטייליקן אינם אָוונט. אַז ער האָט אָנגע־נומען זיך צו באַטייליקן אינם אָוונט, האָבן מיר זיך דעררעדט צו דעם, אַז ער זאָל ניט קומען עפּעס לייענען, נאָר מיר זאָלן דורכפירן אַ פאָרשטעלונג, אויפפירן עפּעס אַ הומאָריסטישע מאַכערייקע, אָפּ־לאַכן אַביסל פון זיך אַליין. אויף דער עצה פון טענענהאָלצן, האָב איך זיך אָוועקגעזעצט שרייבן דעם קרומען שפּיגל פון דער רעדאַקציע, וואָס איז אויך דאַן געווען דער קרומער שפּיגל פון אונדזער דע־מאָלטיקער יידישער לאָס אַנדזשעלעס. כאָטש איך בין דאַן ניט געווען אין קיין שטאַרק הומאָריסטישער שטימונג, אָבער נויט ברעכט אייזן, איך האָב עס אָנגעשריבן. אָבער ווי ניט קיין דערפאָרענער דראַמאַטורג, איז עס געווען צוזאַמענגעסטריגעוועט מיט לויזע שטעך. עליע האָט זיך ניט געפּוילט, פאַרקאַטשעט די אַרבל, און מיר האָבן צוזאַמען

געמעקט און געשריבן, און נאָך אַמאָל געמעקט און געשריבן, און עס איז אַרויסגעקומען אַן אויסגעצייכנטע שאַרזש־קאָמעדיע פון אַ יידי־שער רעדאַקציע. אויפגעפירט האָט מען עס מיט אַמאַטאָרן, און אויך דאָ האָט עליע אַרויסגעוויזן מערקווירדיקן געדולד און אויסדויער, און עס איז אַרויסגעקומען אַ פּראַכטפולע פאָרשטעלונג. מענטשן גע־דענקען נאָך היינט יענע פאָרשטעלונג, און פרעגן פאַרוואָס מען פירט עס ניט דורך נאָך אַמאָל. דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט. עס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכער אָוונט. די צייטונג האָט געמאַכט אַרום 1500 דאָלער און טענענהאָלץ האָט געהאַט אַ מאָראַלישן דערפאָלג . . .

אַן ענלעכן מאָראַלישן דערפאָלג האָט ער געהאַט, ווען ער האָט אויסגעבעסערט מיינע אַ מאַכערייקע וועגן פּיטער מ. כהן, ע״ה, און האָט עס געלייענט ביי כהן׳ס יובילייִ פאַר אַן עולם פון אפשר טויזנט מענטשן, אין סאַניטאַריום זאַל אין דוּאַרטי. דער זאַל, אָנגעפילט מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן עולם, האָט ממש געקראַכט פון געלעכטער ביי יעדן זאַץ.

איך שטעל זיך דאָ אָפּ אויף די פּאָר פּערזענלעכע עפּיזאָדן ווייל, ווי געזאָגט, ווייס איך, אַז עמיצער אַנדערש וועט עס אין בוך ניט דערמאָנען, און עס וואָלט ניט געגעבן קיין פול בילד פון טענענהאָלצן ווען די מאָמענטן ווערן אויסגעלאָזט.

מיין גאָר לעצטע דערפאַרונג מיט טענענהאָלצן, איז געווען אַרום דער אַרבעט פון אַרויסגעבן פּרץ הירשביינס ע״ה ווערק. עס איז געווען אַן אונטערנעמונג צו שאַפן 10,000 דאָלער — פינף טויזנט האָט געדאַרפט שאַפן ניו־יאָרק און פינף טויזנט לאָס אַנדזשעלעס. לאָקאַלע טוער וויסן וויפל מי עס פאָדערט זיך אַרויסצוגעבן אַן איינ־ציק בוך, וואָס קאָסט אַ טויזנט אָדער 15 הונדערט דאָלער. טענענ־האָלץ איז געווען דער פאָרזיצער פונם קאָמיטעט, און ער האָט אויך דורכגעפירט די פיינע פאָרשטעלונג פון הירשביינס „פוסטע קרעטשמע״. אויב איך האָב אַליין ניט אַריינגעבראַכט גענוג געלט, האָב איך אָבער געפילט פאַר מיין חוב צו קומען צו די געשעפטלעכע זיצונגען. דאָ האָב איך געזען עליען דעם אויסגעהאַלטענעם גוזלשאַפטלעכן טוער מיט הונדערט פּראָצענט ערנסט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. עס זיינען געווען מאָמענטן ווען מיטגלידער פון קאָמיטעט זיינען גע־וואָרן מיד, האָבן געטענהט, אַז עס איז אַ צו שווערע אונטערנעמונג פאַר לאָס אַנדזשעלעס צו שאַפן אזא סומע, אָבער עליע האָט אויף קיין איין מאָמענט ניט אויפגעגעבן זיין גלויבן, אין די מעגלעכקייטן

צו דערגרייכן דעם ציל, און האָט מיט זיין גלויבן אַנגעשטעקט אַנדערע. מיר מעגן איצט עפנטלעך אנערקענען, אַז ווען ניט ער, וואָלט די זאַך קיינמאָל ניט דורכגעגאַנגען מיט אָט דעם דערפאָלג, וואָס האָט באמת פאַרשאַפט אַ סך כבוד אונדזער יידישער לאָס אנדזשעלעס. איך פלעג ויצן ביי די מיטינגען און באַוואונדערן זיין פיזישן און מאָראַלישן כוח צו קאָנען, נאָך אַ טאָג אַרבעט אַרום די הינער, דורכפירן אַזאַ שווערע, פאַראַנטוואָרטלעכע אַקציע, ווי דאָס אַרויסגעבן הירשביינס ביכער, און זיך שלעפּן אַזוי פיל מאָל ביינאכט אהין און צוריק פון מאָנראָוויא. דאָס דאַרף מען קאָנען . . .

קענענדיק דעם חתן היובל באַלד אַ האלבן יאָרהונדערט, נאָך פון די טעג פונם „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב", און דרייענדיק זיך אַלע מאָל אין דיזעלבע קרייזן, איז נאַטירלעך אַז מען זאָל אַמאָל האָבן אַן איבעררייד, זיך אַביסל צעקריגן. און עס זיינען ביי אונדז געווען פעריאָדן פון שלום און פעריאָדן פון קריג (אָן אַ קריגס־דערקלערונג), און אָפט פרעג איך: עליע, ווי האַלטן מיר איצט, שלום צי קריג?

אָבער אויך פאַר דעם האָב איך אים דן געווען לכף זכות. ווען אַ יידישער אַרטיסט פון זיין פאַרנעם דאַרף אויפגעבן די בינע און זיך אָפּגעבן מיט הינער, קאָן מען פאַרשטיין אין וואָס פאַר אַ שטי־מונג ער געפינט זיך אָפט, ווען מע הערט ביי אונדז די אויסגעדראָ־שענע רייד וועגן קולטור און טעאַטער, וועלכע האָבן ניט קיין געוויכט און קיין באַדייטונג.

צי אין ברוגז, צי אין שלום, ווינטש איך עליען אָנצושפּאַרן ביז 120 יאָר און פאָרטזעצן זיין אַרבעט מיט אַלע זיינע קאַפּריזן.

טענענהאָלץ און די ליבהאָבער-קרייזן אין לאָס אַנגעלעס

פון מרדכי מייזעל

איך ווייס — אַ סך וועלן פרעגן: פאַרוואָס אַן אָונט מיט אַ יובל־בוך פאַר אליהו טענענהאָלצן?

איז מיין ענטפער: ערשטנס, איז אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער ניט געווען נאָך אַ פאַל, כאָטש עס איז שוין לאַנג צייט געווען אַז עס זאָל פאַסירן, אַז מען זאָל אָפּגעבן כבוד אַ יידישן אַקטיאָר, ניט גלאַט אים אָפּצאָלן מיט אַ „בענעפיט" פאָרשטעלונג, וואָס דריקט זיך בלויז אויס אין פינאַנציעלער הילף, נאָר טאַקע אַ פאָרשטעלונג צוליב אנערקענונג, און אַ בוך וואָס זאָל פאַראייביקן זיין אַרבעט, זיינע פאַרדינסטן.

צווייטנס, ווייל טענעהאָלץ האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט אין די דראַמ.־קרייזן און ער פאַרענדיקט אויך אויף דעם זעלבן בכבודיקן אופן מיט די דראַמאַטישע קרייזן, און די דערמאָנטע קרייזן זיינען מיר ליב און טייער. די דאָזיקע קרייזן האָב איך געווידמעט מיין לעבן, מיט זיי מיטגעאַרבעט. זיי זיינען געווען די ערשטע צו פאַרשפרייטן דעם געדאַנק, אַז מיר דאַרפן שאַפן אַ בעסער יידיש טעאַטער. זיי זיינען סיי מיט פאָרשטעלונגען, סיי מיט לייענען, געווען אינסטרו־מענטאַל צו העלפן אַנטוויקלען און דערציען דעם אַריבערגעקומענעם יידישן האַרעפּאַשניק, וואָס האָט געזוכט זיך אויסצולעבן נאָך אַ שווערן טאָג געאַרבעט אין די שוויץ־שעפּער. זיי זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט די דראַמאַטישע ווערק פון פּרץ הירשביין ז"ל, דוד פּינסקי און אַנדערע, און האָבן די ביכער געזוכט צו פאַרשפרייטן אין פאָלק. זיי זיינען געווען די, וועלכע האָבן פאַרבעטן יידישע שריי־בער אויף לעקציעס און געבראַכט דערצו, אַז דאָס פאָלק זאָל זיי דערקענען פּנים אל פּנים, און אַז אונדזערע יידישע קינסטלער זאָלן טאַקע דורך דעם פּראָפּיטירן פינאַנציעל און מאָראַליש.

עס וועט דעריבער זיין כדאי, כאָטש בקיצור, זיך אָפּצושטעלן און געבן דאָ אַן איבערבליק אויף די אַרבעטן פון די דראַמאַטישע

גרופן, ווי אַזוי זיי זיינען צושטאַנד געקומען, ווער זיינען געווען די מענטשן, וואָס האָבן מיטגעווירקט און וואָס זיינען געווען זייערע דער־גרייכונגען.

מיט איבער זעכציק יאָר צוריק, האָבן די דירעקטאָרן פון די יידישע טעאַטער דערפילט, אַז עס איז ביז גאָר נויטיק צו גרינדן דראַמאַטישע גרופן, ניט חלילה צוליב דער אַנטוויקלונג און פאַר־שפרייטונג פון דער יידישער קולטור, נאָר פשוט אויס פּראַקטישע סיבות: זיי האָבן זיך געניטיקט אין סטאַטיסטן, „אַרויסהעלפער", און דאָך. . . . זיינען אפילו פון דאָרטן אַרויס אַזעלכע ריזיקע טאַלאַנטן, ווי: מאָריס מאָסקאָוויץ, טאָרנבערג, גינזבורג און אַנדערע. דאָס איז געווען אין יענער פאַרצייטיקער תקופה.

שפּעטער, אין יאָר 1902, האָט דער גרויסער יעקב גאָרדין, און אים צו לענגערע יאָר, אונדזער חשובער געלערנטער און גרויסער ייד יואל ענטין, געגרינדעט דעם „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב" און דעם „יעקב גאָרדין ליטעראַרישן קרייז", אין ניו־יאָרק. זייער אויפ־גאַבע איז געווען בלויז צו לייענען אונדזערע קלאַסיקער, שפּילן די בעסערע איינאַקטערס, און פון דאָרט האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויס־שיילן אַזעלכע קינסטלער וואָס האָבן פאַרשאַפט כבוד דעם יידישן פאָלק, קינסטלער ווי אליהו טענענהאָלץ, גרשון רובין, יחיאל גאָלדסמיט, יודל דובינסקי, העגריעטא שניצער, לאה מעלצער, מלכה קאָרנשטיין עה"ש, קלארא לענגסנער, לואי ווייסבערג, ברייטבארד און אַנדערע.

דער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב" און דער „יעקב גאָרדין ליטעראַרישער קרייז" שטעקט אָן אַנדערע, און אין אַ רייע שטעט אין אַמעריקע ווערן מענטשן פאַרכאַפּט ווי פון אַ פיבער. עס נעמען זיך גרינדן דראַמאַטישע קרייזן אין קליוולענד, מילוואָקי, שיקאַגאַ. עס ווערט געגרינדעט אַ קאָנפערענץ, אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע דראַמאַטישע קרייזן פון אַמעריקע. די קאָנפערענץ קומט פאָר אין קליוולענד. עס ווערט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר גרעסערע אַרבעטן, מ'גיט אַרויס פּרץ הירשביינס דראַמאַטישע ווערק אין 1916, מען איז אויך אינסטרו־מענטאַל און מען העלפט ארויסגעבן דוד פּינסקיס ווערק.

דער ערשטער גרויסער פאַרגעם ביי דער דראַמאַטישער געזעל־שאַפט אין שיקאַגאַ פאַסירט, ווען מען פאַראינטערעסירט דעם שוי־שפּילער אברהם טייטלבוים, וואָס שפּילט דאָן אין גליקמאַנס פּאַלאַס טעאַטער.

טייטלבוים נעמט זיך אויפפירן „דער טויטער מענטש" פון שלום אַש, אין 1920. עס באַטייליקן קרוב צו פערציק מענטשן אין פערסאָנאַל. דער מאלער אַסטראָווסקי מאָלט ספּעציעלע דעקאָראַציעס. מען ברענגט אַרונטער דעם טשעליסט יוסף טשערניאווסקי פון ניו־יאָרק, ער שאַפט ספּעציעלע מוזיק. אויך דער אויטאָר, שלום אַש, ווערט געבראַכט צו דער פּרעמיערע. די פאַרשטעלונג איז אַ ריזיקער דערפאָלג. גענוג צו זאָגן, אַז די דראַמאַטישע געזעלשאַפט נעמט איבער גליקמאַנס טעאַטער, און שפּילט צוויי וואָכן כסדר אין דעם זעלבן טעאַטער מיט ריזיקן דערפאָלג. דאָס דערהויבט דעם פּרעסטיזש, עס באַווייזט דעם בעסערן עולם, אַז „דילעטאַנטן" קענען אויפפירן אַ בעסערע פּיעסע און שפּילן ווי אַן אַנסאַמבל־גרופּע דאַרף שפּילן, ווי עס איז נאָך ביז דאַן אין קיין יידיש טעאַטער אין אמעריקע ניט געשפּילט געוואָרן.

די שיקאַגער דראַמאַטישע גרופּע שטעלט זיך דאַן פאַר איר אויפגאַבע צו טאָן גרעסערע ארבעטן. מען ארבעט עטלעכע יאָר מיט מאַרק אַרנשטיין, יעקב מעסטל, יעקב בן־עמי, יוסף שיינגאָלד, מעריאָן גערינג, מאַרק שווייד, ישראל ברזלי און ביז עס קומט צו יוסף בולאָוו, אַ תקופה וועגן וועלכער ס'וואָלט זיך געלוינט אַ סך צו שרייבן, וועגן אירע גרויסע אויפפירונגען און וואונדערלעכע רעזולטאַטן, הן פאַר דער געזעלשאַפט, הן פאַרן עולם. אָבער דאָס פּלאַץ דערלויבט ניט זיך צו פאַרשפּרייטן.

עס איז אָבער גענוג אָנצואווייזן אויף דער אויפפירונג פון „שבתי צבי" (אַש־זשולאַווסקי), הירשביינס „גרינע פעלדער", ה. לייוויקס „שאָפ", פרידריך העבעלס „אַ שפּיל אָן אַ נאָמען", אָסיפ דימאָוס „דער זינגער פון זיין טרויער", אויפפירונגען וואָס האָבן געמאַכט אַ רושם איבער גאַנץ אַמעריקע.

די פאַרשטעלונגען האָבן אָנגערעגט די יידישע יוגנט. עס נעמען זיך שאַפן קרייזן אין מילוואָקי, דעטראָיט, מעמפיס, ואחרון אחרון חביב, אויך אין אונדזער לאָס אנגעלעס, מיט אליהו טענענהאָלץ בראש, אַלס רעזשיסאָר. טענענהאָלץ האָט דאַן אָנגעפירט מיט גרופּן אַרום דעם ל. א. קולטור קלוב, ביז ער טרעפט זיך מיטן שרייבער פון די שורות און עס ווערט געשאַפן די ל. א. קולטור־קלוב טעאַטער גרופּע.

און עס ווען זיך גערענקען גוט די אויפפירונגען פון אַנסקיס „טאָג און נאַכט", אשענדאָרפס „דער זעלבער גורל", פּרץ'עס „שוועס־

טער", פינסקים „אוצר", „אַ שמועס", שלום עליכמ׳ס „ס׳אַ ליגן", „טביה דער מילכיקער", ארנשטיינס „דאָס אייביקע ליד", און אַנדערע פיעסן.

אליהו טענענהאָלץ פירט אָן גלייכצייטיק מיט דערוואקסענע און מיט אַ סטודיאָ פאַר יוגנטלעכע. ער האָט אונדז באַוויזן, אַז ווען קיין גייסטיקע צופרידנקייט איז שוין נישט געווען, סיי אַרום דעם יידישן טעאַטער, סיי אַרום די „מואוויס", יענע גייסטיקע באַפרידיקונג, וואָס ער האָט אין דער יוגנט געהאַט ארום דעם „פּראָגרעסיוו דראמאטיק קלוב", איז ער בעסער אוועק און איז געוואָרן אַ „פאַרמער". אָבער אָן יידישן טעאַטער האָט ער ניט פאַרגעסן, און איז אַלעמאָל גרייט, אומגעצאָלט, מיטצואַרבעטן מיט חברים וועלכע האָבן ליב די בינע ווי ער, מענטשן וואָס האָבן גרויס דרך־ארץ פאַרן ריינעם יידישן וואָרט, און פאַרן יידישן פאָלק, פּונקט ווי ער אַליין.

אונטער די ערגסטע אומשטענדן, סיי פיזישע, סיי פינאַנציעלע, האָט ער אַלעמאָל עולה־רגל געווען פון זיין ווייטן „פאַרם", געקומען צו פּראָבן, האָט זיך געזאָרגט פאַר דער גאַנצקייט פון דער פאָרשטע־לונג און פאַר דער אויפפירונג.

אַ מענטש מיט אַזאַ נשמה, מיט אַזאַ צוגאַנג צו אַן אידעאַלער יידי־שער בינע, פאַרדינט כשר א יום־טוב, א שיינע פאָרשטעלונג, און אַ יובל־בוך.

וואָס טוסטו אין מאָנראָוויאַ,* אליהו, מיין פריינט?

(צו מיין פריינט אליהו טענענהאָלץ, לכבוד פופציק יאָר פון

זיין צוטראָג צום יידישן טעאַטער).

פון מאַקס באַנד

— וואָס טוסטו אין מאָנראַוויאַ, אליהו, מיין פריינט?

אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט האָסטו
מיט טאַלאַנט, ווילן און עקשנות געהאָלפן
האַלטן ביים לעבן דעם גוסס'ן יידישן טעאַטער;
האָסט יאָרנלאַנג מאַסאַזשירט די האַלב-טויטע האַרץ פון יידישן
וואָרט, איז —

— וואָס-זשע טוסטו אין מאָראָוויאַ?

אין גרויסע צענטרען פון יידישע מאַסן, וואו
צדקה און מעשים-טובים פאַרבייטן ביסלעכווייז
אַלע אַנדערע יידישע גרויסע ווערטן,
דאָרט האָט דיין ענטוזיאַזם און ליבע פאַר דיין פאָלק
און שפּראַך,
געקענט אינספּירירן און דערציען
אַ גאַנצן דור יידישע יוגנט
צו דער איידעלער אַמביציע:
ווידער אויפצולעבן דאָס יידיש וואָרט און
האַלטן וואַך דאָס יידישע האַרץ, איז —

— וואָס-זשע, אַ, וואָס-זשע טוסטו אין מאָנראַוויאַ, אליהו,
מיין פריינט?!

* מאָנראָוויאַ, אַ שטעטל אַרום לאָס אַנדזשעלעס, וואו טענענהאָלץ האָט
זיין „טשיקן־פאַרם״.

דאָס פאָלק שאַצט אָפּ זיינע קינסטלער

פון ב. סוראסקי

איך בין ניט קיין טעאַטער־קריטיקער, און אויך ניט קיין ליטע־ראַטור־קריטיקער. איך בין אַ פשוט׳ער בעל מלאכה. איך פאַרשטיי אָבער ווי געהעריק אָפּצושעצן דעם קינסטלערישן מהות פון אַ באַגאַבטן אַרטיסט ווי אליהו טענענהאָלץ.

יעדעס פאָלק האָט זיינע קינסטלער אויף וועלכע ס׳איז ביז גאָר שטאָלץ. אַ סך קינסטלער ווערן ניט נאָר אָפּגעשאַצט פון זייער אייגן פאָלק, נאָר אויך אנערקענט פון דער וועלט. די יידישע קולטורעלע שיכטן ביי אונדזער פאָלק שעצן זייער אָפּ דעם קינסטלער אליהו טענענ־האָלץ.

דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט נאָך אין זיין פריעסטער יוגנט פאַרקניפּט און פאַרבונדן זיין גורל מיטן בעסערן יידישן טעאַטער, און דאָס יידישע טעאַטער און די בינע בכלל זיינען געוואָרן אַ טייל פון זיין לעבן.

אליהו טענענהאָלץ האָט אַריינגעבראַכט אַ סך חשיבות און כבוד דער יידישער קונסט מיט זיין קינסטלערישן פאַרנעם. דאָרט וואו טע־נענהאָלץ טרעט אויף, צי אַלס לייענער פון שלום עליכם, צי אַלס שוי־שפּילער, ברענגט ער אַריין אַ סך פרייד און נחת־רוח, אַ סך יום־טוב־דיקייט און אַ גאָר וואונדערלעכע סביבה אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן. וואו מיר האָבן שוין פאַרגעסן ווי אַזוי צו לאַכן, קומט טענענ־האָלץ מיט זיין שפּילן אָדער לייענען, און צינדט אָן אַ האַרציקן גע־לעכטער אין אונדז, און מיר פאַרגעסן זיך אין די טאָג־טעגלעכע דאגות און זאָרגן. מיר טראָגן זיך מיט אים אַוועק אין אַן אַנדער וועלט. אָט די קינסטלערישע פייאיקייט באַזיצט טענענהאָלץ נאָך אפילו איצט, ווען ער איז באַשעפטיקט צו מאַכן אַ שווער לעבן פון זיינע הינער.

ער איז אָבער ניט אָפּגעריסן פון יידישן טעאַטער־לעבן. ער איז פאַרבונדן מיט יידישע אָרגאַניזאַציעס. ער איז גרייט צו יעדער צייט אויפצוטרעטן פאַר זיי, און פאַרטראָגן ליטעראַרישע שאַפונגען פון דער יידיש־קינסטלערישער וועלט.

דעריבער פיל איך, אַז דער טאָג שבת, דעם 15טן יאַנואַר, 1955, איז אַ טענענהאָלץ־טאָג.

דעריבער פרייט אונדז וואָס מיר קאָנען זיך אָנשליסן אין דער גרויסער שמחה פון אַלע יידישע קולטורעלע קרייזן, ווייל דאָס איז די פרייד און די שמחה פון די וועלכע גלויבן נאָך אין אַ שענערן און בעסערן מאָרגן, אין אַ בעסערן קינסטלערישן יידישן טעאַטער, אַ טעאַטער פון דעם מין, וואָס אליהו טענענהאָלץ איז געווען פון די ראשונים.

ווען מיר הערן נאָך היינט לייענען טענענהאָלצן שלום־עליכמען, האָבן מיר באמת אַ גייסטיקע הנאה, און אַט דער געפיל פאַרבלייבט מיט אונדז תמיד אין דער טיפעניש פון האַרצן.

בין איך דעריבער געווען מער ווי צופרידן מיטצואַרבעטן מיט דעם אליהו טענענהאָלץ יובל־קאָמיטעט. עס איז אַן אינטעליגענטע, ערנסטע גרופּע חברים.

מיין פרוי, סאָפיע, און מיין ווייניקייט באַגריסן אייך, גוטער חבר און פריינט, אליהו טענענהאָלץ, און מיר ווינטשן אייך נאָך לאַנגע, גוטע, פריידיקע יאָרן מיט גייסטיקע און פיזישע כוחות ווייטער אָנצוגיין מיט אייער נוצלעכער קינסטלערישער טעטיקייט אין אונדזער קולטורעלן יידישן לעבן.

אַ באַגריסונג פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד

מיר שיקן אַ האַרציקע און חבר'שע באַגריסונג צו אונדזער חבר, דעם גרויסן קינסטלער אליהו טענענהאָלץ, לכבוד דעם 50-יאָריקן יובל פון זיינע לייסטונגען פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער. מיר ווינטשן אים צו קענען נאָך פיל יאָרן ברענגען פרייד און דערהויבונג פאַרן יידישן עולם דורך דער בינע.

גענעראַל עקזעקוטיווע

פון

יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד
ניו־יאָרק

מאיר ל. בראון, פּרעזידענט

ל. סיגאל, סעקרעטאַר

יידישע אַקטיאָרן יוניאָן באַגריסט דעם חשוב'ן אליהו טענענהאָלץ צו זיין פופציקסטן יובל

אליהו טענענהאָלץ נויטיקט זיך נישט מ'זאָל אים פאָרשטעלן און דערציילן פאַר דער וועלט וואָס ער האָט געלייסטעט אין דער יידישער טעאַטער פּראָפעסיע, און דעם חשובן אָרט וואָס ער האָט אַמאָל פאַרנומען אויף דער יידישע בינע. זיינע טעטיקייטן אין די פופציק יאָר פון זיין צוטראָג צום בעסערן יידישן טעאַטער האָבן אים פאַרזיכערט אַ בכבודיקן אָרט אין דער יידישער טעאַטער געשיכטע.

ווען מיר זאָלן מאַכן אַ שטיקל חשבון פון זיינע מעשים, און פאַרצייכענען זיינע אויפטואונגען אויף דעם לאַנגן וועג, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען מיט אַזוי פיל מי און מסירת נפש, זינט דעם טאָג וואָס ער איז אַריינגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב", ביז ער האָט דערגרייכט דעם איצטיקן יום־טוב, וואָלטן מיר זיכער געקומען צום באַשלוס און פעסטגעשטעלט, אַז זיין וועג איז געווען אַ ריכטיקער און אַ מזל־ברכה'דיקער.

אליהו טענענהאָלץ האָט אין יענע יאָרן אַ סך געהאָלפן בויען און פאַרפעסטיקן דאָס יידישע טעאַטער און דאָס יידישע לעבן אויף דער יידישער גאַס. מיט זיין אַרויסטרעטן אין די מאָנאָלאָגן פון שלום עליכם און מיט זיינע דעקלאַמאַציעס און רעציטאַציעס פון אַ סך אַנדערע יידישע שריפטשטעלער, האָט ער געמאָנט, געפּאָדערט און געוועקט יעדן יידן צו קולטורעלע, דערציערישע און געזעלשאַפטלעכע מעשים.

באַגריסן מיר אים אין נאָמען פון דער יידישער אַקטיאָרן יוניאָן, און מיר ווינטשן אים די האַרציקסטע ברכות פון אַלע אונדזערע מיט־גלידער, און איבערהויפּט פון די נאָענטע וואָס זיינען אַזוי גייסטיק פאַרבונדן מיט זיין לעבנס־ווערק. זאָל ער נאָך אַ סך יאָרן זוכה זיין צו ציען די גאָלדענע קייט פון זיין אייביקן קולטורעלן קאַמף לכבוד דעם קולטורעלן יידישן לעבן און לכבוד דעם בעסערן יידישן טעאַטער.

יידישע אַקטיאָרן יוניאָן

נייטן גאָלדבערג, פּרעזידענט

טשאַרלי קאָהן, סעקרעטאַר

חשובע רעדאַקציע פון אליהו טענענהאָלץ יובל בוך:

אַלס אַ ליבהאָבער פון בעסערן יידישן טעאַטער און אַ פאַרערער פון אליהו טענענהאָלץ, האַלט איך עס פאַר אַ כבוד צו זיין איינער פון יובל־קאָמיטעט וואָס אראנזשירט די פייערונג פון אליהו טענענהאָלצס פופציק יאָריקע פאַרבינדונג מיטן בעסערן יידישן טעאַטער, און צו־טראָגן מיין באַשיידענעם חלק אין דער פאַרדינטער אנערקענונג וואָס ווערט אים צוגעטיילט.

עס איז פאַרדריסלעך טרויעריק וואָס אַט די פייערונג דאַרף ווערן רעדוצירט צו אַ כאַראַקטער פון זכרונות פון אַ בעסערער צייט ווען דאָס יידישע קינסטלערישע טעאַטער איז געווען אין זיין בליי־פעריאָד. היינט לעבט דאָס בעסערע יידישע טעאַטער דורך אַ טיפן קריזיס. איך וויל ניט זאָגן אַז עס איז לגמרי טויט, אָבער לעבעדיק געוויס ניט. איך ווייס ניט וועמעס שולד דאָס איז. זיכער ניט די שולד פון דעם בעל היובל, וועלכער האָט די אַלע יאָרן אָפּגעהיט מיט אַ באַזונדערער פיעטעט דאָס קינסטלערישע יידישע וואָרט, און עס געהאַלטן וואַך.

וויל איך האַרציק באַגריסן דעם יובליאר צו זיין היינטיקן יום־טוב, און באַגריסן דעם יובל־קאָמיטעט וואָס האָט די פייערונג גע־געבן אויסדרוק־פאָרם דורך שפּילן שלום עליכמס „גאָלד גרעבער״, וואו דער בעל היובל קריגט אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן קינסט־לעריש, און פאַרשאַפן גרויס געגוס אַלע ליבהאָבער פון בעסערן יידישן טעאַטער.

און זאָל דאָס זיין אַן אָנפאנג פאַר אַן אויפלעבונג פון יידיש טע־אַטער אין בעסערן זין פון וואָרט ביים פּאַסיפישן ברעג, וואו דער יובילאר וועט נאָך שפּילן דערין אַ גרויסע און וויכטיקע ראָלע.

זייט געגריסט, פריינד אליהו טענענהאָלץ.

מאיר ווײַנטרויב, פאַרוואַלטער

פון לאָס אַנדזשעלעס אָפּיס פון „פאָרווערטס״.

ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1954.
חשובע רעדאַקציע פון אליהו טענענהאָלץ יובל בוך:

דערלויבט מיר צו צוגעבן מיין באַשיידן בלימעלע אין דעם בלומענקראַנץ פאַר אליהו טענענהאָלץ צו דער פייערונג פון זיין פאַר־בינדונג פאַר 50 יאָר מיטן בעסערן יידישן טעאַטער. פאַרבינדונג דוכט מיר איז ניט דאָס ריכטיקע וואָרט. עס איז מער ווי דאָס. טענענ־האָלץ לעבט און אָטעמט, אין חלום און אין וואָר, יעדע שעה אין טאָג, יעדן טאָג אין וואָך מיט יידיש טעאַטער. צי דאָס איז אויף דער בינע אָדער אין פריוואַטע געשפּרעכן, יידיש טעאַטער איז אין זיין בלוט.

איך האָב עס נאָך באַמערקט ביי מיין ערשטער באַגעגעניש מיטן יובילאַר מיט איבער צוויי צענדליק יאָר צוריק אין קולטור קלוב וועלכער, אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז געווען זיין שאַפונג. אין זיין ערשטער היים, ערגעץ אויף אַ באַרג אויף דאוגלעס גאַס, האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ געוויינטלעכן געשפּרעך. אָבער ווען יעדער אַנדערער האָט גערעדט, האָט טענענהאָלץ געשפּילט טעאַטער, און מע האָט טאַקע הנאה געהאַט ווי פון אַ גוטער טעאַטער־שפּיל. און אַזוי דוכט מיר איז עס ביי יעדער באַגעגעניש, ביי יעדער געלעגנהייט, און איך בין דאַנקבאַר פאַר יעדער געלעגנהייט וואָס איך האָב צו זען דעם יובילאַר, צי דאָס איז ביים טעאַטער־שפּיל, ביי אַ פאַרלייענונג אָדער אין פריוואַטן געשפּרעך.

אליהו טענענהאָלצס ביטראַג צום קינסטלערישן יידישן טעאַטער וועלן אָפּשאַצן די וואָס זיינען עס באַרופן צו טאָן. איך גלויב אָבער אַז טע־נענהאָלצס מעלה איז, וואָס ער האָט זיין גאָט געבענטשטן טאַלאַנט ניט וואולגאַריזירט ווי עס האָבן דאָס צום באַדויערן געטאָן אַ גרויסע צאָל פון אונדזערע קינסטלער. און ער איז בעסער אַוועק האַדעווען הינער, איידער צו וואולגאַריזירן זיין טאַלאַנט, ווען עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ און מעגלעכקייט פאַר אַ בעסערן, קינסטלערישן יידישן טעאַטער.

און היינט צו זיין יובל פייערונג, ווינטש איך אים און אונדז אַלעמען, אַז ער זאָל נאָך דערלעבן אַ צייט ווען זיין טאַלאַנט און פייאיקייט, וועלן נאָך אַראָפּשיינען פון אַ קינסטלערישער יידישער טעאַטער־בינע טאַקע ביי אונדז אין לאַס אַנדזשעלעס.

מיט גרויס דרך ארץ,

יוסף טיללעס.

צום אָנדענק פון מאַקס שפּאַניער

פון ב. ס.

ווען מיר האָבן דערהערט די טרויעריקע בשורה, אַז מאַקס שפּאַניער איז שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע, זיינען מיר אויפגעטרייסלט געוואָרן. ערשט ניט לאַנג צוריק האָבן זיינע פריינט געפּייערט מיט אים זיין 80־יאָריקן געבוירנטאָג, געהאַט מיט אים סעודות און שמחות, געהוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. זיין שטימע האָט געקלונגען פריש און שטאַרק, זיין פיזישער אויסזען — ענערגיש, פול מיט לעבן.

ער האָט זיך געקליבן צו קומען מיט פאַמיליע און פריינט צו טענעהאַלצס יובל. מיטאַמאָל, ניטאָ שוין מאַקס שפּאַניער!

זייענדיק אַ נאָענטער פריינט פון בעל־יובל, ווילן מיר דאָ איבערגעבן בקיצור אייניקע פּרטים וועגן אים:

ער איז געבוירן אין בערלין, 9טן מערץ, 1874, ביי אָרימע עלטערן. אָנגעהויבן אַרבעטן ביי אַן אַדוואָקאַט צו 13 יאָר, בכדי צו העלפן שפּייזן די פאַמיליע. געקומען אין אמעריקע אין 1890, געוואָרן אַ פעלץ אַרבעטער. רעדנדיק דייטש און האָבנדיק אַ געבוירענע נייגונג צו טעאַטער, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין אַ דייטשן דראַמאַטישן קלוב.

באַקענט זיך מיט דער פרייהייטלעכער יידישער באַוועגונג, ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע", ווערט דער ערשטער פאַרוואַלטער און בלייבט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער און נאָענטסטער פריינט פון דער צייטונג זיין גאַנץ לעבן. געווען און געבליבן אַ קולטור־טוער, אַ טרעגער פון פרייהייטלעכן עטישן סאָציאַליזם.

זייענדיק אַ נאָענטער פריינט פון בעל־יובל, איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון אונדזער יובל קאָמיטעט, און זיך געקליבן צו מאָביליזירן זיינע פריינט אין סאַן פראַנציסקא צו קומען צו דעם טענענהאָלץ יום־טוב.

אַ טאָג פאַר זיין טויט האָט ער אָנגעזאָגט זיין טאָכטער אַנאַ, זי זאָל באַזאָרגן אַ באַגריסונג אין יובל־בוך. אפשר האָט ער געפילט אַז דאָס זיינען זיינע לעצטע טעג. וואָלט ער איצט געלעבט, וואָלט אונדזער יום־טוב געווען אויך זיין יום־טוב.

שטייען מיר מיט געבויגענע קעפּ ביי זיין פרישן קבר. עס איז אַוועק פון דער וועלט אַ גרויסער מענטש, אַ פיינער יידישער קולטור־טוער.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק!

מיין יידיש וואָרט

פון אסתר שומיאטשער־הירשביין

עליען

טראָג מיך, יידיש וואָרט,
דורך דעם אייביקן פייער פון יידיש לעבן!
דער הימל — דיין בעט.
דאָס פייער פון די שטערן — דיין קישן.
מיט דיר מעסט איך די לענג פון דער ערד מיט התמדה.
מיט דיר לעש איך דעם דאָרשט פון מיין גומען.
אין דיינע אותיות — אונדזער גורל טוט זיך מישן . . .

יידיש וואָרט!
פאַר אַלע יידישע טישן ביסטו דער ערדישער אָנשפּאַר.
פאַר אַלע יידישע בענקשאַפטן — דער אויסגעשטערנטער הימל.
יידיש וואָרט — בעל־דמיון און בעל־בטחון;
יידיש וואָרט — שיינקייט פון אַלע יידישע יאָכן.

אָט, שיט איך אייך אויס, מיינע אותיות!
אַן אות מיט אַן אות טוען זיך דערנענען.
כאַף, שין, רייש: אין איינעם —
מיין יידישער כשר!
— „כשר יידיש הארץ" — פלעגט מיין באָבע מיך רופן.
א „כשר־טאַנץ";
כשרע טרערן פון באָבעס, מאַמעס, טרערן פאַרגאָסן אין יידיש;
צאינה־וראינה־לשון, יידיש־טייטש, עברי־טייטש!

דער אַלף טוט אַ לויף, בלייבט שטיין,
דער מעם שטעלט זיך דערנעבן.
דער תו, דער סוף פון אַלע סופן,
מיטן פאַררימן פיסל האַצקעט אונטער,
גלייכט זיך אויס — איך בין דאָ!

אַלף — דער אָנהייב פון אַן אָנהייב!
תו — דער סוף פון אָנהייב! . . .
אַלף, מעם, תו, אין איינעם מאַכט עס —
אמת!

אמת פון וואָרט,
אמת פון גלויבן,
אמת פון ליבע,
אמת פון טרויער,
אמת, אמת, אמת.

אַזוי פיל כוח אין אַזאַ קליין וואָרט — אמת!
אַזוי פיל מסירת-נפש פאַר דעם עקשן, דעם אמת,
אַזוי פיל קידוש-השם פאַר דריי ציטעריקע יידישע אותיות;
אלף, מעם, תו —
דער אמת פון ליידן;
דאָס ליידן פאַר דעם אמת . . .

דאָס דאַשיקל פונם קוף טוט זיך אַ געררודער,
שטעלט זיך אַוועק, ווי אַ דעבעלע, — איך בין דאָ!
אונטער אים טוט אַ האָפּקע זיין פיסל . . .
דאָס קליין יידעלע, טוט הכנעהדיק אַ וואונק:
— „איך בין אויך אַ פינטעלע אינם יידישן געזינדל! . . .”
דער וואָו, מיטן קעפּל פאַררריסן,
— „מאַכט אַ וואָרע, איך בין דאָ!”
ער שטעלט זיך צו לעבן דעם יוד מיט גאווה:
— „געזען אַזעלכס, אַזאַ קליין יודעלע זאָל האָבן אַזאַ ניט-
פאַרשעמטע תאווה!”
דער שלאָסמעם, וואָס האַקט אָפּ אַלע גאוותדיקע קריגערייען,
שטעלט זיך פירקאַנטיק אַנידער, ווי אַ ייד, פאַרן מאַכן אַ המוציא:
— איך בין דער יידישער יחסן אינם אלף-בית,
אָן מיר וואָלט געווען די אמתע מהומה,
אָן מיר קאָן קיין קיום ניט האָבן קיין תקומה,
מיך מוז מען האָבן, כדי „קיום” זאָל האָבן אַ קיום!”
קוף, יוד, שלאָסמעם: אין איינעם מאַכט עס —
קיום!
קיום — בטחון פון אייביקן דאַזיין!
קיום — דורך געוויטער פון דורות!
קיום — דער אייביקער פלאַם פון אָנהייב און סופן.
קיום — דער יידישער פייער פון האָפן.

טראָג מיך, יידיש וואָרט,
דורך דעם אייביקן פייער פון יידיש לעבן!

אַ שווישפּילער פּאָרל

צום יובילײ פון אונדזער באַרימטן און באַליבטן שווישפּילער,
און יידישן קולטור־טוער, עליע טענענהאָלץ

פון א. לוצקי

באַזעצט אין אַ שטעטל,
אַ שטילס און אַ שיינס,
אַ פאַרטראַכטס און אַ ריינס.

אַ שווישפּילער פּאָרל.
מאַן און ווייב —
אַ „גראַף" מיט זיין „גרעפין".

צעשיידט פון דער בינע,
אַוועק פון דער סצענע,
געענדיקט דער מארק.

זיי שפּילן נישט מער.
זיי שפּילן נישט מער?
זיי שפּילן!

די וועלט — זייער בינע!
די הייזער — אַ סצענע!
די גאַס — זייער מארק!

זיי שפּילן גייענדיק!
זיי שפּילן דאָ פאַרנאַכטיק!

די זון אין פאַרנויגן,
מיטברייטן דערהויבן,
די וועלט שטאַרצט די אויגן.

דער „גראַף" מיט דער „גרעפין" —
זיי שטאָלצן צום וואַסער,
אויף שליאַכן פאַראַדנע — באַלאַד'נע . . .

געשלאַנקט מאַיעסטעטיש,
געשעצטע פּראָפּעטיש,
באַלעט'עש . . .

זי שטעלט אָן די ליפּן
אַזוי ווי צו פּייפן:
מיין גנעדיקסטער ליבסטער!
איך טו וואָס באַגרייפן!

די פייגעלעך פישטשען
ווי גלעקלעך די טרעלע;
דערינערט מיין ראָלע:

„עס יאָמערט איין זעלע" . . .

דראַמאַטישע וואָלקנס
מיט לויפיקער כמאַרע,
דערינערט מיין ראָלע:

„דער שטראָם פון די יאָהרע!"

מיר איילן צו הויזע
געוויטערס פאַרמיידן . . .
מיך ציט צום טעאַטער!
איך בענק נאָך די ליידן! . . .

דער „גראַף" בליקט צום הימל,
צו אָנען אַ רעגן,
און נעמט איר דערקלערן
מיט גרויסע באַוועגן:

איך בענק נאָך די ראָלן
אין שוואַרץ קונסט טעאַטער!
דאָס גרייטן זיך שפּילן
מיט פּליטער און פלאַטער!

אַ שפּילער טעאַטערט
דאָס גאַנצענע לעבן,
אויב נישט אין טעאַטער —
קולטור קלוב דערנעבן —
איז איצטער מיין לעבן . . .

פּיאָנערישער אויפטו

צווישן די פּיאָנערישע אויפטוען, מיט וועלכע דאָס יידישע לאָס אַנדזשעלעס שטאָלצירט, קאָן בלי שום ספק אויך פאַררעכנט ווערן די דערגרייכטע אידייע—אַרויסצוגעבן דעם **דוד עדלשטאַט געדענק-בוך**, פאַרטראַכט פון שריפטשטעלער און סאָציאַלן פאָרשער, דר. הערמאַן פראַנק ע"ה, און שפּעטער רעדאַקטירט פונם דיכטער ב. י. ביאַלאָסטאָצקי.

לאָס אַנדזשעלעס איז אויך געווען דער איינציקער יידישער צענטער, וואָס אַ דאַנק דער געלונגענער דראַמאַטיזאַציע פון טאַלאַנטפולן שריפטשטעלער, הערי לאַנג, און אַ דאַנק דער קינסטלערישער רעזשי און אויפפירונג פון טאַלאַנטפולן בינע־קינסטלער אליהו טענענהאָלץ—האָט דאָס היסטאָרישע געשטאַלט פון דוד עדלשטאַט מיט זיינע סאָציאַלע געזאַנגען און ראַנגלענישן, געפונען אַן אויסדרוק פון פאַרטיפטער קינסטלערישער הויך אין אַ פּרעכטיקן ספּעקטאַקל, וואָס האָט באַגייסטערט די גרויסע צאָל צושויער.

דער דוד עדלשטאַט געדענק־בוך איז אויך געוואָרן דער היסטאָרישער צושטייער און די גרויסע מתנה—דעם יידישן קבוץ אַמעריקע צום 300 יאָריקן יובל פון יידישן ישוב אין אַמעריקע. די גרויסע צאָל טרוימער, שאַפער, פריהייטס־קעמפער און וויסנשאַפטלער—די גאַנצע פּלעיאַדע שעפערישע פּערזענלעכקייטן, וואָס פּילן אָן דעם דוד עדלשטאַט געדענק־בוך—זיינען די ליכטיקסטע סימנים און שענסטע עדות פון דער שעפערישקייט פון די יידישע מאַסן, וועלכע האָבן געשטראַמט פון אַלע עקן וועלט צו די ברעגעס פון אַמעריקע און—דאָ געשאַפן דאָס שענסטע, מיט וואָס דאָס יידישע אַמעריקע מעג שטאָלצירן. צו זיי געהערן די ערשטע איניציאַטאָרן פונם דוד עדלשטאַט געדענק־בוך אין סאַן פראַנציסקאָ, מאַקס און פּעני שפּאַניער ע"ה, וועמענס ליכטיקע געשטאַלטן מיר וועלן מיט שטאָלץ דערמאָנען.

צום גרויסן אוצר פון יידישער שעפערישקייט געהערט בלי ספק דער צושטייער פונם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, וואָס איינער פון זיינע אַנגעזעענע, וואָגיקע קינסטלער איז אונזער בעל־היובל, **אליהו טענענהאָלץ**. זיין אויפפירונג פון דער דוד עדלשטאַט פאָרשטעלונג,

צוזאַמען מיט די באַטייליקטע: חנה פריינדליך, שרה טייטלבוים, פערל פעדער, מרדכי מייזל און שמואל סאָלאָמאָן—וועט בלייבן צווישן זיינע קינסטלערישע אויסצייכענונגען און טיפן פאַרטייטש אויף דער יידישער בינע.

צו זיין יובל פון 50 יאָר צושטייער צום יידישן טעאַטער, ווינטשן מיר אים נאָך לאַנגע, שעפערישע יאָרן און צו דערלעבן זיין דער לעבעדיקער עדות פון אַ נייעם אויפבלי און אויפשוואונג פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

דוד עדלשטאַט אָנדענק-קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס:

שמואל אַשרי	היימאַן יפה
אַנאַ אַליי	א. כראַבלאָוו
ליזאַ בריליאַנט	העלען כראַבלאָוו
בעלאַ בערמאַן	י. מאַסקאָוויץ
משה גינזבורג	ש. י. מענקאָוו
בלומע גיסנעט	מ. לאַפּידוס
אליעזר דאָרין	ראָוז מאַסקאָוויץ
גיטל דאָרין	שרה יאפּע
פראַנק העריסאָן	א. פּילער
אסתר הערמאַן	לעאָן קייזער
אייב ווינאָקור	דאָראַ קייזער
י. זינגער	מאַרק פרומאַק
סעם טאַק	

באַגריסונגען צו טענענהאָלצס יובל

אסתר הירשביין
גאסי און יוסף שפיגעלמאַן
לואיס האמבורגער
בען סאלניט
חיים און באשקע שאפירא
פאול מוני
דזשאָזעף שילדקרויט
ישעיה און סאָניע בראון
יוסף און פייגעלע פאניץ
ל. א. יידישער קולטור קלוב
דוד עדלשטאט קאָמיטעט
זלמן און ציליע זילבערצווייג
יוסף האָפמאַן און פרוי
הערי און לוסי לאנג
מאיר וויינטרויב
יוסף טיללים און פרוי
י. ל. און בערטא מאלאמוט
מרדכי מייזעל
דזשארדזש קארטער לזכרון
אסקאר קארטאזשינסקי
שלמה און צילי צוקערמאַן
מארק און פרוי קארטער
חיים שאפירא
עמיל בראון און פרוי
אבראם און אסתר שאפירא
סעם און בעסי גאטלין
מאָריס און מאניע פארבער
נפתלי לאנדסבערג און פרוי
שמואל און ליובא ברייני
עמוס און יעסיקא הירשביין
הערי און רוטה מייזליש
ראז שאָמער און שמואל באטשעליס
שלמה און צילי צוקערמאַן
פערל פעדער
שמואל און רעי שולמאַן

אוירווינג און גיטל וויינראָט
אניטא פריינטליך און דוד שעף
מאָריס טרובין און פרוי
סאפיע און באריס סוראסקי
לואיס טאבאק און פרוי
בעקי בערג און דובאָוו
יצחק, זהבה און משה יאָסל רויטבלום
סעמועל און אגא קאָוונער־גראדסקי
סעמועל שפיגעלמאַן און פרוי
י. גרינשפאַן און פרוי
לואיס און ראָזע זעלמאַן
יוסף און רעגינא זייד
שייקע און דארא שטראוס
סעם גאָלדמאַן
טילי און ישראל גרינשטאט
איזידאָר און שרה טייטלבוים
מרים און ישראל ברזלי
בעל און בעני ניסשעוויטש
היימאַן און סערע יאפע
סיימאַן פיעלד
ב. וויינטרויב און פרוי
גרונטשע און משה מאנדלבוים
פנחס און עלסי ראפאפארט
ראזע און אוירווינג ניידארף
ראובן און הענע פלאטקין
הערי און בעטי מאָרגנשטיין
אנא טוזאן
מאקס און פרוי לעווענשטיין
בערטא בלעקמאַן
יאסל זאלער
אוירווינג און בעלא טעף
פעני און ווילי פריעדמאַן
מייקעל טאפעט און פרוי
ל. בילמעס און פרוי
בען און מיני צוקערמאַן

באַגריסונגען צו טענענהאָלצס יובל

שוירלי שטעבעל און יעקב ווידער
כייקע און באָריס ווינער
דזשעק מאַלער
לואיס ראָט
יהושע און מארטא פינטעל
דזש. און ד. ראָזנבערג
הערי און אננא באַראָן
אננא ווינאָקור
בערל און מיני מינץ
סעמועל און רבקה בלום
ראוז און דזשעק מאָסקאָוויטש
גאָלדע און מישא ארפין
דזשאזעף און ווערא גאָלדבערג
בלומע, לאה און חנה טארגין
הערי אייבערעמס און פרוי
אוירווינג זאכארי און פרוי
סאל און בעלא שפיגעלמאַן
דזשוליוס און יעטא ווייסשטיין
קלארא אָסטראָפסקי
פרוי וויל דוראנט
ישראל און בעטי וואנטיק
שרה און שמחה ליינער
אייזיק ראמבערג און פרוי
גאנז בוק סטאָר
סיידי קיינין
ראוז טרעבאָוו
מאָריס און דארא מיצנער
ישראל און קלארא סלעקטאר
י. פיללער
מאָריס לאפידוס
טעאָדאָר סטרימלינג און פרוי
דזשעק קעי
ס. באראק פורניטשור קאָ.
דזשוליוס און אננא ארראו
דר. נייטן און אנא זאלצמאן
פישעל בימקא

דזשאָזעף מילער
משה לייב און אניוטא קאפעלאָף
יצחק און מוסיע פרידלאנד
דוד שיינהאָלץ
אייזענבערג און אייזענבערג
ראָזנבלום און ראָזענבלום
אשר דובין און פרוי
נח און סיידי פינקלשטיין
ח. ברייס און פרוי
דר. אליהו און ליליען עפשטיין
אנא פעסין־מאנדעלבוים
דוד סעסין און פרוי
הערי ראָטבלאט און פרוי
שרה און פיני גאנז
לאנג בייער
דזשיימס פוהל
ברעגער און פרוי
בארני קיסנער
מ. זינגמאן און פרוי
ראבערט און שארי גאלדשטיין
הערמאן ברענער
וועלוול באראנאָווסקי און פרוי
דזשעק און אננא קאַץ
דוד און עלקע קמץ
דזשאָנאס בינענפעלד
דזשאָזעף קאָך
לואיס און פרוי סילווערבערג
דזשוליוס און אנא נאטאנסאָן
דזשאָזעף גערסאן און פרוי
לואיס דזשאספער און פרוי
דזשאָזעף פוירסעל
סאל און סאניע לעווין
היימאן און עמא לעווין
אנא און מאָריס גרופּ, לזכרון
מאָריס און סערע ווינארסקי
פנינה אָסמאַן

באַגריסונגען צו טענענהאָלצס יובל

וויקטאָר און פרוי קאַרטער
ת. ברייס און פרוי
הערי פריעדמאַן
ה. באַש
י. לעוויט
סעמועל אייבערעמסאַן און פרוי
לואיס פרענקל און פרוי
טשארלס קאַמינסקי און פרוי
מאָריס דייטש און פרוי
סעם פליק און פרוי
דר. זאַנוויל און זעלדע קליין
לייזער און מרים מעלצער
סיימאַן שוקען און פרוי
העגרי גלאַסמאַן און פרוי
י. קיפּניס און פרוי
סעמועל און סאָניע קראַוועצעוו
לואיס זעמלמאַן און פרוי
מאַקס און ראָז האָלצמאַן
בערל וויינטרויב און פרוי
א. שטורם און פרוי
פרעד ראַבינס און פרוי
אייב שווארץ
סינקלעיר פּיינט סטאָר
האווארד שיינפעלד
מאָריס שאַליפּ און פרוי
דוד פּינסקי לייען קרייז
מ. רודין און פרוי
דזשעק מאַלער און פרוי
ארטור שרייער און פרוי
ב. מאָסט
דוד סאַוועטניק
י. ראַבין
פּאולין און מאָריס אפּעל
בענדזשאַמין ריעסעל
הערי ראָבינסאַן און פרוי
סעם לעווין און פרוי

גאַסי און אהרון אייעראַף
מאַקס און פעני שפּאַניער,
סאַן פראַנציסקאָ, קאַליפ.
ראַלף קליין און פרוי
דזשאָזעף און דזשעני וויינמאַן
מאיר מעזניק און פרוי
אַנאַ און טאַני ריגאַטי
אלעף און ליובאַ באַביטש
חברה און חברה ס. דאָרפמאַן
דזשעק און רעא קאַהאַן
מאָריס דאַשע און פרוי
ב. באָרנשטיין
י. סומיטש
א. קראַפּט
דר. מ. נ. רובין
יוסף און רחל פיעלד
דר. און באַשקע וואַנאַמייקער
זאַיאַנץ מאַרקעט
יצחק מאַרגאָלין און פרוי
ס. זייגער
משה און מיני אָדערבערג
חזן דניאל פּלאַטקין
מאָריס מיצנער און פרוי
י. איזגאַר און פרוי
מאַניע גורמאַן, לזכרון פון מיין מאַן
דזשעק און שוואָגער מאיר גורמאַן
אברהם און אסתר דיקשטיין
מאָריס דזש. נאַרטאַן
ווינערס מאַרקעט
י. פּיאַס און פרוי
יעקב און אָליאַ סינגער
מאָריס און פּאולין אַפּעל
וועלוול און ליזאַ שאָר
בען און ריוואַ סאַפּקין
מאָריס נאַרטאַן
באַרטישאַ מאַטוסעף

באַגריסונגען צו טענענהאָלצס יובל

גענעראַל אָפיס, נאַציאָנאַלער
ארבעטער פארבאנד
קאָנסיל פון יידיש נאַציאָנאַלן
ארבעטער פארבאנד,
פרץ הירשביין צווייג פארבאנד
דוד בן־גוריון צווייג פאַרבאַנד
אויפבוי גרופע פועלי ציון
ווייצמאַן־זאַלצמאַן ברענטש פאַרב.
דוד פינסקי צווייג פארבאנד

קראַפּאַטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט
וולאַדעק ברענטש 443 ארב. רינג
ברענטש 590 ארב. רינג
ברענטש 983 ארב. רינג
פראָגרעסיוו ברענטש 933 ארב. רינג
פרץ הירשביין קולטור קרייז ביים ים
ה. רויזענבלאַט לייען קרייז
מענדלסאָן לייען קרייז
גאָלדבלום לייען קרייז

Greetings from a Friendly Union
JOINT BOARD CLOCKMAKERS UNION

„דוד פינסקי לייען קרייז"

באַגריסט האַרציק אונדזער באַליבטן קינסטלער און טאַלאַנטירטן פאָרלע־זער, אליהו טענענהאָלץ, און ווינטשט אים נאָך אַ סך גליקלעכע יאָרן.
לכבוד זיין 50 יאָריקן יובל —
סימאַ גאָלדבערג, עקז. סעק.
רבקה רובינשטיין, רעק. סעק.

קראַפּאַטקין ליטעראַטור קרייז ברענטש 413

בתיה סעמינאָף
זעלדע קאָברין
קארל העלפער
איידע און משה לערער
א. קיפער
היימאַן און מיני ווינשטאָק
גדליה און סאָניא
היימאַן און עלסי שאצבערג
מ. גודלמאַן

דער ה. רויזענבלאַט לייען קרייז

באַגריסט דעם דראַמאַטישן קינסט־לער אליהו טענענהאָלץ צו זיין ווערטפולן פופציק יאָריקן ביישטייער צו דער יידישער קולטור אין אמע־ריקע.
גאָסי סארטא, סעקרעטארין

ר' אליהו, לחיים! — ליובל כפלים!
מיט האַרציקע ברכות פאַר נאָך פיל יאָרן פון קינסטלעריש־שעפע־רישע טעטיקייטן אויפן געביט פון אונדזער קולטור לעבן אין לאָס אַנ־דזשעלעס.

פרץ הירשביין צווייג 352
יידיש נאַציאָנאַלער אַרב. פאַרב.
ארטור שרייער, פארזיצער
דוד באיארסקי, סעקרעטאַר

נח אין „אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל" פֿון פּרץ הירשביין.



נח אין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" פון פּרץ הירשביין.



לעפאק אין „גנבים" פון פישל בימקא.



ציגיינער אין „קינדער ליבע" פון סעמועל קאהען.

פרענק אין „מאַדאַם וואָרענס פּראָפעסיע"
פון דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו.

יאָסעלע פּרנס אין „דער וואַסער טרעגער״ פון י. פּרעגער.



פאול גראָסהאַן אין „דער בלוטיקער געלעכטער"
פון ערנסט טאָלער



גענעראַל שאפּאָלאָ אין „וועלף" פון ראָמען ראָלאַן.



וואסקא פעפעל אין „נאַ דניע“ פון מאַקסים גאָרקי



ערשטער בטלן אין „דיבוק״ פון ש. אנסקי



לודוויג זאַץ אַלס „טוביה האביוני״,
אליהו טענענהאָלץ אַלס „שמעון הנזיר״
אין „אלישע בן אבויה״ פון יעקב גאָרדין
(געשפּילט מיט יעקב אַדלער אין גרענד טעאַטער, נ. י.)



חנה אַפּעל, אליהו טענענהאָלץ, בערטא גערסטין
אין „מאָשקע חזיר" פון י. ד. בערקאָוויטש.

חזן יאָסעלע ראָזענבלאט ע"ה, אליהו טענענהאָלץ,
רבי שלמה מיכאל נעכעס ע"ה
(דאָס בילד גענומען צווישן די אַקטן ביי אַ פאָרשטעלונג
פון יעקב גאָרדינס „דער אומבאַקאַנטער")

מ. ראָזענבערג, מאָריס שוואַרץ און אליהו טענענהאָלץ
אין „וואַסער טרעגער" פון י. פּרעגער.

לואיס מענן אַלס „חיים סאלאמאָן",
אליהו טענענהאָלץ אַלס „שלומיאל"
אין „דהי אָנריטן טשעפּטער" פון סעמועל שיפּמאן
(געשפּילט אין ענגליש אויף בראָדוויי, נ. י.)



פאָון־בראָקער אין „סאלאָם אָוו די טענעמענטס"

יִם פּיראַט מיט רעימאַן נאַוואַרא



שפּיאָן — „דהי שעדיאָו“



מיסטער ליוואי אין „פריסקא סאלי ליוואי"

פרענטשמען אין „גרעי־העט"

פּראָפעסאר אין „רעטעקטיווס"



יונגער פּראָפֿעסאָר אין „דעמי בראַיד"

בוקינג איידזשענט אין „אפסטעידזש" מיט נאָרמא שירער.



באַרדזש קעפּטען אין „וואַלענציאַ“



„לענין" אין „בריטיש איידזשענט"

„העק־בריד" אין „פליימינג פאָרעסט"



דזשענטלמען גענגסטער אין „נאַיס בייבי"



דזשעטא גודהאל אלס „סאלאָמע”,
אלעקס טענענהאָלץ אלס „פּאון־בראָקער”
אין „סאלאָם אָוו די טענעמענטס”

דזשאָרדזש סידני, נאָרמא שירער, טענענן האָלץ
אין „לייטעסט פראָם פּערים"

1903

1908



1907

1916


מחותנים טאנץ
MODERATO

טראָפּנס טינט פון
אליהו טענענהאָלץ׳ס שרייב־טיש

באַמערקונג

דאָ זיינען בלויז עטלעכע געציילטע הומאָרעסקעס, וואָס דער בעל היובל האָט געדרוקט אין פאַרשיידענע יידישע צייטונגען און פעריאָדישע אויסגאבעס אין אַמעריקע אין משך פון די יאָרן 1911-45.

די רעדאַקציע האָט בכיון געלאָזט די הומאָרעס־קעס אין זייער אָריגינעלן סטיל און טיילווייז אויך אין דער אָרטאגראַפיע, כדי צו געבן אַ געטרייעם אויס־דרוק די אָפּגעלאָפענע יאָרן אין אונדזער אַמעריקאַ־נער יידישן זשורנאַליזם.

אויסער די אָריגינעלע אַרבעטן פון טענענהאָלצן, ווערט אויך, ווי אַ מוסטער פון זיין יידיש לשון, גע־בראַכט זיינע אַן איבערזעצונג, דער איינאַקטער „די זון פאַרגייט״ פון גוסטאַוו וואיד.

די זון פאַרגייט

קאָמעדיע

פון גוסטאַוו וואיד *

יידיש: א. טענענהאָלץ

פּ אַ ר ש ו י נ ע ן :

(אַלטע מענער, איינוואוינער אין אַ מושב זקנים)

העלמס

קראַקאו

האנסען

יאַנסטאָן

האממער

באָפּפּע

בעללינג

קנוט—(אַן אַכצן־יאָריקער בחור)

* גוסטאַוו וואיד, אַ דענישער דיכטער, געבאָרן אין האלמגאַרד, אויף דעם לאַלאַנד אינדזל, דעם 6טן מערץ, 1858. ער איז געשטאָרבן אין קאָפּענהאַגען, דעם 24טן אָקטאָבער, 1914. אַ סאַטיריקער, הומאָריסט און קעמפּער. זיין אמעריקאַנער איבערזעצער, ערנסט באָיד, גיט איבער אייניקע כאַראַקטער־שטריכן פון אָט דעם דענישן קינסטלער אין זיין קורצער פאָררעדע צו וואיד׳ס פיעסע „צוויי מאָל צוויי איז פינף״ און ער באַמערקט דאָרט, אַז דער העלד, פּאול אייבל, איז וואיד אַליין.

אָט דער איינאַקטער „די זון פאַרגייט״, איז איבערזעצט אין ענגליש פון בענדזשאַמען פּ. גלאַזער.

סצענע:

דאָס צימער פון העלמס און קראקאו אינם מושב זקנים. אַ נאָכמיטיק, שפּעט אין חודש סעפּטעמבער. אַ פענסטער רעכטס, צום גאַס און אַ פענסטער לינקס, צום הויף. אַן איינ־ציקע טיר אין הינטערגרונט וואַנט, וועלכע עפנט זיך צו אַ קאָרידאָר, מיט ענלעכע טירן ביז צו די טרעפּ פון די אונ־טערשטע עטאַזשן.

אַן „איינגעבילדעטע" ליניע צעטיילט דאָס צימער אויף גלייך: העלמס וואוינט ביים פענסטער צום גאַס, און קראקאו ביים פענסטער צום הויף. אין יעדנס אָפּטיילונג איז פאַראַן מעבל: אַ בעט, אַ טיש, אַ געשיר־שאַפע, אַ קליידער־שאַפע, אַ זאָפא און אַ פּאָר שטולן. דער אויוון איז אויף קראקאוס זייט צימער, אָבער דערפאַר האָט העלמס אַ גרויסן געבעטן אָרעם־שטול מיט אַ הויך ווענטל. אַ לאָמפּ הענגט פונקט אין מיטן פון סטעליע. כאָטש עס איז פאַראַן אַ שפּאַניש ווענטל וואָס מען קאָן נוצן אויף אַ מחיצה, איז עס אָבער איצט צונויפגעלייגט און שטייט אָנגעשפּאַרט אין הינטער־וואַנט. אויך ביידע טישן זיינען איצט צונויפגערוקט אין מיטן צימער אַזוי אַז ס'מאַכט דעם איינדרוק פון **איין** צימער.

העלמס' זייט איז אויפפּאַלנד שלעכט אויפגעראַמט און אין אומאָרדענונג; קראקאוס זייט איז ריין און ציכטיק. אויף העלמס' טיש איז אַ וואַזע מיט בלומען און דערנעבן אַ פּאָר גראָע וואָלענע זאָקן און אַ פּאָר וואַרעמע הענטשקעס, אויך אַ בילד פון אַ יונגן בחור, אין אַ העלער ניקל־ראַם.

העלמס, די ברילן אויפן שפּיץ נאָז, זיצט אין „זיין" גרויסן אָרעם־שטול נעבן „זיין" טיש און לייענט אַ צייטונג. קראקאו זיצט נעבן אים פאַרטיפט אינם שאַך־ברעט.

ווען דער פאַרהאַנג גייט אויף, איז אַ לאַנגע פּויזע.

קראקאו: מנא, כ'האָב עס ווידעראַמאָל.

העלמס: (נישט אַרויסנעמענדיק די אויגן פון דער צייטונג). ס'איז גאַנץ גרינג, ווען איינער גנבעט . . .

קראקאו: ווער גנבעט?

העלמס: יאָר־איין, יאָר־אויס האָלטסטו אין איין געווינען ביי זיך אַליין, יעדער איינער קאָן עס טאָן.

קראקאו: (פּאָרעט זיך מיט די שאַך־פיגורן). אַזוי? דו קאָנסט נישט.

העלמס: אַנו פּרואוו נאָר אַן אַנדער שפּיל. לאָמיר זען סאַראַ חכם דו ביסט.

קראַקאו: מיר איז גאַנץ גענוג די שפּיל. (רוקט איבער אַ פיגור). וועסט היינט האָבן אַ שאָקאָלאַדע?

העלמס: (מיט פאַראַכטונג). שאָקאָלאַדע! פאַר וואָס עפּעס?

קראַקאו: כ׳מיין, כ׳האָב געטראַכט, היינט, צוליב דיין געבורטסטאָג —

העלמס: שאָקאָלאַדע! דאָס איז גוט פאַר ווייבער. צו מיין געבורטס־טאָג שטעל איך ווין.

קראַקאו: הממממ! ווין, העי? ווער קומט?

העלמס: מענטשן!

קראַקאו: בעללינג אויך?

העלמס: מסתמא וועט באָפּפּע אים מיטברענגען.

קראַקאו: ער זשאַלעוועט אַ וואָרט אויסצורעדן.

העלמס: וואָס קלאַפּסטו אַזוי? מוזטו דאָס מאַכן אַזאַ טומל מיט דיינע מענטשעלעך אויפן ברעטל?

קראַקאו: האַלטסט זיך אין איין באַקלאָגן אַז איך מאַך אַ טומל; דאָס טוסטו דאָך נאָר כדי מיר צו ווייזן אַז דו ביסט נישט אַזוי שטאַרק טויב.

העלמס: האַ? דו ביסט דאָס לעצטע יאָר אין גאַנצן טויב געוואָרן! אַזוי האָט מיר האַנסען געזאָגט.

קראַקאו: האַנסען! ער ווייסט אַ סך! (רוקט אַ פיגור). ס׳איז עפּעס דאָ וועגן דיר אין צייטונג?

העלמס: ט׳האָסטו דיר! וואָס עפּעס זאָל זיין וועגן מיר אין צייטונג?

קראַקאו: נו, דיין אַכציגסטער געבורטסטאָג. היינטיקע צייטן שטעלט מען אין די צייטונגען אַריין אַלערליי נאַרישקייטן.

העלמס: האָסט נישט געהערט וואָס כ׳האָב געזאָגט? ס׳איז נישטאָ גאָרנישט אין צייטונג.

קראַקאו: איך האָב געהערט, געהערט!

העלמס: (באַטראַכט אים מיט פאַרדאַכט, איבער די ברילן אַריבער). זאָג נאָר, האָסטו נישט אַמאָל געלייענט מיין צייטונג בשעת איך בין געווען דרויסן?

קראַקאו: דו ווייסט אַז איך לייען אַ צייטונג נאָר אויף דער נאַכט, היינטיקע צייטונגען דאַרף מען לייענען אין דער פינסטער, ביי אַ לאָמפּ . . .

העלמס: באַרימסט זיך שוין ווידער אַז דו האָסט געזונטע אויגן?

קראַקאו: יאָ, קיין עין הרע, איך האָב געזונטע אויגן. (קלאַפּט ערנסט

אויף האַלץ ווי אַ מין סגולה).

העלמס: האָסטו געלעזן די נייס?

קראַקאָו: כ׳האָב דיר שוין געזאָגט, אַז כ׳האָב זיך נישט צוגערירט צו דיין בלאַט־צייטונג.

העלמס: מיין איידעם איז באַשטימט געוואָרן צו זיין פּאָטשט אינ־ספּעקטאָר.

קראַקאָו: פּאָטשט אינספּעקטאָר? דאָס איז נישט אַזאַ הויכער אַמט. מסתמא דערפאַר איז קנוט היינט נישט אַרויפגעקומען.

העלמס: (באַליידיקט). האָסט מיר אפילו נישט גראַטולירט.

קראַקאָו: אָ, צוליב דיין פּאָטשט אינספּעקטאָר? מניע — איך גראַ־טוליר דיר. (שטופּט אָפּ אין אַ זייט דאָס שאַך־ברעט און שטייט אויף).

העלמס: (איראָניש) אַ שיינעם דאַנק. אַך, ווען מיין טאָכטער וואָלט איצט געלעבט, זי וואָלט געהאַט מיט וואָס צו זיין שטאָלץ.

קראַקאָו: (איבער זיין אַקסל). ווען מעררים גראָע קאַץ וואָלט זיין אַ פערד, וואָלט זי געקענט פאָרן אין פּאַרק — רייטנדיק.

העלמס: (שאַרף) קראַקאָו! דו ווייסט וואָס איך האָב באַמערקט? (קראַקאָו שווייגט). איך האָב באַמערקט אַז טאָמער קומט צו רייד וועגן מיין איידעם, אַזוי ווערסטו באַלד אין כעס.

קראַקאָו: אַ־זוי?

העלמס: (קריגעריש). יאָ, יאָ, אַזוי. איך האָב עס שוין לאַנג באַ־מערקט. וואָס האָסטו צו אים? דו ביסט דאָך געווען קוואַטער ביי זיין זון קנוט.

קראַקאָו: העלמס, לאָמיר בעסער ניט רעדן דעריבער.

העלמס: איך וויל יאָ רעדן דעריבער. מיר זיינען געווען פריינט גאַנצע זעכציק יאָר. דו און איך און —

קראַקאָו: (פּלוצים) פאַרוואָס האָט קנוט מיר נישט געשיקט אפילו קיין גרוס אין זיין געבורטסטאָג־בריוו?

העלמס: האַ, האַ. ביסט אייפערזיכטיק, אָט וואָס. נאָך אַלעמען איז עס דאָך מיין געבורטסטאָג, נישט דיינער.

קראַקאָו: ער האָט אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו שיקן אַ גרוס צו דיר אין מיין געבורטסטאָג.

העלמס: (קלאַפּט זיך שטאָלץ אויף זיין ברוסט). נו, איך בין זיין זיידע און דו ביסט נישט מער ווי זיין קוואַטער.

קראַקאָו: אַ־זוי?

העלמס: וואָס מיינסטו מיט דיין בורטשען „אַ־זוי?״

קראקאו: (זיך איינהאַלטנדיק). לאָמיר בעסער נישט רעדן וועגן דעם.

העלמס: צום טייוול, איך וויל רעדן וועגן דעם! איך וויל וויסן וואָס דו מיינסט מיט דיין פאַרדאַמטן „אַ־זוי״.

קראקאו: ס׳איז אַלצאיינס . . .

העלמס: ס׳אי נישט אַלצאיינס! סאַ׳י נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס דו חכמה׳סט זיך ווי אַ טיפּוש . . . רעדסט האַלבע ווערטער. עפּעס מאָדנע אָנצוהערענישן, ווילדע אָנדייטונגען. ווילסט אפשר זאָגן אַז קנוט איז נישט מיין איניקל? (ס׳הערט זיך שפּילן)

קראקאו: הערסט, דער אַלטער קאַטערינשטשיק שפּילט שוין אויף זיין קאַטערינע. היינט מוז זיין דאָנערשטיק.

העלמס: דאַרפסט מיר נישט זאָגן. איך הער אַליין די קאַטערינקע.

קראקאו: היינט איז דיין רייע צו געבן אים עפּעס דורכן פענסטער.

העלמס: כ׳האָב נישט קיין קליינגעלט ביי זיך. לייג אויס פאַר מיר.

קראקאו: פאַר די שוועבעלעך האָב איך אויך באַצאָלט. ווייסטו וויפיל דו ביסט מיר שולדיק?

העלמס: מיט דעם וועט זיין פונקט 17 פּפעניג.

קראקאו: (נעמט אַ מטבע, וויקלט עס איין אין פּאַפּיר). איך האָב נאָר געוואָלט זיין זיכער צו דו געדענקסט די סומע. נאָכדעם וועסטו זיך שפּאַרן אַז איך האָב דיר צוגערעכנט.

העלמס: שפּאַרן, שמאַרן . . .

קראקאו: (עפנט ס׳פענסטער, וואַרפט. די מוזיק ווערט שטאַרקער, (שטעלט זיך אָפּ מיטאַמאָל). דער הויז־דינער טרייבט אים אַוועק, הפּנים ס׳איז דערפאַר וויל לארסען אין קראַנק — לארסען אין נומער 12, איז קראַנק . . .

העלמס: (לאַכט גאַליק). האַ־האַ־האַ! דו ביסט געווען אין גרויס איילעניש אַרונטערצוואַרפן דאָס געלט, האַ? האָסט קיין צייט נישט געהאַט, האַ? זייער וואויל, איך וועל דיר דאָס געלט נישט באַצאָלן.

קראקאו: וואָס מיינסטו, וועסט מיר נישט באַצאָלן?

העלמס: האָסט געדאַרפט וואַרטן ער זאָל שפּילן כאָטש אַ פּאָר מינוט.

קראקאו: פונוואַנען האָב איך געזאָלט וויסן אַז דער הויז־דינער וועט אים אַזוי גיך אַוועקטרייבן?

העלמס: נו, דאָס איז דיין קאָפּדרייעניש. איכל דיר נישט באַצאָלן.

קראקאו: ביסט אַ געמיינער שווינדלער, העלמס, ביסט שטענדיק אַזוי געווען! (דרייט זיך אַפּ און נעמט אַרויס זיין ליולקע).

העלמס: (דערזעט די ליולקע). איך קאָן נישט פאַרליידן קיין רויך, מיין האַלדז טוט מיר וויי.

קראקאו: טאַקע? דערלויב מיר צו זאָגן דיר — דו קענסט מיר גאַרנישט באַפעלן.

העלמס: איך וועל דיך פאַרקלאָגן צום פאַרוואַלטער. טאַבאַק־רויך שאַדט מיין האַלדז און דו ווייסט עס גאַנץ גוט.

קראקאו: טאַקע? אפשר ווערסטו מיך שוין אויך פאַרקלאָגן צו דיין איידעם דעם פאַטשעט אינספעקטאָר?

העלמס: אָבער איך וועל עס דערציילן מיין אייניקל, קנוט, ווען ער וועט אַרויפקומען צו מיר. עס טוט מיר האַרציק באַנק וואָס איך האָב דיך געלאָזט זיין ביי אים קוואַטער. זיי האָבן אַלע געוואָלט אימיצן אַנדערש. אָבער איך האָב זיי געזאָגט: „ניין, לאָז קראקאו זיין קוואַטער. ער וועט זיך פרייען דערמיט". אַזאַ נאַר ווי איך בין געווען.

קראקאו: דו האָסט געוואָלט איך זאָל זיין קוואַטער, ווייל דו האָסט געוואוסט אַז איך וועל געבן דעם קינד אַ שיינע מתנה. דו — קמצן.

העלמס: אָבער דיך האָט שטענדיק געקרענקט וואָס איך בין זיין אמתער זיידע און וואָס דו ביסט נישט מער ווי זיין קוואַטער.

קראקאו: אַ־זוי?

העלמס: (ווילד) דערוועג זיך נישט צו רויכערן, זאָג איך דיר, דו הערסט?

קראקאו: ווער רויכערט? (לייגט ליולקע צוריק אין קעשענע).

העלמס: מאַך נאַר נישט דעם אָנשטעל אַז דו ביסט נישט אייפער־זיכטיק. ווען מיין טאָכטער האָט געלעבט און פלעגט אַמאָל אַרויפקומען אַהער מיך זען, פלעגסטו פאַרקריכן אין דיין ווינקל און באַגראָבן דיין פּנים פאַר קנאה.

קראקאו: זי איז דאָך נישט געקומען אַהער צוליב מיר.

העלמס: יאָ, אָבער דו האָסט דאָך געקענט זיין כאָטש העפלעך . . . אָבער דו ביסט שטענדיק געווען אַ פאַלשער פריינט. האָסט מיר נישט פאַרגונען וואָס איך האָב געהאַט מיין ווייב און מיין טאָכטער און דו ביסט געבליבן אַן אַלטער בחור.

קראקאו: אַ־זוי?

העלמס: הער אויף צו בורטשען! ס'איז אמת: דו ווייסט אַז ס'איז דער אמת. ביז היינטיקן טאָג געדענק איך ווי ס'האָט דיך גע־קרענקט ווען מיין טאָכטער איז געבוירן געוואָרן. אפשר צוויי יאָר נאָכדעם ביסטו צו מיר אין שטוב נישט אַריינ־געקומען. האָסט געהאַט אַן אויסרייד אַז דו קענסט נישט ליידן קיין קליינע קינדער . . . אָבער ווען דאָס וואָלט געווען דיינס אַ קינד —

קראַקאָו: קענסטו נישט ריידן פון עפּעס אַנדערש?

העלמס: און ביסט אפילו נישט געקומען צו מיין ווייבס לויה. דאָס וועל איך דיר קיינמאָל נישט מוחל זיין, קראַקאָו — דאָס ווייב פון דיין בעסטן פריינט — און אַצינד ווילסטו רויכערן דיין ליולקע, כאָטש דו ווייסט אַז איך האָב אַ קראַנקן האַלדז.

קראַקאָו: וואָס פּלאַפּלסטו אַזוי ווי אַן אידיאָט? צי זעסטו נישט אַז די ליולקע איז אין מיין קעשענע?

העלמס: אוודאי זע איך, אָבער דו האָסט דאָך געוואָלט פאַררויכערן, ניין?

קראַקאָו: וואָס איז מיט דיר היינט?

העלמס: גאָרנישט איז מיט מיר. איך טראַכט פון מיין אייניקל, טראַכט איך, פון קנוט טראַכט איך, פאַרשטייסט? איך בין דאָך זיין זיידע.

קראַקאָו: אַ־זוי?

העלמס: שוין ווידער מיט דיין „אַ־זוי"? מיין טאָכטערס זון איז מיין אייניקל. יעדער נאַר אפילו קאָן עס פאַרשטיין.

קראַקאָו: נישט איין נאַר האָט געגלויבט, אַז ער איז געווען אַ טאָכ־טערס פאָטער — און איז נישט געווען! . . .

העלמס: וואָס? וואָס? מיין טאָכטער? . . . ביסט אַן אידיאָט!

קראַקאָו: געדענקסטו וואָס ס'האָט געטראָפן צו אדאם הארבי?

העלמס: וואָס פאַר אַ משל? מיין ווייב איז נישט געווען פון אַזאַ מין — דאָס וועסטו דאָך אַליין צוגעבן!

קראַקאָו: נו — י־אָ.

העלמס: ביסט מסכים, ענדלעך — אָבער וואָס קאָן אַזאַ „צנועה־דיקער" אַלטער בחור ווי דו, וויסן פון אַזעלכע זאַכן?

קראַקאָו: שוין ווידער מיט דיין פּוסטן שטאָלץ? זיי ניט אַזוי שטאָלץ ביי זיך, העלמס.

העלמס: אוודאי בין איך שטאָלץ איך האָב געפירט אַ פאַמיליען־לעבן, איך בין געווען אַ פאַרהייראַטער מאַן, מיין טאָכטער

אנדרעי — וואָס ווייסטו פון אַזעלכע זאַכן ווי פאַמיליען־לעבן? דו — דו בתולה! . . .

קראַקאָו: (מיט כעס) איכל דיר זאָגן וואָס איך ווייס פון אַזעלכע זאַכן ווי פאַמיליען־לעבן — דו ביסט נישט אנדרעיס פאָטער!

העלמס: (לאַכט אומגלויבלעך) כאַ־כאַ־כאַ — איך בין נישט אנדרעיס פאָטער? נו, אויב ס'איז מיר דערלויבט צו פרעגן, ווער דען איז איר פאָטער?

קראַקאָו: דאָס איז שוין אַלצאיינס. מיר וועלן מער נישט רעדן וועגן דעם.

העלמס: אָ, מיר וועלן שוין יאָ רעדן וועגן דעם. ווער איז אנדרעיס פאָטער, אויב נישט איך?

קראַקאָו: אַלצאיינס.

העלמס: אַלצאיינס, העי? נו, איך וואָלט דיך שוין געדאַרפט קאָנען ווער דו ביסט, דאָס פלאַפּלסטו אומיסטן אַזעלכע מיאוסע רייד, ווייל איך בין דיר שולדיק 17 פפעניג.

קראַקאָו: 17? 27! 10 האָב איך אויסגעלייגט פאַר דיר לעצטן פרייטיק, פאַר שוואַרצן לעקעך, פאַרגעסט שוין? זיבנאונצוואַנציק!

העלמס: 27? זאָל זיין 27 — דערפאַר טאַקע מאַכסטו דאָס אָפּ אַזעלכע פוסטע מעשיות, דו ווילסט מיך פייניקן.

קראַקאָו: טראַכט דיר ווי דו ווילסט.

העלמס: (מיט געיאָמער) פאַרוואָס רעדסטו נישט קלאָרע ווערטער? אויב איך בין ניט אנדרעיס פאָטער, טאָ ווער איז? וואָס שווייגסטו? ווער איז דער מאַן וועמען דו באַשולדיקסט, האַ? אפשר אַקסל?

קראַקאָו: ניין.

העלמס: סאָמענסען?

קראַקאָו: דו גלויבסט אַז קאַראָלינאַ וועט האָבן צו טאָן מיט אַזעלכע צוויי חזרים?

העלמס: אוודאי גלויב איך נישט. דאָס ווילסטו מיר איינשמועסן אָבער דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט!

קראַקאָו: איך ווייס וואָס איך ווייס.

העלמס: (קלאַפּט אין טיש) ווער דען איז ער געווען? זאָג אַרויס, אָדער גיב צו אַז דו ביסט אַ שמוציקער ליגנער!

קראַקאָו: (פּלוצים אַנטשלאָסן) איך בין איר פאָטער. איצט ווייסטו עס.

העלמס: (שפּאָטיש) דו! כאַ־כאַ־כאַ! . . . דו איין גאָט ווייסט ווי אַזוי

דו ביסט געקומען צו דעם געדאַנק. אדרבה, דערצייל אונדז וועגן דעם.

קראַקאָו: (גרויזאַם. ער איז אין זיין זייט פון צימער). יאָ, געוויס, איכל אייך דערציילן וועגן דעם . . . מיין פאַרגעניגן, מיין טייערער העלמס! . . . ביי מיר איז געווען באַשלאָסן מיט־צונעמען אָט דעם סוד מיט זיך אין קבר אַריין . . . אָבער איך קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן פון דיין חוצפּהדיקער גאווה, פון דיין פּוסטן שטאָלץ! . . . איצט זאָל ער אַרויס־קומען . . . און אַ דאַנק גאָט דערפאַר . . . העלמס, דו ביסט געווען אַ טייוול צו דיין ווייב און דו ביסט געווען אַ טייוול צו מיר, אָט די גאַנצע 15 יאָר וואָס מיר געפינען זיך אין אָט דעם צימער.

העלמס: כאַ־כאַ אַזוי, איך בין געווען אַ טייוול, האַ? אַך גאָט, וואָס אַ מענטש לערנט אַלץ ווען ער לעבט לאַנג!

קראַקאָו: יאָ, יאָ, אַ טייוול — אַ טייוול אויף רעדלעך. דו קלאָגסט און קראַקעסט און טומלסט און שעלסט און זידלסט זיך . . . קיין זאַך געפעלט דיר נישט, וואָס איינער זאָל נישט טאָן, געפעלט דיר נישט . . . דו ביסט אַ קמצן, געמיין, שלעכט און קאַרג . . . אַרויסקריגן ביי דיר אַ פּפעניג איז ווי אַרויס־ציען אַ צאָן.

העלמס: איך וואַרף נישט מיין געלט אין בלאָטע.

קראַקאָו: קיינער וואַרפט נישט זיין געלט אין בלאָטע, אָבער כל זמן דו לעבסט, מוזטו דאָך אויסגעבן געלט צו לעבן, קאָנסט זיך דען באַגיין אָן געלט, וואָס?

העלמס: ניין.

קראַקאָו: אָבער האָסט געוואָלט אַז קאַראלינא, דיין ווייב, זאָל זיך באַגיין אָן געלט. זי האָט נישט געטאָרט אויסגעבן קיין געלט, איר האָסטו געגעבן קללות אנשטאָט געלט. פאַרשטייט זיך אַז זי האָט געמוזט האָבן הילף אויב זי האָט געוואָלט לעבן. נו, איז זי געקומען צו מיר.

העלמס: און דו האָסט איר געגעבן געלט.

קראַקאָו: אוודאי האָב איך איר געגעבן. זי האָט דאָך געדאַרפט האָבן אַ קליידל אָנצוטאָן.

העלמס: יאָ. נו, וואָס ווייטער?

קראַקאָו: אוודאי האָט זי זיך געפילט דערנידעריקט. זי איז געווען

זייער אומגליקלעך. איך האָב געטאָן דאָס וואָס נאָר כ'האָב געקאָנט, כדי זי צו טרייסטן.

העלמס: און דעמאָלט איז אַנדרעי געבוירן געוואָרן?

קראַקאָו: יאָ.

העלמס: (ביטערלעך) דאָס איז געווען . . . דאָס איז געווען אַ שטאַרקע טרייסט, קראַקאָו, כ'קאָן נישט לייקענען . . . אָבער, זאָג מיר, ווי ביסטו דאָס אַזוי זיכער, אַז אַנדרעי איז געווען דיין טאָכטער?

קראַקאָו: קאַראָלינא האָט עס מיר געזאָגט. אַחוץ דעם, האָב איך דען נישט געוואוסט אַז זי האָט מיט דיר געלעבט צען יאָר פריער און האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין קינד.

העלמס: (געריִרט) אמת. (ציטערט פון כעס) פאַרוואָס האָסטו מיר דאָס נישט דערציילט פריער, מיט יאָרן צוריק?

קראַקאָו: (האָט שוין האַלב חרטה) צו וואָס האָב איך עס דיר געוואָלט דערציילן?

העלמס: (שטאַרק געטראָפן, מורמלט האַלב צו זיך אַליין, שאָקלט מיטן קאָפּ) אויב זי איז טאַקע געווען דיין טאָכטער, דאַן איז דאָך קנוט אויך דיין אייניקל . . . קערט ער זיך מיט מיר גאָרנישט אָן . . . און איך — (בויגט אַרונטער זיין קאָפּ) איך בין היינט אַלט געוואָרן אַכציק יאָר, אַכציק יאָר, קראַקאָו . . . עס איז שווער צו דערוויסן זיך אָט אַזאַ מין זאַך ווען מען איז אַכציק יאָר . . .

קראַקאָו: (גייט צו צו אים) עס טוט מיר באמת וויי, העלמס. הלוואי וואָלט איך עס דיר אויך איצט נישט געווען דערציילט. אָבער דו האָסט מיך אַזוי אויפגערעגט, אַז דאָס האָט זיך ביי מיר פשוט אַרויסגעכאַפּט . . . נו, זיי נישט אַזוי דערשלאָגן . . . אַלצדינג וועט זיין ווי געווען —

העלמס: (שאָקלט טרויעריק מיט קאָפּ) ניין.

קראַקאָו: יאָ! איך וועל אים נישט צונעמען אינגאַנצן פאַר מיר אַליין. מיר וועלן זיך טיילן מיט אים —

העלמס: טיילן?

קראַקאָו: געוויס. אנשטאָט וואָס קנוט זאָל זיין בלויז דיין אייניקל, וועט ער זיין אונדזער אייניקל.

העלמס: (זעצט זיך גלייך, מיט שטאָלץ) קנוט איז צו מיר גאָרנישט מער.

קראקאו: קיינער וועט נישט וויסן.

העלמס: ער איז מיר אַ פרעמדער.

קראקאו: אָבער קיינער ווייסט דאָך נישט דערפון, אַחוץ דו און איך —

העלמס: דאָס איז אייגער צופיל! דו וועסט עס מיר פאַרוואַרפן יעדן טאָג וואָס איז מיר נאָך געבליבן צו לעבן.

קראקאו: איך שווער דיר, אַז ניין. מיר וועלן ביידע גלייך זיין מיט אים שטאָלץ . . .

העלמס: (מיט פייער) ניין! מיט אַ נדבה קאָן איך ניט זיין שטאָלץ . . . גיי, גיי זיך דיר אויף דיין זייט, איך וויל דיך נישט האָבן דאָ, אין מיין ווינקל . . . איך וויל זיין אַליין.

קראקאו: העלמס . . .

העלמס: אַרויס פון דאַנען, זאָג איך! . . . און נעם זיך דיר מיט די בלומען דיינע . . .

קראקאו: די בלומען — ?

העלמס: יאָ. איך נעם נישט קיין מתנות פון אַזעלכע ווי דו. און נעם אויך (וואַרגט זיך מיט די ווערטער), נעם אויך קנוטס בילד, מיט די זאַכן וואָס זיין טאַטע האָט מיר געשיקט . . . על פי יושר באַלאַנגען זיי דאָך צו דיר.

קראקאו: (צאַרנדיק) איך וועל אַזאַ זאַך נישט טאָן, מיין נאָמען איז נישט קאַרל העלמס . . .

העלמס: טאָ נעם צו דיינע בלומען.

קראקאו: (טוט עס) דאָס יאָ. אַלצאיינס.

העלמס: און זע דו זאָלסט מער נישט אַריבערקומען אויף מיין זייט, איידער דו פאַרלאַנגסט אַ דערלויבעניש.

קראקאו: (מאַכט אַ פּאָר טריט. קערט זיך אום) אפשר זאָל איך צו־ראַמען אַביסל איידער דיינע געסט קומען אַרויף?

העלמס: דו לאָז נאָר מיינע זאַכן צורו . . . גיב אַכטונג אויף זיך אַליין . . . (קראקאו גייט, מיט די בלומען, אויף זיין זייט פון צימער) דו האָסט סיי ווי אַלצדינג נאָר פאַר זיך. דער אויוון איז אויף דיין זייט, די פרימאָרגן זון איז אויף דיין זייט. ווילסט אפשר צונעמען מיין אָרעם־שטול און מיינע בילדער? וועגן מיר זאָל דיך נישט קימערן, פאַרשטייסט? . . . (קראקאו ענטפערט נישט. שווערע פויזע. אַ זייגער אין קאָרידאָר קלינגט פינף).

קראקאו: דער זייגער שלאָגט שוין פינף.

העלמס: **זאָל ער שלאָגן.**
(ווידער אַ שווערע פויזע. עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר,ביידע שוויגן. אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר).

קראַקאו: (אומגעדולדיק) **פאַרוואָס ענטפערסטו נישט אויפן קלאַפּ אין טיר?** (העלמס שווייגט. אַ דריטער שטאַרקער קלאַפּ אין טיר) **איינגע׳עקשנטער אַלטער נאַר.** (רופט הויך) **קומט אַריין!**
(עס קומען: האַנסען און יאַנסטאַן. הינטער זיי: באָפּפּע, פירנדיק ביים האַנט, בעללינגן. נאָכדעם האַממער).
(קראַקאו שטייט אויף, גייט צו „זיין" פענסטער, בלייבט דאָרט שטיין, אַרויסקוקנדיק מעלאַנכאָליש אין הויף אַריין).

האַנסען: (לאָזט די טיר אָפן. די אַנדערע קומען אויך). **נו, מזל טוב דיר, העלמס.**

העלמס: **אַ דאַנק.**

יאַנסטאַן: **זאָלסט דערלעבן נאָך אַ סך געבורטסטעג, העלמס.** (דריקן זיך די הענט).

באָפּפּע: (אַריינקומענדיק מיט בעללינגן) **איך וועל אים מוזן אַריינזעצן אין דיין אָרעם־שטול, העלמס.**

העלמס: **אָט איז די שטול.**

באָפּפּע: (העלפט בעללינגן צום שטול) **אונדזער האַרציקסטע ברכה צו דיר, העלמס. אַ יאָ, בעללינג?**

בעללינג: **האָ?**

באָפּפּע: (רעדט אים אין אויער) **איך זאָג, מיר גראַטולירן העלמסן צו זיין געבורטסטאָג.**

בעללינג: **נישטאָ וואָס צו באַרימען זיך דערמיט.**

האַממער: (אַריינקומענדיק) **איך ווינטש דיר גליק, העלמס.**

האַנסען: **נו, איצט זיינען מיר שוין דאָ אַלע.**

העלמס: **מאַכט אייך באַקוועם.** (אַלע זעצן זיך).
(בעללינג זיצט שטייף אין אָרעם־שטול און דרייט אומבאַוואוסט די פינגער. קראַקאו, וועלכער האָט אַ פּאָר מאָל אַרויסגעוויזן אַ פאַרלאַנג צו צוגיין און גראַטולירן העלמסן, באַוועגט זיך אומרואיק, אָבער בלייבט ביים פענסטער. אַ דריקנדע פויזע. האַנסען הויבט פלוצים אָן צו פייפן אַ טרויעריקן ניגון).

יאנסטאַן: (שעפּטשעט אים פּאַרטרווילעך) מיין טייערער פּעטער, אויף אַ משחה פון אַ געבורטסטאָג איז ניט שיין צו פּייפן.

האַנסען: (מיט שפּאָט) מיין טייערער העברי, ס'איז נישט דיין עסק.

יאנסטאַן: דו האָסט אַ נשמה פון אַ ציבעלע־סוחר.

האַנסען: און דו האָסט די מאַניערן פון אַ רעטעך־פּרעסער.

באַפּפּע: (לאַכט) אָט די צוויי יונגעמאַנטשיקעס האַלט זיך שטענדיק אין איין קריגן.

האַממער: פונדעסטוועגן קאָנען זיי נישט לעבן איינער אָן דעם אַנדערן.

באַפּפּע: (צו האַממערן) איז דיר נישט אומעטיק זינט קרוגער איז געשטאָרבן?

האַממער: אָ, אַמאָל איז אומעטיק. אָבער ס'איז אַ סך באַקוועמער. איך האָב דאָס גאַנצע צימער פאַר מיר אַליין.

באַפּפּע: מיינע הענט זיינען אַזוי אָנגעלאָדן מיט רומאַטיזם, אַז . . .

האַממער: מיר זיינען דאָ אַלע אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס . . . וואָס מאַכט דיין האַלדז, העלמס?

העלמס: נישקשה. (עס איז ווידער אַ שטילשוויגן).

האַנסען: אַ שיינער וועטער היינט.

יאנסטאַן: אַן אמתער געבורטסטאָג וועטער.

האַממער: צו מיין געבורטסטאָג פליוכעט שטענדיק אַ רעגן. (פּויזע).

יאנסטאַן: העלמס, דיין אייניקל איז שוין דאָ געווען היינט?

העלמס: ניין.

באַפּפּע: אָבער ער וועט דאָך געוויס אַרויפקומען.

העלמס: איך ווייס ניט.

יאנסטאַן: אוודאי וועט ער קומען, היינט, צו דיין געבורטסטאָג. ער איז אַ וואוילער יונגערמאַן.

האַנסען: גאַנץ ריכטיק. העלמס, דו מעגסט זיין שטאָלץ מיט דיין אייניקל.

האַממער: (זעט קנוטס בילד) אָט דאָ איז ער דאָך. (אַלע, אַחוץ העלמס און בעללינג באַטראַכטן דאָס בילד).

האַנסען: ער זעט אויס אַקוראַט ווי זיין זיידע.

יאנסטאַן: אַ מערקווירדיקע ענלעכקייט.

האַממער: די נאָז . . .

יאנסטאַן: און די אויגן — זעט נאָר די אויגן . . .

האנסען: דער זיידע מיט די ביינער! . . .

באפּפּע: זע נאָר, בעללינג, דאָס בילד פון זיין אייניקל . . . (בעללינג קוקט שטאַר און גלייכגילטיק. העלמס וואַרפט באַזאָרגטע בליקן אויף קראַקאַו).

האַממער: און זעט נאָר די מתנות.

האנסען: אַ גליקלעכער מענטש, דער העלמס.

יאַנסטאַן: (מיט אַ זיפץ) נו יאָ. ווען איינער איז געבענטשט מיט אַ פאַמיליע —

האנסען: (פּלוצים) וואָס שטייט עפּעס קראַקאַו דאָרטן גאָר?

העלמס: (מיט כעס) יאָ טאַקע, וואָס האָסטו זיך באַהאַלטן דאָרט, אַזוי ווי אַ היימלאָזער הונט!

באפּפּע: (צו האַממערן) מסתמא האָבן זיי זיך שוין צעקריגט.

האַממער: עס ווייזט אויס אַזוי.

יאַנסטאַן: קראַקאַו, טייל זיך נישט אָפּ פון געזעלשאַפט —

העלמס: (אויפגערעגט) פאַר וואָס ברענגסטו נישט אַהער דעם ווייַן, קראַקאַו?

קראַקאַו: איך ווייס נישט אויב —

העלמס: (אונטערברעכט אים) דו ווייסט אַז דער וויין איז אין שאַפע. (קראַקאַו נעמט פלאַש מיט גלעזער פון שאַפע).

האַממער: (דערפרייט) וואָס האָסטו געזאָגט, וויין?

באפּפּע: איר האָט געהערט, וויין!

האנסען: איך זאָג אייך, אונדזער העלמס איז אַ פאַרשטעלטער מי־ליאָנער. קראַקאַו קאָן עס אייך אויך זאָגן — ער האָט זאַקן, אָנגעשטאָפּט פול מיט גאָלד.
(קראַקאַו גיסט אָן די גלעזער, אַלע קוקן נייגעריק. די נאָכ־מיטיק זון באַשיינט דאָס צימער).

קראַקאַו: אפשר וואָלט מען צונויפגערוקט בײדע טישן אינאײנעם.

העלמס: (פרעך) נישט נויטיק. ס'איז מיין געבורטסטאָג. מיר קאָנען זיך באַגיין אָן דיין טיש.

האַממער: מיט ביידע טישן אינאיינעם וואָלט געווען טאַקע בעסער.

באפּפּע: אוודאי, ס'וואָלט געווען גראַמער. מיר אַלע קאָנען זיך גאָר־נישט אויסזעצן אַרום איין טיש.

העלמס: נו גוט — רוקט צו זיין טיש אויך. (זיי טוען עס).

באפּפּע: (צו בעללינגן) קום צום טיש; מיר וועלן טרינקען וויין.

(בעללינג שטייט אויף, זיי רוקן צו זיין שטול צום טיש, ער זעצט זיך גלייך צוריק).

האנסען: פאַרוואָס זאָגסטו נישט עפּעס, בעללינג?

בעללינג: אַלצדינג וואָס ס'איז געווען צו זאָגן — איז שוין געזאָגט געוואָרן . . .

יאַנסטאַן: (שאָקלט מיטן קאָפּ, מיט באַוואונדערונג) ער איז אַ קלוג־גער מענטש . . .

בעללינג: (פּלוצים צו קראַקאַו) וואָס איז דאָס וואָס דו גיסט?

קראַקאַו: שעררי.

בעללינג: (מיט פאַרדרוס) איך קאָן נישט פאַרליידן קיין פּאָרט וויין.

קראַקאַו: יאָ, אָבער דאָס איז שעררי.

בעללינג: פּאָרט וויין איז סם.

קראַקאַו: אָבער דאָס איז שעררי.

בעללינג: פּאָרט וויין איז סם.

קראַקאַו: יאָ, בעללינג, אָבער דאָס איז שעררי. דאָס וועט דיר ניט שאַדן.

יאַנסטאַן: (הויבט הויך זיין גלאָז) לאַנג לעבן זאָל אונדזער בעל־שמחה!

האממער: ער זאָל דערלעבן נאָך אַ סך געבורטסטעג!

האנסען: פריילעכע און גליקלעכע!

באַפּפּע: בעללינג, מיר טרינקען לכבוד העלמס' געבורטסטאָג.

בעללינג: ביסטו זיכער ס'איז נישט קיין פּאָרט וויין?

באַפּפּע: געוויס זיכער — ס'איז שעררי.

בעללינג: איך טאָר נישט טרינקען קיין פּאָרט וויין.

באַפּפּע: מיר טרינקען לכבוד העלמסן.

בעללינג: פאַרוואָס, עפּעס?

באַפּפּע: ער איז היינט געוואָרן אַכציק יאָר.

בעללינג: איך בין צוויי און ניינציק. דאָס איז גאָר נישט אַזאַ מציאה מען זאָל זיך פרייען דעריבער.

(אַלע, אַחוץ בעללינג, דערהויבן די גלעזער. זיי רופן אויס פריילעכע צו־וואונטשונגען און טרינקען).

העלמס: איך דאַנק אייך; איך דאַנק אייך.

בעללינג: (דערהויבט זיין גלאָז) איך גראַטוליר דיר, העלמס. איך האָף אַז דו וועסט קיינמאָל נישט ווערן אַזוי אַלט ווי איך בין.

האמפער: מען טאָר אַזוי נישט רעדן, בעללינג.

האנסען: ער מאַכט קאַליע די גאַנצע שמחה.

יאנסטאן: ער טרינקט „לחיים" און ווינטשט „למות" . . .

באפפע: (פאַרטיידיקט אים) **בעללינג איז מיד פון לעבן.**

יאנסטאן: גיי שוין, גיי —

באפפע: באמת — ער וויל שטאַרבן.

יאנסטאן: אומזין! וואָס הייסט אַ מענטש וויל שטאַרבן? דאָס איז דאָך פונקט דער היפוך פון דער מענטשלעכער נאַטור!

קראַקאו: (האָט אין דער צייט אַרויסגענומען ציגאַרן פון דער שאַפע) ווער וויל רויכערן?

האנסען: (באַגייסטערט) **ציגאַרן אויך!**
(קראַקאו טיילט ציגאַרן. האנסען, האמפער און יאנסטאן נעמען יעדער אַ ציגאַר. די זון שיינט איצט איבערן טיש און אויף די אַלטע).

באפפע: די זון איז רויט ווי פייער.

האנסען: (מיט אַ זיפץ) **דער אָסיען קומט שוין אָן.**

העלמס: אָסיען־פייער. כ'האָב עס פיינט. עס וואַרעמט נישט . . .
(דורך דער גאַנצער פריערדיקער סצענע האָט ער זיך גע־פילט אומבאַקוועם, וואַרפנדיק פאַרדעכטיקע בליקן אויף קראַקאו, וועלכער האָט אים אויסגעמיטן).

באפפע: ס'איז עפּעס גאָר נישט ווי אַמאָל.

האמפער: ווייס איך וואָס, ווען דער לוח האָט אַמאָל געזאָגט אַז ס'איז זומער, איז געווען זומער.

בעללינג: (אומבאַשטימט, פאַר זיך) **איך בין צוויי און נײַנציק.**

באפפע: (פאַרענטפערנדיק) **שטענדיק זאָגט ער עס אַזוי, עס ליגט אויף זיין געדאַנק צופיל.**

קראַקאו: איך האָב געהערט אַז אונדזער קראַנקן־שוועסטער קלייבט זיך חתונה האָבן.

האנסען: יאָ, מיטן דאָקטאר.

האמפער: מיט אונדזער שפּיטאָל־דאָקטאר?

קראַקאו: יאָ. ער איז אַליין אַ קראַנקער מענטש.

יאנסטאן: אויב אַזוי, איז דאָך טאַקע גוט וואָס זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער.

העלמס: יעדע יונגע פרוי וואָלט זיך געדאַרפט צוגרייטן צו זיין אַ קראַנקן־שוועסטער.

באפּפּע: (צו בעללינגן) די קראַנקן־שוועסטער קלייבט זיך חתונה האָבן מיטן דאָקטאָר.

בעללינג: נו, איז וואָס? איך האָב אויך אַמאָל חתונה געהאַט.

העלמס: גיס אָן די גלעזער, קראַקאו. (קראקאו טוט עס).

באפּפּע: זע נאָר, העלמס, ווי די זון שיינט אַריין דורך דיין פענסטער. בעללינג, זע ווי שיין די זון זעצט זיך.

בעללינג: ס׳איז עפּעס אַ נייעס? איך האָב עס שוין געזען אַ סך מאָל. (אַ קלאַפּ אין טיר. פויזע. קראקאו עפנט די טיר, קנוט קומט אַריין).

קנוט: (צו קראקאו) וואָס מאַכט איר, בחור? (צו העלמס, דריקט זיין האַנט) איך גראַטוליר דיר, זיידע. (צו די אַנדערע) וואָס מאַכט איר אַלע? (די אַלטע שאָקלען מיט די קעפּ, צופרידענע. באפּפּע שעפּטשעט צו בעללינגן).

באפּפּע: דאָס איז קנוט. אַ זון פון העלמס׳ טאָכטער.

בעללינג: נו, איך האָב אויך געהאַט אַ זון.

העלמס: איך בין זייער צופרידן וואָס דו ביסט געקומען מיין — מיין זון. (קוקט אויף קראקאון מיט העזה).

קנוט: איך האָב מיך אַרויסגעכאַפּט אויף אַ מינוט, כ׳קאָן דאָ לאַנג נישט בלייבן. האָסטו געהערט וועגן דעם אַמט וואָס דער טאַטע האָט געקראָגן?

יאנסמאן: ער האַלט זיך דאָך אין איין באַרימען דערמיט.

האממער: ער האָט אונדז מכבד געווען מיט שעררי.

האנסען: און מיט ציגאַרן.

קנוט: טאַקע?!

העלמס: פאַרוואָס הענגסטו נישט אויף דיין היטל?

קנוט: כ׳מוז שוין לויפן צוריק אין שולע. כ׳האָב געקראָגן בלויז איין שעה אָפּרו און עס נעמט אַ האַלבע שעה צו פאָרן בלויז איין וועגס.

באפּפּע: ווי אַלט ביסטו, מיין יינגל?

קנוט: זיבעצן יאָר.

באפּפּע: זיבעצן? שוין 61 יאָר זינט איך בין געווען אַזוי יונג. בעללינג, ער איז ערשט 17 יאָר.

בעללינג: איך בין אויך אַמאָל געווען 17 יאָר — אַמאָל. איצט בין איך 92.

האממער: איך בין 73.

קנוט: טאַקע? וואַרט! לאָמיר צוזאַמענרעכענען וויפל יאָרן זיצן דאָ אין דעם צימער.

העלמס: צופיל. דאָס איז שווער איבערצוציילן.

קנוט: (לאַכט) לאָמיר פּרוּוון. (גאַנץ שנעל) הערר בעללינג איז 92 און דער זיידע 80; דאָס איז 172.

העלמס: ווי שנעל ער חשבונט, איר הערט?!

קנוט: ווי אַלט זענט איר, הערר באַפּפּע?

באַפּפּע: 78.

קנוט: דאָס איז 250.

האממער: (גאַפּט) צוויי הונדערט מיט 50!

קנוט: און איר, הער בחור?

קראַקאַו: 70.

קנוט: 320. און איר, הער האמער?

האממער: 73.

קנוט: 393.

יאַנסטאַן: קיין עין הרע.

קנוט: און הער האַנסען?

(אַלע אַלטע, אַחוץ בעללינג און האַנסען, לאַכן אין די הויפּנס. האַנסען דרייט זיך אַוועק באַליידיקט).

קנוט: איר ווייסט גאָרניט ווי אַלט איר זענט?

האַנסען: אוודאי ווייס איך.

באַפּפּע: ער שעמט זיך אויסצוזאָגן, כאַ־כאַ־כאַ —

יאַנסטאַן: ער האָט מורא פאַר אַ גוט אויג, כאַ־כאַ־כאַ —

האַנסען: וואָס פּלאַפּלט איר? (נישט גערן) איך בין בלויז 60.

האממער: נאָך אַ יינגל.

העלמס: האָט נאָך דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן.

באַפּפּע: ער'ט נאָך וואַקסן.

יאַנסטאַן: מ'דאַרף אים אַפּווישן ס'נעזל.

קנוט: דאָס איז דערווייל 453.

יאַנסטאַן: (קלאַפּט זיך אויפן ברוסט) איך בין 75.

קנוט: האָבן מיר אינגאַנצן 528. אַלע צוזאַמען זענט איר 528 יאָר!

האממער: 528? ס'איז טייער קעפּל דאָס בחורל האָט אויף זיך.

באַפּפּע: (צו בעללינגן) אָרום און אָרום זיינען מיר 528 יאָר אַלט.

בעללין: נו איז וואָס? עס העלפט דיר צו דיין רומאַטיזם?

העלמס: 528 יאָר, דאָס איז אַ שיינע סומע.

יאַנסטאַן: מיר וואָלטן געהאַט אַ גרעסערע סומע, נאָר האַנסען מאַכט אונדז קאַליע, ווייל ער איז נאָך אַזאַ צוציק . . .

האממער: האַנסען, דו וועסט זיך מוזן צואיילן און ווערן עלטער . . .

יאַנסטאַן: פּאַרוואָס נעמסטו נישט עפּעס אַ רפואה, ס'זאָל דיך מאַכן וואַקסן . . .

האַנסען: אַי, טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר מיט אייערע נאַרישע חכמות.

קנוט: נו, איך מוז שוין לויפן . . .

העלמס: שוין?

קראַקאָו: אַזוי גיך? —

קנוט: איך מוז! זיי געזונט, זיידע — איך האָף אַז דו זאָלסט לעבן נאָך 80 יאָר. זייט געזונט, בחור . . . זייט אַלע געזונט! . . . (לויפט אָפּ).

האממער: פון דאַנען קאָן מען אים זען אַריבערגיין די גאַס. (גייט צום פענסטער).

האַנסען: מען קאָן זען? (גייט צום פענסטער).

(אַלע גייען צו צום פענסטער, אַ חוץ בעללינג, וועלכער בלייבט שווער און אָפּגעזונדערט זיצן אין זיין שטול).

העלמס: עפן ס'פענסטער. (ער העלפט יאַנסטאַן עפענען דאָס פענסטער).

יאַנסטאַן: אָט גייט ער.

באַפּפּע: אַי, ס'איז גוט צו זיין יונג.

קראַקאָו: ער קוקט זיך אום צו אונדז. (אַלע שאָקלען מיט די הענט). גיי געזונט!

(אַלע אַחוץ העלמסן, שרייען, „גיי געזונט״! בעללינג רירט זיך נישט. פויזע).

באַפּפּע: (גייט אַוועק פון פענסטער, מיט אַ שווערן זיפץ) ער איז אַוועקגעגאַנגען.

האממער: (שטיל) יאָ, ער איז אַוועקגעגאַנגען.

יאַנסטאַן: האָסט אַ פיין איייניקל, העלמס.

העלמס: (מיט אַן אַנגסטלעכן בליק אויף קראַקאָו) יאָ, איך קאָן מיך נישט באַקלאָגן אויף אים.

באַפּפּע: ס'איז גוט צו האָבן אַ פאַמיליע. נישט אַלע זיינען דערמיט געבענטשט. (צו בעללינגן) איך זאָג, נישט אַלע זיינען גע־בענטשט צו האָבן אַ פאַמיליע.

בעללינג: ניין. זיי שטאַרבן אויס.

העלמס: (שאַרף) פאַרמאַך ס׳פענסטער, קראקאו. ס׳ציט אַ צוג־לופט. (קראקאו טוט עס).

האממער: מנא, די זון איז שוין פאַרגאַנגען.

באפפע: יאָ.

האנסען: כ׳רעכן שוין צייט מיר זאָלן גיין.

יאנסטאן: אַט די „יונגע קינדער" דאַרף מען לייגן פרי שלאָפן. (לאַכט).

באפפע: נו, באמת איז שוין טאַקע צייט צו גיין. אַ שיינעם דאַנק, העלמס. עס איז געווען אַ שיינע שמחה.

העלמס: איר גייט שוין טאַקע? (קוקט אומבאַקוועם אויף קראקאו).

באפפע: ס׳ווערט שפעט, שוין באַלד וועטשערע. בעללינג, קום! מיר גייען . . .

האממער: העלמס, ס׳אי געווען אַ שיינע שמחה און מיר האָבן זייער גוט פאַרבראַכט היינט.

העלמס: איך דאַנק אייך אַלע פאַרן קומען, איר האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן.

יאנסטאן: גוטע נאַכט, העלמס. די נעקסטע סעודה וועט זיין ביי מיר.

העלמס: ווען?

יאנסטאן: דעם 23טן אָקטאָבער.

האנסען: אַ גוטע נאַכט און אַ שיינעם דאַנק.

העלמס: נישטאָ פאַרוואָס — אַ דאַנק אייך.

באפפע: נו, בעללינג, ביסט פאַרטיק?

בעללינג: הממממ — ע (ער שטייט אויף).

באפפע: אַ גוטע נאַכט, אַלעמען. (צו בעללינג) זאָג אַ גוטע נאַכט.

בעללינג: אַ גוטע נאַכט.

(קראקאו האַלט אָפן די טיר. די געסט שאַרן זיך אַרויס רעדנדיק, יום־טובדיק. ווען ער מאַכט צו די טיר, הערט זיך נאָך זייער גערעדעריי, נאָר שוואַכלעך. העלמס פאַרעט זיך אַרום אומרואיק).

קראקאו: (אויף זיין זייט פון צימער) נו, עס איז דורכגעגאַנגען גאַנץ שיין.

העלמס: יאָ, זייער שיין — זייער שיין.

קראקאו: ווילסט איך זאָל דיר העלפן אויפראמען?

העלמס: ניין — איך קאָן עס אַליין טאָן.
(פויזע. קראקאו נעמט צוריק זיינע שטולן).

קראקאו: מירן דאַרפן אָפרוקן מיין טיש צוריק.

העלמס: (כאַפט פון איין זייט טיש) נו, וואו זשע ביסטו דאַרט?

קראקאו: (אַננעמענדיק דעם צווייטן עק טיש) **אַט בין איך דאָ.**
(איבערגערוקט דעם טיש, ווידער אַ פּויזע. יעדער איז אויף זיין זייט צימער. העלמס פּאַרעט זיך אומבאַהאָלפן מיט די פּלעשער און מיט די גלעזער).

קראקאו: **זאָל איך דיר העלפן?**

העלמס: **שטייט זיך דאָרט, טוט גאָר נישט און האַלט אין איין פרעגן צי** — (דאָס איבעריקע איז אַן ווערטער, נאָר אַ בייז בורטשען) (קראקאו לינקס פון צימער).

העלמס: **וואוהין טראָגסטו מיינע גלעזער?**

קראקאו: (בלייבט שטיין) **איך גיי זיי אויסוואַשן.**

העלמס: **פאַרגעס אָבער נישט צו וועמען זיי באַלאַנגען.**

קראקאו: **דאַרפסט זיך נישט ערגערן.** (שטעלט די גלעזער אויפן וואַש־טישל) **זאָל איך אָנצינדן דעם לאָמפּ?**

העלמס: **קאָנסט דאָך נישט זען אין דער פינסטער?!**

קראקאו: (צינדט אָן דעם הענג־לאָמפּ) **קנוט האָט זיך געהאַלטן זייער שיין, אַ־יאָ?**

העלמס: (אָנגעבלאָזן) **יאָ.**

קראקאו: **מיט זיין מונטערקייט האָט ער אַלעמען פריילעך געמאַכט —**

העלמס: **מיך נישט.**

קראקאו: (בייט אויף גיך איבער די טעמע) **ס'איז מאָדנע מיט דעם אַלטן בעללינג, ווי שטאַרק ער האָט זיך פאַרענדערט אינם לעצטן יאָר! עפּעס רעדט ער שוין גאָרנישט מער.**

העלמס: **ער איז 92 — ווען איינער קומט אין זיינע יאָרן, אָן אַ קרוב, איינער אַליין אין דער גרויסער וועלט** — (זיין קול ברעכט זיך אָפּ אין צער און רחמנות צו זיך אַליין).

קראקאו: (האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, מאַכט אַן אָנגסטלעכע באַוועגונג הינטער די פּלייצעס פון זיין פריינט, אָבער באַלד פאַרנעמט ער זיך מיט אויפקשטעלן די זאַכן אין רעכטן זייט צימער). **וואו ווילסטו זאָל איך אוועקשטעלן די זאַכן?**

העלמס: **אין שראַנק . . . נעבן די אַנדערע זאַכן . . . בעללינג איז אַזוי אַלט, אַז ער פילט זיך איבעריק אויף דער וועלט . . . איך ווער שוין אויך אַזוי —**

קראקאו: (אין איילעניש) **וואו זאָל איך אַוועקלייגן די זאָקן?**

העלמס: **אין דעם אונטערשטן שופלאַד.**

קראקאו: **נו,** (טוט עס) **איצט איז שוין, דאַכט זיך, אַלצדינג אויפ־**

גערעמט . . . מער גאָרנישטאָ? (פאַרמאַכט דעם שופלאד, גייט אָפּ פון שאַפע צו זיין זייט).

העלמס: אַ שרעקלעכע זאַך האָסטו מיר אָפּגעטאָן, קראקאו!

קראקאו: (פאַרוואונדערט) וואָס איז שוין ווידער?

העלמס: (זיין קול ציטערט) דו האָסט מיין ווייב געמאַכט פאַר אַ זונה און מיין פאַרשטאָרבענער טאָכטער פאַר אַ ממזר. (קראקאו האַלט זיך איין און דרייט זיך אויס צו אים מיט פאַרמאַכטע פויסטן. העלמס זעצט פאַר יאָמערלעך) און דו האָסט ביי מיר, אויף דער עלטער, אַוועקגערויבט אַן אייניקל . . . אַלץ וואָס כ'האָב געהאַט אין דער וועלט. (פאַרביטערט אין געדאַנקען) ווען מענער זיינען יונג, ווערן זיי ווילד און דער־הרגענען פאַר אַזאַ מין זאַך . . . יאָ . . . דערהרגענען . . . אָבער ווען מען איז אַלט איז גאַנץ אַנדערש . . . אַט קאָן איך אפילו נישט טראָגן קיין שטאַרקן האַס אויף דיר, קראקאו . . . איז דאָס נישט מאָדנע? . . . אַז דאָס אַלץ איז אַזוי ווייט אַוועק . . . אין דער פאַרגאַנגענהייט, אָפּגע־פרעמדט . . . און פאַרנעבלט ווי אַ נישט דערחלומטער חלום! . . .

קראקאו: (נידערגעשלאָגן) כ'האָב עס דיר נישט געדאַרפט דערציילן.

העלמס: האָסט עס מיר נישט געדאַרפט דערציילן . . . ניין . . . האָסט דאָך אָבער יאָ . . . און איך פיל נישט קיין האַס צו דיר . . . איך בין אַן אַלטער נאַר . . . נאָך אַלעמען: עהרע . . . טרייהייט . . . ריינער פאַמיליען־לעבן . . . מאָראַל — וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט עס אַלץ, ווען דו קאָנסט מער גאָרנישט טאָן ווי נאָר זיצן און וואַרטן אויפן טויט?

קראקאו: (זיך וואַרגנדיק) העלמס!

העלמס: (מיט אַ בליץ פון צאָרן) אָבער קנוט איז דאָ וויכטיק. ער איז מיין אייניקל . . . טראָץ דעם אַלעמען . . . אים וועסטו ביי מיר נישט אַוועקנעמען!

קראקאו: איך וויל אים נישט אַוועקנעמען פון דיר.

העלמס: דיין בלוט . . . אפשר . . אָבער מיין אייניקל —

קראקאו: (הייס) אוודאי איז ער, העלמס. פאַרשטייסט, ער דאַרף עס קיינמאָל נישט וויסן — קיינער וועט עס נישט וויסן . . . בלויז דו און איך . . . מיר וועלן זיך טיילן מיט אים. ער'ט זיין פאַר אונדז ביידן . . . אונדזער אייגענער קליינינקער סוד . . .

העלמס: (קוקט אים אָן) קיינער וועט דערפון נישט וויסן!

קראקאו: (פייערלעך) קיין לעבעדיקער מענטש — איך שווער דיר.

העלמס: קיינער נישט?

קראקאו: קיינער נישט.

העלמס: (אַ שוואַכער שמייכל אויף זיין צעקנייטשטן פּנים) און אַז מיר וועלן ריידן וועגן קנוט וועסטו מער נישט בורטשען דיין אומדערטרעגלעכן „אַ־זוי״?

קראקאו: קיינמאָל נישט . . . ווייל פון איצט אָן וועט ער זיין אונ־דזער קנוט . . . פּונקט ווי — ווי דו ביסט זיין טאַטע און איך זיין מאַמע.

העלמס: (די אידייע געפעלט אים. ער באַטראַכט עס אַ ווײַלע, דאַן גיט ער זיין צושטימונג, ווי אַ קינד בשעת שפּילן טאַטע־מאַמע שפּיל) ניין, איכל זיין די מאַמע . . . און מיר וועלן זיך קענען קריגן איבער אים . . . פאַרשטייט זיך, אויף אַ פריינטלעכן אופן.

קראקאו: שטענדיק נאָר פריינטלעך.

העלמס: באַרעכן נאָר — מיר וועלן האָבן עפּעס וועגן וואָס צו ריידן די גאַנצע צייט.

קראקאו: איבערהויפּט אין די נעכט . . . נאָך וועטשערע . . . היב־טערן לאָמפּ . . .

העלמס: און אין דער פינסטער, ווען מיר ליגן אין די בעטן און קאָנען ניט שלאָפן —

קראקאו: שטענדיק וועגן אונדזער קנוט.

העלמס: הא־הא . . . ווייסט, קראקאו, איצט־אָ טראַכט איך, דו האָסט עס מיר געדאַרפט דערציילן שוין לאַנג צוריק.

קראקאו: איך האָב מורא געהאַט.

העלמס: מורא געהאַט? נאַרישקייטן! וואָס איז דאָ געווען וואָס מורא צו האָבן? זעסט דאָך אַליין — אָט זיינען מיר געוואָרן בע־סערע פריינט זינט דו האָסט עס מיר דערציילט. (נעמט פון זיין שאַפע קנוטס בילד). ער זעט טאַקע אויס ענלעך צו דיר.

קראקאו: (גרויסמוטיק) ניין ער איז אין גאַנצן אין דיין וויב געראָטן!

העלמס: (מיט גלייכער גרויסמוטיקייט) אָבער אַ היפּש ביסל איז ער אין דיר געראָטן . . . ווילסט, נאַ, נעם עס צו דיר אויף אַ פּאָר טעג . . .

קראקאו: אָבער דו אַליין האָסט דאָך עס געקראָגן ערשט היינט איב־דערפרי.

העלמס: ס׳מאַכט נישט. נעם עס . . . איך ליי עס דיר . . . שבת וועל איך עס נעמען צוריק און עטלעכע טעג שפּעטער, וועל איך עס דיר ווידער לייען . . .

קראַקאו: אַ דאַנק. (נעמט דאָס בילד). קאָן איך ביי דיר לייען דיין צייטונג אויך?

העלמס: געוויס. נעם עס דיר . . . און — אַנטליי מיר, כ׳בעט דיך, דיינע שאַך־פיגורן.

קראַקאו: (מיט פרייד) אָט ברענג איך זיי דיר שוין צו. (גייט צו זיין שאַפע).

העלמס: לאָמיר צונויפרוקן אונדזערע טישן, עס איז טאַקע באַקוועמער אַזוי.

קראַקאו: געוויס באַקוועמער. (קומט מיט שאַך־ברעט און פיגורן און נעמט צונויפרוקן די טישן).

העלמס: אַצינד, נעם זעץ זיך אין מיין אָרעם־שטול און לעז דיין צייטונג. איך וועל מיר שפּילן אָט־אַ דאָ.

קראַקאו: אַך, ס׳פּאַלט מיר גאָרנישט איין צו נעמען דיין שטול.

העלמס: דו טו ווי מען הייסט דיך. (זעצט זיך אויף פּראָסטן שטול) מיר איז גרינגער צו דערלאַנגען די פיגורן פון אַזאַ שטול, פאַרשטייסט?

קראַקאו: נו, מילא. (זעצט זיך אין אָרעם־שטול, צענעמט די צייטונג, קוקט אַריין. היפּשע פּויזע).

העלמס: פאַרוואָס פאַררויכערסטו נישט דיין ליולקע?

קראַקאו: דיין האַלדז —

העלמס: מיין האַלדז וועט גאָרניט שאַטן. נישקשה, מעגסט רויכערן.

קראַקאו: (צופרידן, פאַררויכערט זיין ליולקע, געמיטלעך) נו, אַצינד וועלן מיר זען ווי גוט דו קאָנסט אויסשפּילן אַ פּאַרטיע . . .

העלמס: איך גלויב נישט צי איך וועל דאָס קענען.

קראַקאו: (לייענענדיק) געוויס קאָנסטו, שפּיל. (פּויזע).

העלמס: זע נאָר דאָ. וואָלסט אים דאָ פאַרהאַלטן מיטן לויפער?

קראַקאו: (שטודירט) ניין . . . דאָס וועט דיר פאַרלירן די קעניגן . . . הממממ . . . האָסט עס אַביסל פאַרפּלאָנטערט . . . גיי צוריק מיטן טורעם.

העלמס: זע־נאָר איצט?

קראַקאו: אויסגעצייכנט! (פּויזע).

העלמס: קנוט איז איצט זיכער שוין צוריק אין שולע.

קראַקאו: יאָ, זיכער.

העלמס: קנוט איז אַ טייער יינגל.

קראקאו: אַ ברילִיאַנט.

העלמס: נו, איז נישט אַ מחיה צו הערן ווי מיר רעדן וועגן אים . . . אַזוי אַזוי, רואיק און פריינטלעך? . . . דו ביסט מער ניט אייפערזיכטיק, האַ־האַ!

קראקאו: און דו ביסט מער נישט אַזוי גרויס ביי זיך, האַ־האַ־האַ!

העלמס: (נעמט פלוצים אַרויס זיין טייסטער) לאָמיך נאַר, אין איין וועגן, נישט פאַרגעסן, איך בין דיר שולדיק 27 פּפעניג.

קראקאו: וואָס האָסטו קיין צייט נישט?

העלמס: נאַ, נעם עס!

קראקאו: נו, מילא. (שטייט אויף).

העלמס: וואוהין גייסטו?

קראקאו: מיר האָבן פאַרגעסן די בלומען. (גייט צו זיין זייט צימער, נעמט די בלומען).

העלמס: אָ — יאָ, יאָ

קראקאו: זיי שמעקן דאָך אַזוי געשמאַק. (שטעלט בלומען אויפן טיש).

העלמס: (נעמט איין בלום און שטעקט אַריין קראקאון אין לאַץ) אַט אַזוי, טראָג עס געזונטערהייט.

קראקאו: (אויסער זיך) איך דאַנק דיר, העלמס, איך דאַנק דיר. (פויזע. זיי בייגן זיך ביידע ווידער איבערן שאַך־ברעט).

העלמס: (רייבט זיך די הענט פון פרייד) איצט גייט וויס . . .

קראקאו: (באַטראַכט פאַרזיכטיק) וויס גייט . . . יאָ . . . כ'זאָל עס מיר דענקען . . . וויס . . . דאָ, זעסטו, אַט דעם סאָלדאַט וואָלט איך מקריב זיין . . .

העלמס: (הויבט עס אויף, פאַרזיכטיק, מיט צערטלעכקייט) אָרימער, קליינינקער ווייסער סאָלדאַטל! . . . (שטעלט עס אויפן ברעט. זיי שטודירן דעם נעקסטן צוג, פאַרטיפט אין שפיל ווען דער פאָרהאַנג פאַלט).

ס ו ף .

טעאַטערייען

אַדלער׳איזמען

— לחיים יידן!

וואָס איז? וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? וואו האָב איך, אין היינ־טיגע זיסע צייטן, געקראָגן דעם ביטערן טראָפּן, פרעגט איר? אי, א געזונד אויף אייך, דארויף בין איך דאָך עפּעס א „מעקאַרטהי״ — און די „מעקהאַרטהי׳ס״ קריגן שוין אַ קאַפּיטשקע „לחיים״ — עני טיים.

האַ? וואָס איז היינט מיט מיר די שמחה, פרעגט איר? אָ, זעט איר, דאָס זיינען שוין אנדערע דבורים; אָט וועל איך אייך שוין זאָגן וואָס מיט מיר איז היינט די שמחה: פאַרשטייט איר מיך, איבערמאָרגן איז א יום טוב לכבוד אונזער גרויסן יידישן קינסטלער דזשייקאָב פּ. אַדלער, עס ווערט פופציג יאָר זינט אדלער איז געוואָרן שוישפּילער, פופציג יאָר פון זיין לעבן האָט דער קינסטלער אַוועקגעגעבן פאַר׳ן יידישן טעאַטער, דאָס הייסט, פאַר׳ן יידישן עולם און דער יידישער עולם באַדאנקט איצט זיין קינסטלער מיט א יום טוב — א גאָלדענע חתונה!

דאָס איז א יום טוב אויף דער יידישער גאַס וואָס מיר אלע דאַרפן זיך דערמיט פרייען, אַזוי מיין איך, נו — בין איך אַ בעל שמחה, פריי איך מיך טאַקע וואָס דער קינסטלער האָט זוכה געווען צו דער־לעבן ביי אונז, יידן — א קינסטלערישע גאָלדענע חתונה! און אַזוי ווי איך בין נישט מער ווי אַ פּשוט׳ער בשר ודם, ניט גדול׳דיג גע־וואַקסן הייסט עס . . . וועל איך דאָך דאָרטן, אין מאַנהעטן אָפּערא הויז מיין איך, שטעהן שטילענקערהייט ערגיץ אין א ווינקעלע, דערפאַר וויל איך דאָ, אין מיין ווינקעלע אין „מאָרגען זשורנאַל״, באַגריסן דעם חתן היובל, אונזער קינסטלער דזשייקאָב פּ. אַדלער און טאַקע תוך בדי דבור, דערצעהלן א פּאָר „אַדלער׳־איזמען״.

איך׳ל אייך דערצעהלן ווי אַזוי א „פּערפאַסער״, דאָס הייסט א ייד אַזאַ וואָס האָט זיך איינגערעדט אז ער קען שרייבן דראַמאַ׳ן און האָט אנדערש ניט געוואָלט אז נאָר אדלער זאָל שפּילן אָט די דאָזיגע „דראַמאַ׳ן״ זיינע, ווי אַזוי ער האָט געהאַלטן אין איין פאָרלעזן זיינע „ווערקע״ פאַר אדלער׳ן און אדלער האָט ביי יעדע צעהן שורות זיך צעוויינט מיט ביטערע טרערן און אָנגעכאַפּט דעם יידן פעסט ביים האַנד און וויינענדיג געבעטן אים:

— „אוי פּליעז, סטאָפּט, סטאָפּט לעזן אייער ווערק וואָרום עס צובּרעכט מיין הארץ!״ מענטש, באַזשע מאַי, איר זענט דאָך א צווייטער שעקספּיער! איר זענט דאָך א דריטער גאָרדין! איר זענט דאָך א שרעק־

ליבער טאַלאַנט! שרייבט, שרייבט פאַר׳ן טעאַטער, מיר נויטיגן זיך אין אַזעלכע דראַמאַטורגן ווי איר זענט! אָבער איצט קען איך מעהר ניט הערן, קומט נעקסטע וואָך, ביינאַכט, נאָך דער פאָרשטעלונג, וועל איך ווידער האָבן כוח אויסצוהערן אייער דראַמאַ, אָבער פליעז, למה״ש איר זאָלט עס קיינעם ניט לעזן ווי נאָר מיר, איך מוז שפּילן אייער מייסטער־ווערק, געהט געזונטערהייד, אַ גוטע נאַכט״.

און אַט אַזוי איז דער ייד ווידער געקומען, ווידער געלעזן זיין דראַמאַ, אדלער האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן, אים ווידער געשיקט אַהיים און ווידער געהייסן אים קומען נעקסטן שבת נאָך דער פאָר־שטעלונג, ביז — ביז דער ייד איז גרוי און אַלט געוואָרן, די אויגן זיינען אים קאַליע געוואָרן שרייבענדיג און לייענענדיג און, ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָט ער אופגעהערט צו קומען צו אדלער׳ן פאָר־לעזן זיין דראַמאַ — ווייל, ווייל טויטע פּאַרפּאַסערס קענען אַליין זייערע ווערק ניט פאַרלעזן . . .

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק בין איך געוועזן אין אַ דאָרף, ווי די מאָדע איז, ״אויף פלעזשור״. דאָרט איז אויך געוועזן אונזער אדלער. קיין בעסער פאַרגעניגן קען מען זיך ניט ווינשן ווי צו זיין מיט אים, ספּע־ציעל ווען ער געפינט זיך צווישן ניט קיין טעאַטער־מענטשן . . . איינ־מאָל געהן מיר ביידע שפּאַצירן און מיר דערזעהען אַ גאַנצע חאַליאַסטרע קליינע ווייסע־חברה׳ניקעס האָבן ״פאַן״ מיט אַן אַלטע גוי׳ע, וועלכע וואַרפט אויף זיי פון איר גאָרטן אַרויס שטיינדעלעך, שטעקנס און דאַביי שרייט זי אויף זיי און בייזערט זיך למאי זיי רייסן די בלומען פון איר גאָרטן, אדלער נעמט באַלד אַראָפּ זיין הוט און עס טוט אַ שיין זיין ליכטיגער ווייסער קאָפּ, די אינגעלעך דערזעהען אונז און בלייבן שטיל אַ ווײַלע, דאַן רופט אדלער זיי צו און בעט זיי — ניט צו ערגערן אַן אַלטע פרוי, ער גיט זיי עטליכע פּעניס און זיי לויפן אַוועק און די אַלטע פרוי דאַנקט אים זעהר, וואָס ער האָט איר פאַרשפּאָרט עגמת נפש, אין דערזעלבער צייט טוט אדלער אַ וואָרף אַראָב פון זיך דאָס רעקל, נעהמט מיט ביידע הענד אַרום אַן אַלטן ברייטן בוים וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן דער אַלטער׳ס שטיבל און רופט זיך אָן צו מיר, אויף ענגליש: ״קום, לאָמיר נעמען אַט דעם בוים אַהיים!״

דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך אליין ניט געוואוסט וואָס ער מיינט, אָבער די אלטע גוי'ע האָט אים באלד א פרעג געטאָן מיט שרעק: „מיס־טער, וואָס טהוסטו?"

— איך וויל ארויסרייסן אָט דעם בוים און אים אהיים נעמען פאר א סאָוועניער — האָט אדלער גאַנץ רוהיג איר געענטפערט.

עס איז געקומען אזוי ווייט, אז די אלטע האָט געסטראשעט צו רופן פאָליס, זי וועט נישט לאָזן אַוועקנעמען דעם בוים פון איר שטוב, האָט זי געשריען און אדלער איז געשטאנען אָנגעשפאַרט אין בוים און געמאכט א מינע ווי אָט־אָט רייסט ער אויס דעם בוים און טראָגט אים אוועק אהיים, קיין ניו יאָרק . . . און אז די אלטע גוי'ע האָט זיך גוט אָנגעבייזערט, האָט ער אָפּגעלאָזן דעם בוים און איר בארוהיגט אז ער וועט דעם בוים ניט אויסרייסן, ווייל זי וויל ניט, ווייל ס'איז איר בוים, ווען דאָס זאָל זיין אן אנדערען'ס בוים וואָלט ער אים זיכער אויסגעריסן און אהיים גענומען . . .

די גוי'ע האָט זיך בארוהיגט און האָט אויפגעהערט שרייען און מיר זיינען געגאַנגען ווייטער שפּאַצירן.

לעצטן ווינטער זיינען מיר צוזאמן ארומגעפאָרן איבער דער פּראָ־ווינץ. איין טאָג געה איך מיט אַדלער'ן אין גאַס, דאָס איז געווען אין א קליין שטעטעלע אין ניו ענגלאנד סטייט, א היבשער שנעע באדעקט די גאַסן, די זון ווארעמט, אויף צו להכעיס דעם בייזן פראָסט, עס איז א מחיה'דיגער ווינטער טאָג. קומט אונז אנטקעגן אן אלטער פארמער, גוט איינגעפּעלצט, פאָהרענדיג אויף א קליין שליטעלע. אדלער שטעלט אים אָפּ און וויל אַז דער גוי זאָל אים ארויפנעמען אויפן שליטעלע פאר א „ראיד". דער גוי טענה'ט אַז ער קען ניט, ער מוז ערגעץ צו־פאָהרן אויף גיך, אָבער אדלער נעהמט אראָפּ די ווארעמע „קעפּ" און ווייזט זיין ווייסן קאָפּ און זאָגט אַז ער מוז פאָרן אויפן שליטעלע, דאָקטוירים האָבן אים געהייסן דאָס טהון, אחוץ דעם וועט ער באצאָלן וויפל מ'דארף.

דער גוי האָט ענדליך איינגעשטימט און אַדלער הייסט מיר קריכן אין שליטעלע. איך ווייז אים אז ס׳איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאר דריי פּער־זאָן, אָבער אדלער זאָגט אַז ס׳איז יאָ דאָ און וויל ניט אַנדערש, ווי נאָר איך זאָל זיצן אין שליטן און ער זעצט זיך ביים גוי אויף די קניע. נאָך א שטונדע פאָהרן זיינען מיר צוגעקומען צום האָטעל, מיר זיינען אראָפּ פון שליטן, אָבער דער גוי האָט מיט די פיס ניט געקענט ריהרן . . . אדלער נעהמט ארויס צעהן דאָלער און זאָגט צום גוי:

— דאָ האָסטו צעהן דאָלער, אָבער דו מוזט מיר געבן דריי דאָלער מיט דריי און דרייסיג סענט טשענדזש, ווייל אזוי פיעל קומט עס אויס אויף א פּערזאָן, און אזוי ווי מיר זיינען געפאָרן דריי פּערזאָן, צאָהל איך פאר צוויי און דו צאָהל פאר זיך אליין, דו ביזט דאָך אויך געפאָהרן, איאָ?

נאָך א קורצן ישוב הדעת האָט דער גוי איינגעשטימט אז אדלער איז גערעכט: — „יאָ, ס׳איז טאַקע אזוי, איך בין דאָך אויך געפאָרן״ — האָט געזאָגט דער גוי א צוטומעלטער און געגעבן אויסגאָב פון די צעהן דאָלער . . .

די דאָזיגע „אדלער׳יזמען״ האָב איך דאָ דערצעהלט, צו ווייזן ווי שטיפעריש, ווי שפּילעווודיג, ווי יונג אדלער׳ס נשמה איז! דזשייקאָב פּ. אדלער איז דער רבי שבחבורה אין דער טעאטער וועלט; דער איינער פון אלע און דער איינער איבער אלע — ווייל ער איז אליין דער גערט־נער און אליין דער גאָרטן, אליין די זריעה און אליין די תבואה פון יידיש טעאַטער.

א געבענטשטער, מיט א רייך קינסטלעריש לעבעדיק לעבן איז אונזער אדלער און, איך מיין, אז מיר מעגן זיך פרעהן צו זיין קינסט־לערישע גאָלדענע חתונה. איך ווייס ווי דער קינסטלער אדלער איז באליבט ביי אונזערע מאַסן, איך דערמאָן זיך ווי לעצטן יאָר, ווען אדלער איז געזעסן אויף דער ביהנע און געשפּילט זיין ראָלע אלס אלטער אקטיאָר און ווען ער האָט א זאָג געטאָן: „היינט איז מיר געוואָרן זעכציג יאָר״ — האָט אין פּובליקום א פּשוט׳ער ייד מיט א גראָער באָרד א געשריי געטאָן: „הלואי ביז הונדערט יאָר, גאָטעניו, זאָלט איר לעבן מיסטער אדלער!״

יענע פאָרשטעלונג איז געווען אין טשעלסי, א קליין שטעטעלע לעבן באָסטאָן און איך זאָג היינט, לכבוד אדלער׳ס יום־טוב, אויף די ווערטער פון יענעם ליבן טשעלסי׳ער: אמן!

אַ קרבן פון „סטיידזש קינדער״

(הומאָרעסקע)

קומט ער אריין צו מיר, שוואַרץ ווי אַ בייזער וואָלקן, זעצט זיך לעבן מיין שרייב־טיש און וויינט און קלאָגט, ער האָט מורא, אַז ער וועט נאָך אַמאָל שטאַרבן אויפן עלעקטריק טשער — אויב מען וועט איהם נישט דער׳הרג׳ענען פריהער — ער איז אַן אומגליקליכער . . .

ער דערצעהלט — און וויינט האַרצרייסענד — אַז: ר׳איז אַמאָל געווען אַ בחור, האָט ער ליב געהאַט צו געהן אין יידישן טעאַטער . . .

שטענדיג נאָר אין יידישן טעאַטער . . .

ר׳האָט ליב געהאט צו זען גוטע „שאָוס״, דאָרט וואו ס׳שפּילט זיך אָפּ אַ „לעבענס בילד״; איבערהויפּט האָט ער ליב געהאַט אַזאַ „לעבענס בילד״, וואָס איז „ענטנומען פון לעבן״ און ס׳איז דאָ אַ קינד אין אָט דעם „לעבענס בילד״ . . .

ער האָט ליב געהאט שטענדיג נאָר „נאַטירליכע״ פּלעיס . . .

צו אַ פּלעי וואָס האָט אין זיך געהאַט אַ קינד, האָט ער געקענט געהן און עס זען דרייסיג מאָל נאָכאַנאַנד . . .

ער האָט ליב געהאָט אַזעלכע פּלעיס מיט קינדער; ווייל וואָס קען זיין מעהר נאַטירליך, מעהר „לעבענס בילד״ ווי אַ קינד? . . .

און אַחוץ אַלע זאכן האָט ער טאַקע דעם בעסטן פּלעזשור געהאַט, צו זען ווי שעהן, ווי גוט און ווי קלוג די קינדער זענען אין אַ „לעבענס בילד״ . . .

ווען ער פּלעגט זען ווי די יונגע, אומגליקליכע מאַמע, אין דער פּלעי, האַלט דאָס פּיצעלע קינד אויף די הענד אַלע פּיער אַקטן און דאָס שעהנע קינדעלע טהוט אַפילו ניט אַ הויכן וויין, קיין פּיפּס הערט מען נישט דערפון, פּלעגט ער זיך טראַכטן: ווי גוט עס איז צו האָבן אָט אַזאַ שטיל קינדעלע . . .

אַנאַנדערש מאָל, ווען ער פּלעגט זען אין טעאַטער אַן אמת׳דיג „לעבענס בילד״, און קוקן ווי דאָס זעקס־יאָריגע יאַנקעלע טהוט זיך אַזוי אַ שטעל אַוועק אַנטקעגן דעם בייזן פּריסטאַוו, און האלט אַ פייער־דיגע דרשה, און פאַרטיידיגט אַלע יידן פון שונאי ישראל, און דאָס פּובליקום ווערט באַגייסטערט און אַפּלאָדירט אָט דעם קלוגן יאַנקעלען, דאַן פּלעגט ער, שטילערהייט, גאָט בעטן צו זיין אליין ווען עס איז געבענטשט מיט אָט אַזאַ יאַנקעלע . . .

צי אַ שטייגער, וואָס האָט געפּעלט דער קלוגער עטעלען פון אַ געוויסער פּלעי אויך אַ „לעבענס בילד״, טאָקע — נו וואָס? עטעלע איז דאָך געווען ערשט אינגאַנצן פיר יאָר אַלט, פונדעסטוועגן האָט זי שוין „געוואָטשט״, אַז דער בעד פּאַפּאַ זאָל זיך נישט קושען מיט דער פרעמדער טאַנטע . . .

אַלע, אַלע קינדער זענען געווען אַזוי נאַטירליך אין די „לעבענס בילדער״, וואָס ער האָט שטענדיג געזען אין יידישן טעאַטער, אלע קינדער זענען געווען אַזעלכע שעהנע, אַזעלכע קלוגע און אַזעלכע גע־ראָטענע, אַז ס׳איז געווען אַ נחת צו קוקן אויף זיי, פּשוט אַ פּלע־זשור . . .

און . . .

ער האָט חתונה געהאַט.

אַזוי דערצעהלט ער, ר׳האָט חתונה געהאַט, האָט אַ ווייב, האָט קינדער, אָבער — ר׳איז אַן אומגליקליכער, ר׳האָט מורא ער וועט נאָך אַמאָל שטאַרבן אויפ׳ן עלעקטריק טשער . . .

זיצט ער נעבן מיין שרייב־טיש, רעדט און וויינט. גיסט מיט בלוטיגע טרערן, גיט פון צייט צו צייט אַ קלאַפּ מיטביידע פויסטן אין שרייב־טיש און רעדט ווייטער:

— געוואַלד, וואָס זאָל איך טאָן מיט מיינע קינדער? איך בין אומגליקלעך, בין איך, עס קומט מיר נאָר אויס צו ווערן אַ קינדער־מערדער פון מיינע אייגענע קינדער, נעמען זיי איינציקווייז און דער־שטיקן, דערוואָרגן, דערדישען — אַבי פּטור ווערן פון זיי צו׳ן אַלדי שוואַרצע יאָר! . . .

— מיינע קינדער זענען דאָך נישט נאַטירלעך! מיינע קינדער זענען דאָך אַלע איין שטיק שונד! כ׳האָב דאָך נישט קיין איין אמת־דיק לעבענס־בילד צווישן מיינע קינדער! . . .

גוואַלד געשריגן, איך בין דאָך עפּעס נישט קיין יאָלד, איך בין דאָך שטענדיק געגאַנגען אין יידישן טעאַטער, און איך גיי דאָך נאָך היינט אויך אַמאָל — כ׳האָב דאָך אליין מיט מיינע אויגן געזען כמעט אַלע קינדער אויפן סטיידזש, איך בין דאָך נישט בלינד, אין יעדער פּלעי, אין יעדן „לעבענס־בילד״ אַוואו ס׳איז דאָ אַ קינד, איז דאָך עס אַ נאַטירלעך קינד, אַן אמת׳דיק קינד, אַנטנומען פון לעבן, און ס׳איז דאָך אַ פּלעזשור דערויף צו קוקן — טאָ ווארום זשע בין איך אַזוי אומגליקלעך? ווארום זשע בין איך אַזוי גע־שטראָפט? ווארום זשע זיינען מיינע קינדער נישט קיין אמת׳דיקע „לעבנס־בילדער״? . . .

— אַלע מיינע קינדער זיינען דאָך אַ בלאָף, אַ שטיק שונד, נישט „ליטעראַטוריש״, נישט נאַטירלעך . . .

— זיי זיינען דאָך אפילו נישט אַזוי שיין ווי יענע אמת׳דיקע קינדער אויפן סטיידזש, ווי יענע אמת׳דיקע „לעבנס־בילדער״ וואָס איך האָב געזען . . .

— אָט, נעמט, למשל, מיין עלטער מיידל, מיין מאַמצילע (אַ נאָמען נאָך מיינע אַ מומען פון אַזיראַן), גייט און קוקט זי אָן — ס׳איז דאָך אַ פאַרזעעניש, גאָר נישט נאַטירלעך! . . . וואו זיינען אירע שיינע לאָקן, וואָס זי דאַרף האָבן? זי איז דאָך איין שטיק קאַלטענע און מען קען דאָך זי אפילו נישט פאַרקעמען לייטיש! — נו, איז דאָס אַ לעבנס־בילד, האָב איך אַמאָל געזען אָט אזא קינד אויפן סטיידזש?...

— און די אַנדערע קינדער מיינע, מיינט איר, זיינען בעסער? ווייס איך וואָס! איינס רעדט פאָנפעוואַטע, איינס קוקט קאַסאָקע, נאָך איינס האָט קרומע פיסלעך, מיין מאַקסעלע צעבערעכט מיר יעדע וואָך אַ נייעם שפיגל, דזשייקעלע פאַלט יעדן חודש אַרויס דורכן פענסטער אין יאַרד אריין, אַ נס וואָס ער פארטשעפעט זיך אין די וועש־ליינס און ווערט נישט דער׳הרג׳עט . . . לינעטשקע, דאָס בייבילע מיינס, ערשט אינגאַנצן אַ צען וואָכן זינט ס׳לעבט אויף דער וועלט, האָט עס דאָך מיך שוין פריטשמעליעט אין דר׳ערד אַריין, אַז סע נעמט רעווען איז דאָך אקוראַט ווי טויזנט רוחות וואָלטן פון דעם אַרויסגעקוויטשעט, אַזוי וויינט עס, אָט דאָס בייבילע מיינס — נו ,איז דאָס נאַטירלעך? ווען האָב איך געהערט אויפן סטיידזש אַ קינד, וואָס איז ערשט צען וואָכן אַלט, זאָל וויינען?...

— אַז איך זאָג אייך, אַלע, אַלע מיינע קינדער זיינען אַזוי אַ — בלאָף, שונד, נישט נאַטירלעך! . . .

— איך האָב אַמאָל געזען אין טעאַטער אַן אמת׳דיק „לעבנס־בילד״. איז דאָרט די מאַמע אַנטלאָפן מיטן באָרדער קיין קענעדע, נו, איז וואָס זשע מיינט איר איז געוועזן? איז געגאַנגען דאָס קינד, אַ מיידעלע פון פינף יאָר, סך הכל, און איז קראַנק געוואָרן ספּעשיל אויף סקאַרלעט פיבער, און קראַנקערהייט האָט עס געשריבן אַ בריוו צו דער מאַמען קיין קענעדע — איך זאָג אייך אַ בריוו, אַז אַ שטיין האָט געקענט צעגאָסן ווערן פון געוויין — און טאַקע באַלד, אין דריטן אַקט, איז די מאַמע געקומען צוריק פון קענעדע אַהיים! . . .

— נו, מיין דזשוליענקע איז דאָך אויך פונקט פינף יאָר, פאַר וואָס זשע ווערט זי נישט קראַנק אויף סקאַרלעט פיבער, פאַר וואָס שרייבט זי נישט אַזאַ בריוו צו איר מאַמען, צו מיין שטיק צרה,

וואָס איז זינט לעצטן שבת אוועק מיטן שכן פון נעקסט דאָר און מיך געלאָזן אַליין מיט די קינדער, פאַר וואָס, האַ? פאַר וואָס, פאַר וואָס?! נו, זאָגט אַליין, בין איך נישט גערעכט? . . .

— גוואַלד, וואָס זאָל איך טאָן? מיינע קינדער זיינען נישט נאַטירלעך, נישט קיין אמתע „לעבנס־בילדער", נאָ סער, נעווער! איך וועל זיי דערשטיקן, דערוואַרגן, דערדושען — אַבי פטור ווערן פון זיי צו'ן אַלדי שוואַרצע יאָר! איך וויל האָבן אמת'דיקע קינדער, אַזוי ווי יענע קינדער פון סטיידזש. אמת'ע „לעבנס־בילדער" וויל איך, אַ ניט — דאַרף איך נישט, שונד קינדער וויל איך נישט! . . .

11/23/18

„שיר השירים"

אָדער: „דאָס ליד פון ליבע";
אָדער: „דהי סאָנג אָוו לאָוו";
אָדער: „דאָס האָהע ליד";
אָדער: „דאָס געזאַנג פון געזאַנגען";
אָדער: „מיין מוטער קאָכט לאָקשן".

אַן אָרימאַנטישע פּיעסע פון אַנשיל שור. אויסגעטײנגלט, צוגעטאַנגלט און איינגעשירישירמט, מיט'ן אמת'ן „האָפּ־האָפּ", מיט'ן ריכטיגן טראָפּ, מיט די פּיס ארויף, מיט'ן קאָפּ אַראָפּ פון דעם גאַנצן קרענציל „טהאָ־ליאַניטן" אין אדלער'ס טהאליא טעאטער.

צוערשט דער אינהאלט פון דער זאַך, קורץ. קירצער קען מען דאָס שוין ניט מאַכן.

האַנטער. אַ זומער־רעזאָרט. אַ גאָרטן. אין גאָרטן וואַקסן: בלו־מען, בוימער, פויגעלאַך, שטערן, לבנות, זונען, פּויקער־שפּילער, כאָ־ריסטקעס, כאָריסטן און אַנדערע קרייטעכצער. צום ערשטן קומען אריין די כאָריסטן, זינגען זיך אָפּ זייערס און געהן אַוועק. קומט אריין מאַדאַם עפּשטיין („אַנאָ אָפּענהיים") און בלייבט שטעהן. טשעפּעט קיי־נעם ניט. איז זיך דער עולם מחיה. קומט אריין וועקסלער („אהרן אָפּענהיים") און זאָגט, אַז ער איז אַלט 80 יאָר. גלויבט מען איהם. בעניי־ביי קומט אריין רובין, ('משה אָפּענהיים") און זאָגט, אַז ער איז אויך אַלט 80 יאָר. גלויבט מען זיי ביידן און מען חידוש'ט זיך וואָס דאָס לעבט אזוי לאַנג. קומט אריין גינזבורג („דייוויד אָפּענהיים") און זיי רעדן עפּעס — מילא, וועמן אַרט עס? זאָלן זיי רעדן! קומט אריין דאָרא ווייסמאַן („ראָזא") — רעדט זי אויך. וועמען אַרט עס? זאָל זי אויך רעדן! אזוי ווי זיי רעדן אזוי — האַפּלאַ! ווי אַ באָק אין אַ פרעמדן גאָרטן שפּרינגט אַריין שערמאַן („היימי קוועקזילבער"), זאָגט אַ לאַנ־

דאַנער וויץ „וואַן־טו־טהרי״ און היידא! קומט אריין מאַשקאָוויטש („לעאָן אָפּענהיים״, אַ גרויסער מוזיקער!) גייט ער צו צו דער פּיאַנאָ, וועלכע וואַקסט אין גאָרטן און נעמט אַ וואַזע וואָס שטעט אויפ׳ן פּיאַנאָ און נעמט זיך מיט דעם שפּילן. שפּילט ער זיך! רופט זיך אָפּ די מאַדאַם עפּשטיין, אַז לילי האָט . . . דערהערט, אַז לילי האָט — לאָזט פּלוצים מאַשקאָוויטש ארויס די וואַזע פון האנד און — טררראך! האָט ער דאָך מורא, אַז אַדלער זאָל ניט שרייען — געהט ער אַוועק. קוקענדיג אויף אים, געהען אַלע אַוועק. דערזעט שערמאַן, אַז עס ווערט סקוטשנע — קוליעט ער זיך ווידער אַרויף אויפן סטיידזש, ווערט אים אויך סקוטש־נע, הויבט ער זיך אָן דרעהען ווי אַ וויכער און זינגט: „פּאָליסמאַן חייע, דעטעקטיוו פּייע״ און פליהט ווידער ארויס. ווערט דעם עולם ווידער סקוטשנע. הויבט מען אָן פּאַטשן — קומט ער צוריק. אַזוי עטליכע מאָל.

ענדליך — קומט ער שוין ניט מער . . . געהט אויף די לבנה און ס׳ווערט צוריק טאָג. קומט אריין מאַשקאָוויטש, זעצט זיך לעבן פּיאַנאָ און זאָגט (העכסט דראַמאַטיש): „אָך, דו גראָסער ים! איך ווערדע שפּילן דאָס האָהע ליד״ . . . געהט אויף נאָך די לבנה — אַ בלאָנדע — מאַדאַם צוקערבערג — „לילי״ הייסט זי, אַ יתומה נעביך, וועה דעם טאָטן! און — פּליוך! — זי ליגט שוין אויפ׳ן פּלאָר ביי מאַשקאָ־וויטש׳עס שיך. געהט וויטער אויף נאָך אַ לבנה — ס׳ווערט פינסטער און מען לאָזט אַראָפּ דאָס פּאָרהענגל.

זיינען מיר פאַרטיג מיט׳ן ערשטן אַקט.

אין צווייטן אַקט קומט פּאָר דאָס אייגענע וואָס פריער, נאָר אַ ביסל אַנדערש — שטאַרקער, דראַמאַטישער . . . כמעט אַ טראַגעדיע: דער טאַטע מאַשקאָוויטש ליבט שטאַרק (קען יו בליים הים?) זי ליבט איהם אויך, ווייל זי האָט בטבע פּיינט יונגע „צוציקעס״. אַהין־אַהער, עס ווערט אַ גערודער, וועגן פאַרשידענע זאַכן, — נאָר דעם עולם אַרט עס ניט! סעמיטשקעס זיינען דאָ — קנאַקט מען.

קומען וויטער פּאָר די צווי זקנים — ביידע צוזאַמען 160 יאָר אַלט, און שפּילן אַ פּינאָקל — ווערט דער עולם „עקסייטעד״. דאָ וויזט זיך פּלוצים ארויס, אַז משה מיט אהרן (די צווי זקנים) זיינען א צווי־לינג. און דער עולם שטאַרבט שיר פון באַגייסטערונג.

נאָר איידער דער עולם שטאַרבט — פאַלט דער פאָרהאנג און זיי זיינען געראַטעט.

האָבן מיר שוין אַלזאָ, גע׳פּטר׳ט דעם צווייטן אַקט אויך.

טינגעלע־טאַנגעלע — טינגעלע־טאַנג . . . איצט הויבט אָן צו „שירישירומען״ אויפ׳ן רעכטן אופן . . . אַ „סוועל״ רעסטאָראַנט אויף

בראָדוויי. מען עסט, מען טרינקט, מען טאַנצט, מען זינגט. אין מיטן זמירות „שירישירומט" זיך אריין דאָרא וויסמאַן און טאַנצט אַ פעשען־דענס (אַי, אירע זיידענע הויזן!) אָבגעגעסן, אָבגעטאַנצט, נעמט מען זיך שיסן: דאָס שיסט „דיוווי" זיין געליבטע, ווייל זי ליבט זיין „פאָטער", און ווייל זיין „פאָטער" האָט בעטראָגן זיין „מוטער". קורץ, מענטשן פאַלן ווי פּאָלאָווע און דער עולם ענדזשאָיעט זיך אזוי לאַנג און ברייט, ביז דער גוי (אַ שלאַק זאָל איהם טרעפן!) לאָזט אַראָפּ דעם פאָרהאַנג.

האלטן מיר שוין ביי דעם פערטן אַקט, וועלכער ענדיגט זיך נאָך אַ לאַנגן ארומבריי‏ען האַלב נאָך צוועלף — אי דאָס, איז נאָך אַ גליק וואָס דער „פאָטער" מאָשקאָוויטש ווערט בלינד, אַז ניט, וואָלט מען נאָך געשפּילט. דערפאַר אָבער אַ מינוט פאַר'ן ענדיגן טוט זיך חושך — עס ווערט לעבעדיג . . . אַלע לבנות געהן אויף מיט איינמאָל. מען שיקט נאָך די כאָריסטן און מען צושטעלט אַ וועלט מיט חופּות: לילי נעמט דייווי'ן, ראָזא נעמט היימי'ן, דער „פאָטער" נעמט די „מוטער" און דאָס „ווערדיגע" פּובליקום געהט אַהיים שלאָפן.

קורץ, — עס לעבע אנשיל שור'ס ליטעראַרישע פּיעסן!

10/13/11

פּסיכאָלאָגיש

(טעאַטער־פעליטאָן)

זאָגט צו מיר יונה:

— הערט איר, רעב (ר') מעקאַרטי, כ'האָב אָנומעלטן געזען אַ וואוילע זאַך אין טעאַטער, כ'האָב געזען אַ דראַמע, הערט איר, וואָס איז אינגאַנצן פּסיכאָלאָגיש; אַ טייערע זאַך!

פרעג איך אים:

— וואָס מיינט איר איז אַ טייערע זאַך, ר' יונה, די דראַמע?

— ניין, די דראַמע אַליין איז דוקא נישט אַזוי געפערלעך, אַ דראַמעלע ווי אַ געניץ, נאָר ס'איז זייער פּסיכאָלאָגיש, אָט וואָס דאָס איז. אַי, הערט איר, ס'אַ וואוילע זאַך! איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב ליב אַ גוטע פלעי, נאָר „פּסיכאָלאָגיש" איז גאָר אַ גוטע פלעי.

געזען אַז מיין יונה איז אַזוי שטאַרק באַגייסטערט, האָב איך מיך מיט אים אריינגעלאָזט אין אַ לאַנגן שמועס וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען אין טעאַטער, דאָס וואָס ער רופט „פּסיכאָלאָגיש", און איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר געבן צו פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט. יונה האָט זיך נישט געלאָזט שטאַרק בעטן, ער האָט פאַרסמוקט מיינעם אַ סיגארעט און גענומען זיך צו דער אַרבעט.

— איין קלייניקייט: פּסי־כאָ־לאָ־גיש, פאַרשטייט איר מיך, דאָס איז אַזאַ מין פלעי וואָס איז די לעצטע מאָדע. אַמאָל איז דאָס געווען אַ

שווער ווארט, הייסט איז דאָס אַ „סינטש״, אַלע ווייסן דאָס, ווייל אַמאָל איז דאָס דאָזיקע וואָרט געווען אין ביכער, הייסט איז דאָס אין מאַרקעט. און וואָס מיינט איר איז טעאַטער? אויך אַ מאַרקעט! מען פאַרקויפט וואַרע, וואָס דער עולם וויל. אַזוי איז יעדע ביזנעס אויף דער גאַנצער וועלט — טאַקע הייסט דאָך דאָס קאָנקורענטן, איר פאַרשטייט? נאָר גאָר נישט, ווען מען אַרט עס; יאָ קאָנקורענטן, נישט קאָנקורענטן; דער עיקר איז דאָך אַבי ס׳איז פּסיכאָלאָגיש . . .

און פּסיכאָלאָגיש איז דאָס, אַ יעס, איין קליינִיקייט! אַ מיידעלע פון פערצן יאָר, מאַינדזשע, פון פערצן יאָר, אַ מיידעלע ווערט צע־רואינירט אין צווייטן אַקט, איר פאַרשטייט? איך האָב דאָך שוין עפּעס געזען פּלעיס אין יידישן טעאַטער, איר ווייסט דאָך, און גוטע פּלעיס, אָבער יענע זיינען נישט געווען אַזוי פּסיכאָלאָגיש, נאָו, סער! אין יענע פּלעיס זיינען אויך צערואינירט געוואָרן מיידלעך, אַזוי פיל גוטע יאָרן זאָל איך האָבן, אָבער יענע מיידלעך זיינען שוין געווען היפּשע מוידן, דערוואַקסענע, רעגעלע מוידן, נישט קיין פערצן־יעריקע, איר פאַרשטייט? נו, זעט איר שוין, אַז יענע פּלעיס זיינען נישט געווען פּסיכאָלאָגיש?

וואָרים טאַקע אין אמתן, וואָס איז מער פּסיכאָלאָגיש ווען מען צערואינירט אַ מויד פון צוואַנציק יאָר, אָדער אַ מיידעלע פון פערצן יאָר? האַ? מיינט איר דאָך, אַז דאָס איז שוין אַלצדינג וואָס קומט פאָר אין אַט אַ דער פּלעי? נאָו סער! דאָס איז זיך פּסיכאָלאָגיש פאַר זיך אַליין. וואָרים דער וואָס צערואינירט דאָס פערצן־יאָריקע מיי־דעלע איז נישט קיין געליבטער, ער איז גאָר אַ האַרבאַטער, עפּעס אַ מין חיה, וואָס קען אָנפאַלן אפילו אויף אַ גבירס אַ מיידעלע און נישט דווקא נאָר אויף דעם אָרימען שלימזל׳ס טאָכטעריל, איר פאַרשטייט? און דערפאַר טאַקע איז דאָך עס אַזוי פּסיכאָלאָגיש! אָבער ס׳אי׳ דאָ נאָך פּלענטי זאַכן דאָרטן אַ חוץ דעם, וואָס זיינען ריין פּסיכאָלאָגיש, אַ שור, איר מעגט עס זען, אַז איך זאָג דאָך אייך, ס׳איז אַ טייערע זאַך!

— סע קומט פאָר דאָרט אַ טאַטע, איז ער אַ שטיק שלימזל, גאָר נישט קיין טאַטע, נאָר אַ פּלעדערוויש . . . פונדעסטוועגן ליגט זיין ווייב אין קימפּעט שוין דאָס פערטע מאָל. איר פאַרשטייט, דאָס איז זיך באַזונדער פּסיכאָלאָגיש. דאָס האָט מיטן צערואינירטן מיי־דעלע גאָר נישט צו טאָן, שור נישט! איז זיך מישב דאָס פּיצעלע, דאָס קימפּעט־קינד און שטאַרבט „אָוועקעט״ אין דריטן אַקט און דער טאַטע, וואָס איז אייגנטלעך נישט קיין טאַטע, נאָר אַ מאַמע, ווייל די מאַמע איז דער טאַטע און דער טאַטע איז די מאַמע, דאָס הייסט, ער, דער טאַטע איז די באַלעבאָסטע, וואָס ניאַנטשעט אויס די קינדער וואָס

די מאַמע, זיין ווייב הייסט עס, האָט פּאַר אים. איר פאַרשטייט, איז דערפּאַר שטאַרבט אַוועקעט דאָס קימפּעט־קינד און דער טאַטע באַ־ווינט עס מיט אַ גרויס ליכט און מיט אַ קליין סידורל און אַזוי לאָזט ער עס ליגן, דאָס טויטע נפש'ל, און וועקט אויף דעם האַרבאַטן רו־אינירער, וואָס האָט צערואינירט דאָס פּערצן יאָריקע מיידעלע און טוט אים גאָרנישט, נאָר ער דער'הרג'עט אים, דאַצאָל!

— איין קליינקייט: פּסיכאָלאָגיש! איך זאָג דאָך אייך, סאַי' מיר נישט קיין נאָווינע צו זען אין יידישן טעאַטער אַ גוטע פּלעי, אָבער דאָ איז גאָר נישט וויכטיק די פּלעי, דאָ איז וויכטיק דאָס וואָס איז אַזוי ניי, אַזוי פּריש און, דער עיקר, וואָס עס איז אַזוי פּסכאָלאָגיש, איר פאַרשטייט?

— אָ, יעס, מיסטער יונה, איך פאַרשטיי, פאַרוואָס זאָל איך ניט פאַרשטיין? ווי זאָגט איר, ס'איז אַ „סינטש" . . . איר זענט אָלרייט, מיסטער יונה, איך שעפּ פּלעזשור פון אייך . . .

אַז מיין יונה איז אַוועק און איך בין געבליבן אַליין, האָב איך זיך דערמאַנט, ווי ער האָט מיר געזאָגט: „אַמאָל איז דאָס וואָרט פּסי־כאָלאָגיש געווען אין ביכער, היינט איז עס אין — מאַרקעט" . . . דוכט מיר, אַז יונה איז גערעכט . . .

3/31/22

„אַ גוטע פּלעי"

(כמעט אַ פעליטאָן)

2/3/22

מיין היינטיקן העלד וואָלט איך דוקא געקענט אויסמאָלן מיט אַלע פּיטשעווקעס, נאָר איך האָב קיין צייט ניט . . . טאָ זייט אַזוי גוט און מאָלט אים אייך אַליין.

לאָמיר זאָגן אַז ער הייסט יונה — אָלרייט? אלזאָ, וידבר יונה און יונה האָט געספּיטשט:

— וואָס איז פאַראַן צו ריידן, איך האָב ליב אַ גוטע פּלעי, דאַצאָל! אַז וויבאַלד נישט קיין גוטע פּלעי, גיי איך גאָר ניט אין טעאַטער אריין, דאַצאָל! פּאַר אַ גוטע פּלעי גיב איך אייך מיין לעצטע פּעני, ווייל אַ גוטע פּלעי מאַכט מיך זאַט אקוראַט ווי א גוטער באָרשטש, איבער־הויפּט אַז ס'איז נאָך דאָ אין דעם גוטן באָרשטש אַ גוטער מאַרך־ביין? שוין, דאַצאָל!

— און איר דאַרפט וויסן — באַרימט זיך יונה ווייטער — אַז איך בין אַ גוטער קאַסטאָמער, איך צאָל קעש, יו נאָו, יעס סער. איך גיי קיינמאָל נישט אויף קיין פּעסעס, נאָו סער, ביי מיר איז נישטאָ

פאר נאַטינג, ווייל ביי מיר טעאַטער איז אַ פּלעזשור, כ׳האָב׳ס ליב, דאַצאָל! און איר דאַרפט וויסן אַז איך גיי אין יידישן טעאַטער גאַנץ אָפט, זייער אָפט, טאַקע סטעדי; אָבער נאָר ווען מען שפּילט אַ גוטע פּלעי, וויבאַלד נישט קיין גוטע פּלעי גייט איך ניט אין טעאַטער, דאַצאָל!

דאָ בין איך שוין געוואָרן נייגעריק און כ׳האָב אים, ווי מען זאָגט, איבערגעשלאָגן די רייד, ווי די טבע איז פון אַ יידן און איך האָב אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט זשע מיר, כ׳בעט אייך, זאָלט איר מיר געזונט זיין, ר׳ יונה, וואָס הייסט ביי אייך אַ גוטע פּלעי?

יונה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי ער וואָלט דערזען אַ קאָר האָט אימיצן איבערגעפאָרן . . . צוערשט האָט ער אויסגעסאָלאָפּעט אויף מיר זיינע ביידע אויגן, נאָכדעם האָט ער פאַרביסן זיין אונטערשטע ליפּ, נאָכדעם האָט ער מיר אָנגעקוקט אַזוי ווי עפּעס אַן אומגליקלעכן נעבעך, און מיט גרויס רחמנות געטאָן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַ טשאמקע מיט די ליפּן און געזאָגט:

— מטצאַ, אי וואָס איז פאַראַן צו ריידן, אַ גוטע פּלעי איז אַ גוטע פּלעי, דאצאָל; אַ גוטע פּלעי איז אַקוראַט ווי, למשל, נו, ווי זאָל איך אייך דאָס געבן צו פאַרשטיין אַזוי אַז איר זאָלט עס פאַרשטיין, נו, ווי אַ גוטער סוט, איר פאַרשטייט? ס׳איז פאַראַן גוטע סוטס און שלעכטע סוטס, יו נאָו, פּונקט ווי ס׳איז פאַראַן גוטע פיש און שלעכטע פיש, גוטע „אַברעלערס" און שלעכטע „אברעלערס" און אַזוי אַלצ־דינג, יו סי? און אַלצדינג אויף דער וועלט איז פאראן גוטע און ס׳פאַראַן שלעכטע, שלעכטע און גוטע, דזשאָסט אַזוי איז מיט אַ פּלעי אין טעאַטער, איר פאַרשטייט? און איך האָב ליב נאָר אַ גוטע פּלעי, וואָרים וויבאַלד נישט קיין גוטע פּלעי, גיי איך גאָר נישט אין טע־אַטער אַריין, דאַצאָל!

אָט די דאָזיקע דערקלערונג וואָס יונה האָט מיר דערקלערט, איז מיר דווקא זייער שטאַרק געפעלן . . . אָבער איך האָב פאָרט געוואָלט וויסן וואָס יונה רופט אָן אַ „גוטע פּלעי", האָב איך אים ווייטער געפרעגט:

— זאָגט זשע מיר, איר זאָלט מיר אַזוי געזונט זיין, ר׳ יונה, זאָגט מיר, איר האָט אַמאָל געזען די פּלעי „מירעלע אפרת" ?

— אַי, איז דאָס אַ גוטע פּלעי!

— נו, און „גאָט, מענטש און טייוול" ?

— דאָס איז שוין איינמאָל אַ גוטע פּלעי!

— נו און „דער גרינער בחור״ ?

— כאַ, כאַ, דאָס איז אַ גוטע פּלעי!

— „דעם רבינס ניגון״ האָט איר געזען?

— פששש, דאָס איז שוין גאָר אַ גוטע פּלעי!

— „דעם שמידס טעכטער״ ?

— יאָאָאָ, ס׳אַ גוטע פּלעי!

— האָט איר געזען אַ פּלעי „נאַ דניע״ ?

— שור, דאָס איז אַ גוטע פּלעי!

— נו, און אַנסקיס „דיבוק״ ?

— או־או, דאָס איז אַ גוטע פּלעי!

— און די „צווי קוני לעמעלס״ ?

— האם־א־מע, דאָס איז אַ גוטע פּלעי!

— און דעם „גולם״ ?

— אָ יעס, סאַ גוטע פּלעי!

— האָט איר געזען געבילס „ריינע געוויסן״ ?

— אוי ווי איז מיר, איז דאָס אַ גוטע פּלעי!

— קאָברינס פּלעי „דעם דאָקטאָרס ווייבער״ געפעלט אייך ?

— אָ מאַי, אָט דאָס איז אַ גוטע פּלעי!

— נו און איבסענס „גייסטער״ ?

— אוי־אוי־אוי, איז דאָס אַ גוטע פּלעי!

— און „יענטע טעלעבענדע״ ?

— כאַ־כאַ־כאַ, עד כאַ־כאַ־כאַ, דאָס איז אַ גוטע פּלעי!

— און דער „משוגענער״, וואָס זאָץ שפּילט?

— כי־כי־י, אַי איז דאָס אַ גוטע פּלעי!

— און „יאַשקע כוואַט״ ?

— אָ שור, דאָס איז אַ גוטע פּלעי!

— נו און „שמאַטעס״ ?

— יעס, ס׳אַ גוטע פּלעי!

— און „ליאָווקע מאַלאַדעץ״ ?

— הע־הע, דאָס איז אַ גוטע פּלעי!

— נו און „שווער צו זיין אַ ייד״ ?

— מטצא אי, דאָס איז אַ גוטע פּלעי!

— און בערטהא קאַליש האָט איר געזען?

— שור, דאָס איז אַ גוטע פּלעי!

— הייסט עס, ר׳ יונה, אַז אייך קען מען נישט נאַרן, איר זענט אַ מבין אויף טעאַטער, ווי איך זע . . .

— סעי, וואָס איז פאַראַן צו ריידן, איך האָב ליב אַ גוטע פּלעי, איך באַצאָל דערפאַר מיט קעש, פאַרשטייט איר מיך און וויבאַלד מען שפּילט נישט קיין גוטע פּלעי, גיי איך גאָר נישט אין טעאַטער אַריין, ווייל איך האָב ליב נאָר אַ גוטע פּלעי, דאַצאָל!

מאָדנע

(טעאטער פעליטאָן)

הייסט עס: „שלום־סיזאָן"!

ארונטער פאלט דער פאָרהאַנג און דעקט צו דאָס בלאַסע פּנים פון דעם טויטן טעאטער־סיזאָן. נעבאך, געשטאָרבן פאר דער צייט, נישט געקענט דערציען אַפילו צו דעם בארימטן „ענדע גוט, אלעס גוט" — הפּנים שוואַך געבוירן געוואָרן . . .

נאָך אַלעמען איז דאָס אַ רעטעניש; דוכט זיך געמאַכט אַזעלכע קולות ביים „געבוירן ווערן", געשריען, געליאַרעמט, געטומעלט, געפּילדערט, מען האָט געקענט מיינען אַז אַ ריז איז געקומען אויף די בלעטער פון אונזער טעאטער געשיכטע און צום סוף, נאַ דיר גאָר, אַ קאַרליק און אַ יאַדעשליוועך דערצו, געהוסט און געענדיגט איידער ער האָט דערלעבט צו ענדיגן . . .

יידן בני רחמנים, נעמט פושקעס און קלאפּט און שרייט, „צדקה תציל ממות" — אפשר וועט פון די פושקעס עפּעס ארויסקומען, ווייל פון היינטיגען טעאטער־סיזאָן, עליו השלום, איז גאָר ווייניג ארויסגעקומען . . .

בלתי איין זאַך איז יאָ ארויסגעקומען; דאָס וואָרט „מאָדנע".

דאָס דאָזיגע וואָרט איז אפילו שוין געווען פון פריער, נאָר היינטיגן סיזאָן איז דאָס געוואָרן באַרימט, פּאָפּולער.

מאָדנע איז אַ וואָרט וואָס גילט אויף אַלץ און אויף גאָר נישט און מער אויף גאָר נישט ווי אויף אַלץ, ווייל ס'א מאָדנע וואָרט, ס'מיינט אַ סך און ס'מיינט גאָר נישט, דערצו נאָך ביי טעאטער מענשן; אַ טעאטער מענש קען ביי אייך נעמען די האַנד און געבן אייך זיין וואָרט — נישט צו האלטן וואָרט . . .

איז דאָס ניט מאָדנע?

אין היינטיגן סיזאָן איז אלצדינג געווען מאָדנע.

מען האָט אויפגעפירט פּיעסן וואָס האָבן געזאָלט זיין זיכערע סוקסעסן, אָבער, מאָדנע, זיי זיינען געוואָרן פּאָזיטיווע דורכפאַלן. קיינער האָט נישט געקענט געבן קיין אַנדער ערקלערונג, ווי נאָר אַ קוועטש טאָן מיט די אַקסלען און זאָגן: מאָדנע . . . ווידער פאַרקערט, מען האָט אויפגעפירט פּיעסן וואָס מען איז געווען פּאָזיטיוו אַז מער ווי איין נאַכט וועלן זיי נישט „לעבן", זיי וועלן פּאָזיטיוו דורכפאַלן און דוקא זיינען אָט די פּאָזיטיווע דורכפאַלן געוואָרן זיכערע סוקסעסן.

— מאָדנע!

בארימטע אקטיאָרן האָבן זיך ווייניג אויסגעצייכנט היינטיגן סיזאָן און אקטיאָרן וואָס מען האָט געמיינט אַז זיי קענען זיך גאָר ניט אויסצייכענען, זיינען געוואָרן בארימטע — מאָדנע!

דאָס וואָרט מאָדנע האָט היינטיגן סיזאָן באַהערשט אונזער טעאטער.

איך קאָן א יידישע אקטריסע, וואָס באנוצט דאָס וואָרט מאָדנע אזוי אָפט, אַז מען קען זאָגן מיט אַ ריינעם געוויסן, אַז זי איז אַ מאָדנע אקטריסע . . .

דער רבונו של עולם אליין האָט היינטיגן סיזאָן זיך אָפּגעקערט פון אונזער טעאטער, אַ סימן: אויף די פּאָסטערס פון געוויסע טעאטערע איז נאָך אַלץ געווען דער קלוגער אַלטער נוסח: „קול המון כקול שדי" און אז דער „המון" איז ניט געקומען אין יענע טעאטערע, מסתמא איז דאָך „שדי" אודאי נישט געווען דאָרט . . .

הייסט עס, אַז די נאַרישע אַדווערטייזמענטס מיט די נאַרישע פּיעסן האָבן נישט געצויגן דעם „המון", איז דאָך עס אודאי און אודאי — מאָדנע! . . .

דערפאַר איז דאָס וואָרט מאָדנע אזוי בארימט געוואָרן צווישן טעאטער־מענטשן היינטיגן סיזאָן. אויף אַלע פראַגן וועט איך א טעאטער מענטש היינט ענטפערן מיט דעם איינעם וואָרט — מאָדנע! דאָס איז דאָס גרויסע פאַרמעגן וואָס איז געבליבן די אקטיאָרן אונזערע פון דעם נאָר וואָס געשטאָרבענעם טעאטער סיזאָן: מאָדנע . . .

די וועלט איז אזוי געדיכט באַמענטשעט, קאָן מיר אפשר ווער פון אייך געבן דעם ריכטיגן טייטש פון דעם וואָרט? פון וואַנענט האָט זיך עס גענומען? ס'איז דאָך טאקע מאָדנע, אַז אַ וואָרט זאָל זיין אזוי באַרימט, אזוי פּאָפּולער און מען זאָל אפילו נישט וויסן צו וועלכער ראַסע

עס באלאנגט, וואָס פאר אן אייגנשאפטן דאָס פארמאָגט, נאָר פשוט: גע־נומען אַ וואָרט און עס באַרימט געמאַכט פאר גאָר נישט — מאָדנע.

א וואוילע זאַך ס׳טעאטער, מען ווערט דאָרט גיך באַרימט און, ס׳רוב, גאָרנישטן פאר גאָר נישט — מאָדנע.

איז הייסט עס, „שלוס־סיזאָן".

מילא, „וואָס די ערד דעקט צו מוז מען פאַרגעסן", זאָגט מען, כאָטש ס׳איז אפילו א מאָדנער זאָג, אָבער לאָמיר זיך טרייסטן וואָס דער טויטער טעאטער־סיזאָן איז נישט טויט אויף אייביג, ער וועט, איה״ש, נעקסטן סיזאָן ווידער געבוירן ווערן מיט ווידער אזוי פיל טומל, ליאַרם, גע־פילדער און ווילדע קולות ווי היינטיקס יאָר, און ווי אלע יאָר וועט — אָדער לעבן אָדער שטאַרבן, זיכער זיין וועגן יידישן טעאטער קען מען קיין מאָל נישט, ווייל זיין טויט ווי זיין לעבן איז —
מאָדנע! . . .

5/12/22

טעאַטער-העלדן

(פעליעטאָן)

מיר, יידן, אַלס אַזעלכע, האָבן ליב מען זאָל קיצלען אונזער נאַ־ציאָנאַלע פּאַכוועס מיט — יידישקייט, פון יידישן קוואַל, הייסט עס. מיר ווילן מען זאָל פאר אונז שרייבן פון יידישע צרות, יידישע אומגליקן, יידישע אָנשיקענישן, יידישע נישט־דאַ־געדאַכטן — קורץ, מיר יידן זיינען גוט צו יידן . . .

אונזערע „טעאטער מאַגנאַטן" ווייסן דאָס און ווייל זיי זיינען אליין אויך יידן דערפאר זיינען זיי אויך „גוט צו יידן" און געבן אונז וואָס מיר פארלאַנגען; זיי גיבן אונז א יידיש טעאטער מיט יידישע טעאטער העלדן . . .

אין אַלע „פּלעיס", אין אַלע „שאָוס" ווייזט מען אונז „טעאטער־העלדן" . . . און אזוי ווי איך בין אַן אָפּטער אייגגעהער אין יידישן טעאטער, קען איך שוין כמעט אלע אונזערע „העלדן" וואָס מען שטעלט פאָר ביי אונז אין טעאטער, אויף אויסנווייניג . . . כמעט אין אלע דראַ־

מעס, קאָמעדיעס, טראַגעדיעס און לעבענס־בילדער זיינען די „העלדן" אַט אַזעלכע; קוקט אייך נאָר גוט צו, וועט איהר זיי דערקענען:

1: גענגסטערס וואָס האָבן געקראָגן אַ שלעכטע ערציהונג, ווייל זייערע טאַטע־מאַמע זיינען געווען צו פרום און צו פאַנאַטיש . . .

2: גנבים וואָס שטאַרבן נעבעך פון הונגער, ווייל זייער ביזנעס האָט אַ צו שטאַרקע קאָנקורענץ . . .

3: פארהייראטע מענער וואָס האָבן ליב פארהייראטע פרויען, פרעמדע, און נישט פארהייראטע מיידלעך, אויך פרעמדע . . .

4: רייכע לייט וואָס ליידן נעבעך פון צופיל רייכקייט, ווייל רייכ־טום ברייגגט אומגליק . . .

5: באָסעס וואָס האָבן קיין אַנדער זאַך צו טאָן ווי נאָר צו שרייען: „נידער מיט די יוניאָנס" און —

6: ארבייטער וואָס האָבן קיין אנדער זאַך צו טאָן ווי נאָר צו שרייען: „נידער מיט די באָסעס!" . . .

7: פארברעכער, ספּעציעל אַזעלכע וואָס ווערן באשולדיגט אין מאָרד, זיינען אַלע מאָל אומשולדיגע קרבנות, ווייל ניט זיי זיינען די מערדער נאָר דער בייזער שיקזאַל . . .

8: דזשורי־לייט וואָס זיינען שטענדיג סאמע אינטעליגענטע מענטשן פון סאמע פאָלק ארויס . . .

9: דאָקטוירים וואָס קענען קיינמאָל ניט ראטעווען דעם קראַנקן, ווייל זיי קומען געוועגליך ווען דער קראנקער איז שוין ניט קראַנק, נאָר טויט און אלצדינג וואָס זיי האָבן צו טאָן איז צו זאָגן: „צו שפּעט, ער איז טויט" . . .

10: היימישע בעלי־עגלות מיט רויטע בערד, וואָס אנטלויפן קיין אמעריקא און דאָ נעמען זיי קיינמאָל ניט ארויס קיין היגע סיטיזן־פּיי־פּערס און ניט זייערע היימישע ווייבער, ווייל דאָ ווערן זיי אַנאַר־כיסטן . . .

11: היימישע וואסער־טרעגער, וואָס דאָ וואָרפן זיי אראָפּ פון זיך די בערד און די קראָמיסלעס און ווערן פאראיין־פּרעזידענטן מיט פיינע בייכלעך, ווייל ס'איז אמעריקא און — ס'איז טעאטער, יו נאָ . . .

12: משוגעים, אידיאָטן, האָרבאטע, היקעוואטע, פּאָנפעוואטע, קרוּ־מע, שטומע, קורץ — קאָליקעס אלערליי וואָס ווערן פּראכטפאָל נאַטיר־ליך פאָרגעשטעלט פון אקטיאָרן אויף דער בינע . . .

פארשטעהט זיך אז אָט די דאָזיגע „טעאטער העלדן" וואָס איך האָב דאָ אויסגערעכנט, זיינען נאָר א קליינער פּראָצענט פון די אַלע „טעאטער העלדן" וואָס מען ווייזט אונז אין אונזער טעאטער; דערצו דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז דאָס זיינען אלע „העלדן" פון דעם מענער־

מין און מיר האָבן אויך ביי אונז אין טעאַטער העלדן, אָדער העלדיכעס, פון דעם ווייבער־מין:

13: שוויגערס וואָס האָבן שטענדיג בלאָהע ליפּן פון שעלטן און ווייסן ניט פון קיין אַנדער זאַך אויף דער וועלט ווי נאָר צו מאַכן א בייז לעבן צווישן זייערע אייגענע קינדער . . .

14: מאַמעס וואָס שטאַרבן יונגערהייט, ווייל זיי האָבן מורא אַז זייערע קינדער זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען צו — שטיף־מאַמעס . . .

15: שוועסטער וואָס ארבייטן ביז׳ן גרויען צאָפּ אריין, פארלירן אַלטערהייט זייער בליענדע יוגענט און אָפּפערן דאָס אַלצדינג ווייל זיי ווילן אז זייער קליין ברודער׳ל זאָל אויסשטודירן אינזשעניר . . .

16: כלות וואָס לײדן שטענדיג פון א שרעקליכן סוד און אז ס׳קומט די גוטע שעה, די גליקליכע מינוט, ווען זיי שטעהען מיט זייער באַ־שערטן אונטער דער חופּה, פּונקט דאַן פלאַצן זיי אויס דעם שרעקליכן סוד; ווייל זיי ווילן ניט אָפּנאַרן דעם גוטן מלאך, זייער באשערטן; ביין, זיי ווילן ניט אָפּנאַרן; ווייל מאָרגן, יאָ, מאָרגן, מוזן זיי ווערן — מור־טערס . . .

17: ווייבער וואָס לײדן שטענדיג נאָך דער חתונה דערפאַר, ווייל מיידעלוויז זיינען זיי קיינמאָל ניט געווען פאר׳חתונה׳ט . . .

18: דינסט־מיידלעך וואָס ווערן גאַסן־מיידלעך, ווייל זיי ווילן נעמען ראַכע פון דער מענער׳שער מענטשהייט . . .

19: גאַסן־מיידלעך וואָס שטאַרבן אין לעצטן אַקט פון קאָנסאָמפּ־שאָן, ווייל זיי קענען ניט אריבערטראָגן די אויסגעלאַסענקייט פון די רייכע שאַרלאַטאַנעס . . .

20: יונגע מיידלעך וואָס פארקויפן זייער אונשולד אום צו קענען באצאָלן זייער טאַטנס שולדן און דערפאר ווערט דאָס אָנגערופן די הויפּט ראָלע . . .

21: אלטע באָבעס וואָס ווערן באַדיי בלינד, ווייל זיי ווילן זען די אייניקלעך און — א סיזאָן ווײדזשעס . . .

22: יתומים, פוןביידע מינים . . .

23: ממזרים, אויך פון ביידע מינים . . .

24: פּרויען־מענער, דאָס הייסט אַזעלכע פרויען, וואָס פארשטעלן זיך פאר מענער ווייל זיי ווילן אַז מען זאָל זיי דערקענען . . .

25: דער גוטער העלד, וואָס מיינט אז אלע פרויען זיינען אַנשטענ־דיגע דאַמען און —

26: דער שלעכטער העלד, דער „אינטריגאַנט״, וואָס מיינט אז אלע אַנשטענדיגע דאַמען זיינען פרויען . . .

אָט דאָס אומגעפעהר, זיינען די הויפּט העלדן פון אונזער טעאַטער.

דערקענט איר זיי?

איך קען זיי, אונזערע טעאטער העלדן מיט וועלכע מען קארמעט אונז . . . איך קען אייך נאר זאגן אז גאנץ אפט זע איך אין טעאטער א שלעכטן העלד, א „אינטריגאנט" וואס טוט אלע בייזקייטן אין דער „פלעי" און איך טראכט דאביי, אז ווען אט דער בייזער „אינטריגאנט" וואלט געווען א לעבעדיגער מענטש וואלט ער זיך געשעמט צו חבר'ן זיך מיט זיין פארפאסער . 3/10/22

„ס א ק ס ע ס"

(טעאטער פעליעטאן)

דער טייטש פון „סאקסעס" איז: ערפאלג, דאס זעלבע אויך פאר־קערט, דאס הייסט, ערפאלג איז סאקסעס, דאך איז, ביים טעאטער, בעסער צו האבן סאקסעס, ווייל דער וואס האט סאקסעס דארף מעהר גאר ניט האבן . . .

געווען אמאל א יידינע, א פשוט'ע יידינע, אט ווי סע טרעפט אין'ם נארישן לעבן; א יידינע אן קונצן, אן חכמות און אן טאלאנט. זי האט געהאט א מאן, געהאט קינדערלעך און געלעבט ווי מיליאנען אנדערע יידינעס לעבן, דאס הייסט, קען מען זאגן, זי האט אין לעבן געהאט „ערפאלג". אבער, דורך א צופאל, איז די דאזיגע יידינע אוועק אין טעאטער, געווארן אן אקטריסע און געמאכט „סאקסעס"; נאכדעם האט מען זי שוין ניט געקענט דערקענען, ווייל זי איז שוין ניט מער געווען קיין פשוט'ע יידינע, זי איז געווען — סאקסעס . . .

דערפאר טאקע איז מיר פערזענליך דאס טעאטער ליבער ווי דאס לעבן . . . און איך מיין אז דאס טעאטער איז א סך קליגער פון'ם לעבן, א, א סך קליגער . . .

אין לעבן, למשל, קען טרעפן, אז א ציגיינערקע זאל טאקע זיין אן אמת'דיגע ציגיינערקע און זאל אזוי אפלעבן אלע „אקטן" פון איר לעבן און צום סוף שטארבן אלס ציגיינערקע; אבער אין טעאטער, הע, באיעלעך, אין טעאטער ווערט א ציגיינערקע אין לעצטן אקט — א יידישע טאכטער!

נו, זעט איר שוין? „שור" איז דאס טעאטער קליגער פון'ם לעבן, א, א סך קליגער! . . .

אט א שטייגער למשל, נעמט א רייכן מאן אדער אן ארים מיידל, נו, איז וואס? אין לעבן קען זיך טרעפן אז דאס מיידל זאל אזוי לאנג זיין אן ארים מיידל ביז זי האט חתונה מיט א שניידער און דאן ווערן — אן ארים ווייבל; דער רייכער מאן ווידער, קען זיך אזוי אויסלעבן זיינע יארן און שטארבן, אויף דער עלטער, טאקע אלס א רייכער מאן.

יאָ, אזוי קען טרעפן אין לעבן, אָבער אין טעאַטער — נאָ מעם, נעוואר! אין טעאַטער איז דאָס אָרים מיידל פּונקט ווי דער רייכער מאַן, אַלציינס; ביידע מוזן רואינירט ווערן . . .

און דאָס קען אויך ווערן א „סאַקסעס" . . . ווייל ביים טעאַטער, קען מען קיינמאָל ניט וויסן ווער אָדער וואָס וועט זיין א סאַקסעס. און טאָמער קומען אַזעלכע וואָס זאָגן אייך אַז: „דאָס טעאַטער דאַרף אָפּשפּיגלען דאָס לעבן, אַז דאָס טעאַטער דאַרף זיך לערנען פון לעבן כדי פאַרצושטעלן לעבעדיג דאָס לעבן" און אזוי ווייטער, טאָ גלויבט זיי ניט, איר הערט, גלויבט זיי ניט, ווייל ס'אַ בלאָף! . . . איך זאָג אייך, אַז דאָס לעבן דאַרף זיך לערנען ביים טעאַטער, ווייל דאָס טעאַטער איז א סך קליגער פון'ם לעבן, אָ, א סך קליגער . . .

נעמט צום ביישפּיל, אַ טאַטן, א פּליינעם טאַטן וואָס קומט קיין אמעריקא און ארבייט דאָ אָפּ זעקס יאָר אין א לאָנדרי און דאַן ברענגט ער אַהער זיין פאַמיליע פון גאַליציען און זיי נעמען א פלעט אויף ריווינגטאָן סטריט, די קינדער געהן דאָ אין סקוהל ביז זיי ווערן גרויסע, דערוואַקסענע גאַליציאַנער־אמעריקאַנער, זיי האָבן חתנה און ברייגגן נייע דורות, אמעריקאַנער־גאַליציאַנער און דער טאַטע לעבט זיך אזוי ביז זעכציג, זיבעציג, אָדער אכציג יאָר און דאַן לעבט ער נאָך א פּאָר יאָר און שטאַרבט, נו, דאָס קען דאָך טרעפן אין לעבן אָיאָ? אָבער טאַקע נאָר אין לעבן, אין אונזער נאַרישן, לעבעדיגן לעבן. אין טעאַטער אָבער, אָ־אָ, אין טעאַטער, איז, טאַטעלעך מיינע, אַז אָך און וועה צו אַזאַ טאַטן, אין טעאַטער אזא טאַטע — צוברעכט דאָס האַרץ אין פיר אַקטן . . . און קוקענדיג אויף אים, ווייגען מיר זיך אזוי גוט אָן אַז מיר זיינען זיך אַזש מחיה, און דאָס איז דערפאַר, ווייל אזא טאַטע, אַז מען „קוועטשט" אים אריין אין א טעאַטער, איז ער שוין ניט קיין טאַטע, נאָר א — סאַקסעס . . . ווייל, ערשטענס איז ער ניט קיין גאַליציאַנער און וואוינט ניט אויף ריווינגטאָן סטריט, צווייטנס, זיינע קינדער געהן ניט אין סקוהל, נאָר אין פּריזן. זיי ווערן רעגעלע גענגס־טערס, אַלע זיינע קינדער א חוץ איין מיידל, די יונגסטע טאָכטער, וואָס ער האָט זער שטאַרק ליב. זי, די דאָזיגע מיידל פון אַזאַ טאַטן, זי ווערט — ניט קיין שטוב־מיידל, נאָר, א — גאַסן־מיידל און זי האָט חתונה מיט'ן „טאַליענישן" באַרבער . . .

וואָרט, כאַפּט זשע ניט, אצינד הויבט זיך ערשט אָן דאָס אומגליק מיט'ן טאַטן . . . ער ווערט באַלד שוואַרץ ווי די ערד און זיין באָרד ווערט ווייס ווי סמעטענע און ער ליידעט . . . אזוי ליידעט ער אָב דעם צווייטן אקט. אין דריטן אקט האָט ער ניט קיין ברויט. דאָס ווייב

אנטלויפט מיט א בארדער, דער לענדלארד ווארפט אים ארויס פון די רומס און שטעלט אים אנידער מיט א שיסעלע אין סטריט, אויפן סיידוואק, גייט פארביי זיין אייניקל, דאס קליינע איטאליענעריל און שטעכט אים אריין א גרויס מעסער אין סאמע הארץ אריין דזשאסט פאר פאן, דאן קומט א פאליסמאן און ארעסטירט אים — ווען מען מיינט איר, דעם איטאליענעריל? נאו! דעם לײדענדען טאטן מיט'ן צושטא־כענעם יידישן הארץ, איר פארשטייט? . . . אבער ער שטארבט ניט, נײן, נאך ניט, ערשט אין לעצטן אקט — ווערט ער ווידער א פאטער צו זיינע קינדער, מאכט א גאנץ פיין לעבן און איז גליקליך וואס ער לעבט — אין טעאטער און ניט אין ריווינגטאן סטריט . . .

און ער מעג זיין גליקליך, ווייל ער איז ניט נאר א טאטע, נאר א — סאקסעס . . . און ער וואלט עס אין לעבן קיין מאל ניט געקענט זיין, ווען ער כאפט זיך ניט אריין אין טעאטער, ווארום דאס טעאטער איז קליגער פון'ם לעבן, א, א סך קליגער . . .

דערפאר זאג איך, איז ביים טעאטער בעסער צו האבן „סאקסעס", ווייל אלצדינג ביים טעאטער וואס האט סאקסעס דארף מעהר גאר ניט האבן . . .

1/20/22

„קאף־דראמע"

(טעאטער פעליעטאן)

„קאף־דראמא" נעמט זיך פון „קאף־דראפס" — ביידע זיינען צום הוסטן . . . איר פארשטעט, מיר האבן ביי אונז אין טעאטער, קיין עין הרע, אזוי פיל סארטן דראמא, ווי למשל: פאמיליען־דראמא, לעבנס־דרא־מא, פראבלעם־דראמא, סאציאלע־דראמא, סימבאלישע־דראמא, אימ־פרעסיאניסטישע־דראמא, מעלא־דראמא און גלאט דראמא . . . א חוץ די ליטערארישע דראמא און די שונד דראמא וואס פלאנטערן זיך נע־באך צווישן די צייהן פון אלעמען און קיינער ווייסט ניט וואס דאס איז אזעלכעס . . . נו, איז צו אטא די אלע סארטן דראמא'ן שטעל איך צו נאך א סארט, די „קאף־דראמא" . . .

איך זאג אייך, דאס איז א טייער מיטל צום הוסטן, אטא די „קאף־דראמא", איי הוסט מען, טאטע זיסער! עס רייסט ארויס די לונגן, צום שווארץ יאר, עס ווערט אין טעאטער א הוסטעריי אז ס'איז א מחיה צו הערן זאג איך אייך, אקוראט ווי א סימפאני פון הוסטערס, אלע הוסטן, אלע אין טעאטער הוסטן ווען מען זעט א „קאף־דראמא.

און מען דארף ניט זיין דוקא פארקעלטערט, ניין! איר מעגט זיין אזוי געזונד ווי דעמפסי, איר דארפט גאָר נישט „קעטשן" א "קאָלד", איר דארפט נאָר זען א „קאָף־דראמא" און איר מעגט שוין זיין זיכער אז איר וועט הוסטן, אָבער אזוי הוסטן, ניט אויף קאטאָוועס!

פון וואַנען, מיינט איר, האָט זיך צו מיר גענומען אָט דער שיינער הוסטל וואָס דישעט מיך? פון דער פרייער לופט אין סטאטן־איילענד? ניין! פון דער פארשטיקטער לופט פון א „קאָף־דראמא", יאָ, יאָ, מיינע טייערע!

לעצטע וואָך בין איך געווען אין א יידישן טעאטער, האָב איך דאָרט געזען אזא מין דראמא וואָס האָט מיך געמאכט צום הוסטן; וואָס זאָג איך מיך — דעם גאַנצן עולם! אלע אין טעאטער האָבן געהוסט, ווי מען זאָגט, בצבור, דאָס הייסט אויף יידיש, אָלל טאָגעדער . . .

און וואָס מיינט איר איז אזוינס פאָרגעקומען אין אָטאָ דער דראַ־מאָ? גאָר נישט מיט גאָר נישט; פונקט אזוי ווי אין אלע אנדערע „קאָף־דראמאס" . . . א מיידל האָט ליב א בחור, דער בחור האָט ליב דאָס מיידל, רעדט ער צו איר, און זי רעדט צו אים, ריידן זיי ביידע, און אזוי ווי זיי ריידן אזוי וועגן זייער ליבע און וועגן די אלע אַנדערע זאכן אויפ׳ן סטיידזש, דערפיל איך פלוצים ווי ס׳ווערט מיר ענג אין גאָרגל, און ס׳גייט מיך שטיקן אינווייניג, אָט־אָט און איך פּלאַץ אויס מיט א הוסטן. איך ווער רויט ווי די סיין פון דענזשער, איך שעהם זיך, איך שטיק דעם הוסט, ווערג אים, כ׳האלט זיך איין מיט אלע כחות און פלוצים: טראך, בוכטש, קכע־קכע!

מיין הוסט קלינגט אָפּ אין טעאטער און באלד ענטפערט מיר א ווידער־קול ערגעץ פון דער באלקאָני: קכע־קכע־קכע! . . . און טאָקע גלייך נאָך אָ ווידער־קול פון דער גאַלעריע און פונם אָרקעסטער און פון די באָקסעס. עס ווערט מיט אמאָל א הוסטעריי אין טעאטער אז מען קאָן טויב ווערן, מען הערט שוין מעהר נישט וואָס דער געליבטער זאָגט צו זיין געליבטע, אויס, מען הערט נאָר: קכע־קכע־קכע־בוכטש!

די „קאָף־דראמא" האָט זיך פלוצים ארייגעכאפּט אין האלז פון פובליקום און ווערגט און שטיקט און דישעט . . .

אזוי האלט אָן דאָס הוסטן אין טעאטער א שטיק צייט. איך קוק מיך ארום, כאפּ אָפּ דעם אטעם אביסל און הוסט ווייטער. אָבער עס ווערט מיר קאָלעמוטנע אויף מיין געוויסן, איך בארעכן זיך אז דאָס האָב איך דאָך געגעבן דעם „טאָן" צום דאָזיגן הוסטן, ווייל דאָס האָב איך דאָך דער ערשטער אָנגעהויבן צו הוסטן, איך האָב דאָך דאָס פייער אָנגעצונדן און אצינד קען איך שוין ניט פארלעשן, גוואלד וואָס טוט

מען? עס ווילט זיך מיר אויסשרייען צום פובליקום: הערט אויף הוסטן! אָבער געה שריי, אז איך אליין ווער שיר דערשטיקט פון הוסטעניש . . .

מיינע פארלאָפּענע רויטע אויגן כאַפּן א קוק אויף די אַקטיאָרן וואָס שפּילן אָט די דראמא און עס ווערט מיר קלאָר פון וואַנען דער הוסט קומט און איך שריי אויס שטילערהייט: „קאָף־דראמא״! יאָ, אָט דאָס איז דאָס, די דאָזיגע דראמא שטיקט מיך, שטיקט דעם גאַנצן עולם אין טעאטער, דער הוסט קומט פון אָט דער דראמא און דערפאַר רוף איך דאָס אָן „קאָף־דראמא״.

דער טייטש פון דראמא איז האנדלונג. און דאָ האנדעלט זיך אַלץ וועגן דעם וואָס ס׳איז ניטאָ קיין האנדלונג . . . מען רעדט, מען זאָגט, מען דערצעהלט, מען טוט גאָר נישט. אָט אדרבה זעט; דער העלד זיצט אויף אַ שטיין און — חלום׳ט פון יענער וועלט. אזוי חלום׳ט ער אָפּ אַ גאַנצן אַקט און שטייט ניט אויף; נישט פון שטיין און נישט פון׳ם חלום . . .קומט אָן זיין געליבטע, זעצט זיך לעבן אים און העלפט אים חלום׳ן; שאַ, שטיל. קומען אָן נאָך עפּעס אַ פּאָר אקטיאָרן, זעצן זיך צו אויפ׳ן זעלבן שטיין און — אלע חלום׳ן. קומט אָן די סאלוויישאָן ארמיי, צושטעלט זיך אין די ווינקעלעך און — חלום׳ט . . . אָבער די דראמא איז נישט קיין חלום־דראמא, ניין, די דראמא איז א „קאָף־דראמא״, איר קוקט ווי די דראמא חלום׳ט און איר הוסט, יאָ, איר הוסט, ווייל עס שטיקט אייך, עס לייגט זיך אייך אויפן האַרץ ווי אַ שווערער שטיין, עס דריקט און פּרעסט אייערע נערוון, אייער האַרץ און איר הוסט, איר מוזט הוסטן!

אָט אזוי האָב איך געהוסט ווען איך האָב לעצטע וואָך געזען יענע דראמא וואָס האָט מיך אזוי באגייסטערט, אז איך קען אפילו קיין וויציגן וויץ נישט זאָגן, אָבער איך טרייסט מיך דערמיט וואָס איך האָב דאָ צוגעטראָגן דעם נאָמען פאר אזעלכע דראמא׳ן, יאָ, דער נאָמען „קאָף־דראמא״ דאַרף בלייבן אומשטערבליך. און ווען איר וועט זיצן אין א טעאטער און מען וועט שפּילן א דראמא אָדער א קאָמעדיע וואָס וועט אייך אָנהויבן צו שטיקן און עס וועט זיך ביי אייך ארויסרייסן א הוסט — האָט קיין מורא נישט, הוסט שטאַרק, הויך, הוסט אזוי אַז אפילו די טעאטער דירעקטאָרן זאָלן דערהערן, אפשר וועט דאָס העלפן אז מיט דער צייט זאָלן מיר פּטור ווערן פון יעדע אָנשיקעניש און אויך פון דער „קאָף־דראמא״.

2/17/22

פאַרלוירן אַ פּאַטריאָט

(טעאַטער פעליעטאָן)

איר מעגט אייך לאַכן פון מיר געזונטערהייט, אָבער איך זאָג אייך דעם אמת: איך האָב גרויס דרך ארץ פאַר אַ פּאַטריאָט!

אַ פּאַטריאָט האָט ליב, אַ פּאַטריאָט קען זיך באַגייסטערן, אַפילו זיך מקריב זיין, ווייל אַ פּאַטריאָט האָט גלויבן! — דערפאַר האָב איך גרויס דרך ארץ פאַר אַ פּאַטריאָט. און אויב איר זענט נאָר עפּעס, זענט איר שוין פאַרזאָרגט מיט פּאַטריאָטן, אָדער אָם ווינציגסטן, מיט אַ פּאַטריאָט. דער סדר העולם איז שוין אַזוי. זענט איר למשל: אַ חזן, אַ טענצערין, אַ בעל דרשן, אַ דראַמאַטורג, אַ פּאַקוסניק, אַ רעדאַקטאָר, אַ פּרייז־פייטער, אַ לופט־פליהער, אַ פּאָעט, אַ בייז־באַל־שפּילער, אַ כלי־זמר, אַ ווייך־קעלער (אַפילו — אַ קריטיקער! . . .), אַ מאַהלער, אַ דענ־טיסט, אַן אַקטיאָר צי אַ „סטאַר" — אַבי איר זענט נאָר עפּעס, זענט איר זיכער צו האָבן אַ פּאַטריאָט . . . און טאָמער זענט איר ניט מעהר ווי — אַ לאַנד? ווערט איר האָבן אַ פּאַטריאָט וואָס ווערט אייך ליב האָבן אַלס זיין — פּאַטער־לאַנד . . .

און אָפטמאָל איז דעם פּאַטריאָט בעסער ווי זיין פּאַטער־לאַנד — אָבער דאָס האָט ניט צום ענין . . . וואָס איך וויל אייך דערצעהלן איז: ווי אַזוי אַן אַקטיאָר, ניין, טאַקע אַ „סטאַר", האָט פאַרלוירן אַ פּאַט־ריאָט . . .

איר מעגט דאָס הערן.

דעם „סטאַר" וועל איך רופן נפתלי, כדי איר זאָלט אים ניט דער־קענען און דעם פּאַטריאָט וועל איך רופן געצל, כדי איר זאָלט אים ניט דערקענען . . . אַלזאָ געדענקט זשע: נפתלי איז דער „סטאַר" און געצל איז דער פּאַטריאָט.

ווי אַזוי געצל איז געוואָרן נפתלי'ס פּאַטריאָט, דאָס איז אַן אַנדער פראַגע און איך האָב אַ רעכט צו ענטפערן דאַרויף מיט אַן אַנדער פעליע־טאָן, דאָ איז דער עיקר ווי אַזוי נפתלי האָט זיין פּאַטריאָט פאַרלוירן, כאָטש קיין לעבעדיקער מענטש וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געגלויבט, ווייל ווער עס האָט געקענט דעם פּאַטריאָט געצל, דער האָט געוואוסט גאַנץ גוט ווי געטריי און ווי איבערגעגעבן ער איז געווען צו „זיין" סטאַר נפתלי.

ניט איין שלאַכט האָט געצל געפירט מיט גענגס פון זיין סטאַר נפתלי; ניט איין טראָפּן בלוט, זיין אייגן בלוט, איז פאַרגאָסן געוואָרן אין אַזעלכע שלאַכטן וואו ער האָט געקעמפּפט און פאַרטיידיקט דעם כבוד פון נפתלי; ניט איין מאָל איז געצל געווען באַרייט זיין לעבן אוועק־צוגעבן פאַר זיין סטאַר, שטאַרבן ווי א מאַרטירער פאַר זיין אידעאַל, פאַר זיין סטאַר נפתלי.

אַלצדינג וואָס נפתלי האָט געטאָן איז געווען ביי געצלן א הייליג־טוהם, אַלצדינג וואָס נפתלי האָט געזאָגט האָט געצל אַפּלאָדירט און געזאָגט אמן; און געוואָלט אז אַלע זאָלן זאָגן אמן! . . . און ווער עס האָט געהאַט די העזה צו זאָגן אנדערש, אָדער חס ושלום מיט א קרים וואָרט אָנרירן זיין סטאַר, נו, נו, יענעם איז שוין ניט געווען וואָס מקנא צו זיין; אויב ס׳איז באַלד ניט געפלויגן א פּאַטש, איז דאָס געווען א נס, אָבער אַן אָפּשניט האָט יענער שוין סאַי ווי געכאַפּט פון געצלן, נפתלי׳ס איבערגעגעבענעם פּאַטריאָט:

„העי דו, פאַרפוילטע טשערעפּאַכע! באַליידיגסט די געטער? פּאַרע פריער אויס דיין צונג אויף דער אויבערשטער באַנק אין א רוסישער באָד, איידער דו רעדסט פון מיין נפתלי׳ן! היט בעסער אָפּ דיין אויס־געפּליקטן שאַרבן אויף דיין קאָפּ, ער קען נאָך אַמאָל צובראַכן ווערן פון מיין לינקן בינטל פינף, ווייל די רעכטע האַנד וויל איך נישט פאַר־פּאַטשקען! . . .

אַזוי האָט געצל גערעדט „אין גוטן מוטה״, אָבער אָפּט האָט ער טאַקע באַנוצט זיין „בינטל פינף״ פון דער לינקער האַנד און נאָך מיט א צוגאָב פון דער רעכטער האַנד, ווייל קיין גבר איז געצל דווקא ניט געווען און קיין העלד אויך ניט, פאַרקעהרט, ער איז גראַדע געווען א שוואַכער, א מאָגערער און א געלאַסענער מענטש, אָבער ער איז געווען א פּאַטריאָט, אַן איבערגעגעבענער פּאַטריאָט צו זיין „סטאַר״ אין וועמען ער האָט געגלויבט און וועמען ער האָט פאַרגעטערט, און דאָס האָט אים געגעבן אַזוי פיל געוואַגטקייט, אַזוי פיל קוראַזש.

דער סטאַר נפתלי האָט געוואוסט ווי געטריי זיין געצל, זיין פּאַט־ריאָט איז אים און ער האָט אים דערפאַר אָפּט באַלוינט מיט א באַזונ־דערן „האַלאָ״, מיט א גראָבן „מי שברך״ און אַמאָל מיט א סיגאַר.

געצל איז דערפון געווען צופרידן און גליקליך און האָט קיינמאָל ניט אפילו גע׳חלום׳ט צו פאַרלאָזן זיין סטאַר. אויך נפתלי האָט קיינ־מאָל ניט גע׳חלום׳ט אז ער וועט ווען עס איז פאַרלירן זיין געצלן אַלס זיין פּאַטריאָט.

גאָר אומגעריכט איז דאָס געקומען, גאָר אומערוואַרטעט איז דאָס געשעהען — נפתלי, דער סטאַר, האָט פאַרלוירן זיין פאַטריאָט, געצל...

א צופאַל, א ריינער צופאַל!

קיינער איז אין דעם ניט שולדיג!

אין א פראָסטן אוונט פון א פראָסטן אינדערוואָכן, איז אין מיטן א פאָרשטעלונג, פלוצים אינמיטענדרינען קראַנק געוואָרן דער סטאַר נפתלי און ס'איז ניט געווען קיין אקטיאָר צו פאַרנעמען זיין פלאַץ אויף צו דערענדיגן די פאָרשטעלונג און — אין גרויס פאַרצווייפלונג — מען האָט אָנגעטאָן און גרימירט דעם פאַטריאָט געצל און אַזוי האָט מען געענדיגט די פאָרשטעלונג...

דאַמאָלס איז דאָס אומגליק געשעהען; דאַמאָלס האָט נפתלי פאַרלוירן זיין פאַטריאָט... ווייל —

פון דאַמאָלס אָן איז דער פאַטריאָט געצל אליין געוואָרן א „סטאַר"... אָבער אזוי ווי ער האָט ניט געקענט זיין קיין פשוט'ער אקטיאָר דאָ, אין זיין היים, איז ער אוועק אין מרחקים און אין דאָרטן א „סטאַר" געוואָרן ביז אויף היינטיגן טאָג...

1/6/22

די קאַמפּינסקי „טריאָ"

(„מוזיקאָלאָגיע")

איר הערט, איך בין זיך דאָ מודה ומתודה אַז וואָס ס'איז שייך מוזיק, צי דאָס איז אַן אָפּערא אָדער אַ סימפאָני, אַ „טריאָ" אָדער אַ „קוואַרטעט", אפילו א פליינע „סאָנאַטע" אָדער אַ „קאָנטשערטאָ", כ'מיין, הייסט עס, ווי מען זאָגט, „מוזיק אין אַלגעמיין" איז פאַר מיר, קאָן מען זאָגן, ששש — אַ סוד... דאָס הייסט, פליין גערעדט, איך ווייס וועגן מוזיק אינגאַנצן גאָרנישט, יעדנפאַלס אַזוי ווינציק, אַז כ'מעג שוין געבן „לעקטשורס" איבער מוזיק... און, צוריק גע־שמועסט, מיט וואָס, כ"בעט אייך, בין איך עס ערגער פון אַ סך אַזעל־כענע „לעקטאָרס" וואָס לעקטשערעווען איבער דראַמאַ, פּאָעזיע, פּאָס־טריגעס, שטערן, לבנות, היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט און צוקונפטיגע היסטאָריע? וואָסזשע, זיי מעגן און איך טאָר נישט? לאָס אַנדזשעלעס איז, עפּטער אָלל, אַ פרי קאַנטרי, יו נאָ — הורריי פאַר דעם־אָקרע־סי!...

אָט לאָמיר נעמען אַזעלכענע ווערטער וואָס האָבן אַ מין „קאָנעקשאָן" מיט מוזיק: „אלעגרעטאָ", „אַלעגראָ" און „פּרעסטאָ"; „לאַרגאָ", „אַדאַזשיאָ" און „אַנדאַנטע"; „מאַינאָר", „מייאָזשאָר" און „רעטשעטאַטיוו" און נאָך און נאָך, אַלץ אַזעלכענע ווערטער וועלכע זענען, אַזוי צו זאָגן, די פענסטער, דאָס הייסט, די „ווינדעס" פון מוזיק, מחמת דורך זיי טאַקע קוקט מען עס אויף די פּאַסיקלעך און מיט די פינטעלעך וואָס מען רופט „נאָטן" און אַזוי ארום ווייסט מען די גאַנצע מאַכענאַציע ווי צו קער־עוועץ די ווישקעס כדי טאַקע ס'זאָל גיין ווי געשמירט, ס'זאָל, הייסט עס, קלאַפּן אין טאַקט, ווייל מוזיק, אַזוי זאָגן זיי, מוז זיין מוזיקאַליש — אָבער אַז מיין עלטער־זיידע, עליו־השלום, האָט דערפון נישט געוואוסט, טאָ פונוואַנעט זאָל איך עס דערפון וויסן? . . .

אַמאָל־אַמאָל, ווען כ'בין נאָך געווען אַ אינגעל און האָב שטאַרק ליב געהאַט די „נאַטור" און, פאַרשטייט זיך, מיידלעך זענען דאָך אַ טייל פון דער נאַטור — איז איין מיידל (וואָס איצט איז זי טאַקע מיין ווייבל) געווען מיין פּאַרטנערקע צו זיצן אויף דער גאַלערי פון קאַרנעגיהאָל צו וואָלטער דאַמראָש'עס קאָנצערטן, אָבער דאַמראָש איז נישט שולדיג וואָס איך בין נישט קיין מבין אויף מוזיק, האָנעסט. און כאָטש איך האָב אין מיין טראָפּן עקזיסטענץ געהערט (אַ חוץ „בובליטשקי", „ציגיינערוויזן" און „אלי־אלי") דעם באַרימטן קאַרוסאָ און דעם באַרימטן שאַליאַפּין און אַפילו טאַקע אונזערע אייגענע יאַשאָ'ס און מישאַ'ס און קרייזלער און איסאַי, אָבער — זיי זענען נישט שולדיג וואָס איך בין נישט קיין מבין אויף מוזיק, סאָ העלפּ מי.

און דאָ, הערט אַ מעשה, איצטערטאָ, שוין אַ מעקאַרטי אין די יובילעאום־יאָרן, דערצו נאָך אין סאַמע ראַדנע האָליוואוד וואו די „נאַטור" איז ארײַן אין די מואוויס, די מיידלעך זענען אריין אין די יאָרן און איך בין אַריין אין „דזשאַנק" ביזנעס, איז איצטערטאָ, מאַינדזשע, פאַל איך מיט מיין ווייבל אריין אין „ניקערבאָקער האָטעל", מיר זעצן זיך נעבן אַ פיין טישעלע, פּונקט ווי אַלע געסט וואָס הייסן „פּובליקום" און מיר הערן זיך צו — צו דער קאַמפּינסקי טריאָ.

אַי, הערט איר, ווען איך זאָל זיין כאָטש אַ ברעקל מבין אויף מוזיק! ראשית וואָלט איך אייך געגעבן צו פאַרשטיין אַז „טריאָ" שטאַמט אַוואַדע פון שמעון פרוג'ס „טראַיקאָ". די יידישע טראָיקאָ, איר געדענקט? אַ סימן האָב איך אַז — דריי זענען זיי: סארא, מענועל און אלעק קאַמפּינסקי. און שפּילן שפּילן זיי: פּיאַנאָ, פידל און טשעלאָ, הייסט עס, ווידער דריי, איז דערימעד — טריאָ. און ווי אַזוי אָט־אַ

דידאָזיגע „טריאָ״ שפּילט וואָלט איך אייך אויך געוואָלט דערציילן, אָבער אַז כ׳בין נישט קיין מבין אויף מוזיק, נו, גיי דערצייל . . . מילא אַזעלכענע באַיס ווי ראַכמאַנינאָף, סאַן סען, באַך, מאָצאַרט, בראַהמס און דוואָראַק זענען זיך טאַקע אפשר אַ־קעי, אָבער אַז איך זאָל נעמען און זיך צעיאַכמערן וועגן זיי אין „מיידזשאָר״ וועט עס מסתמא ארויס־קומען אין „פלעט״ . . . נאָר אַז די „טריאָ״ „דערציילט״ פון זיי, אָט, הערט איר, איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש, סאָ העלפּ מי! אָט אַז די „טריאָ״ האָט אַ שפּיל געטאָן מענועל דע פאַיאָ׳ס „פייער טאַנץ״, האָב איך מיט אויגן פון האַרצן דערזען פעד־שוואַרצע צעפּ נישט פאַרפלעכ־טע, מיט פוכקע הענט און צאַפּעלדיקע טאַליעס פון שפּאַנישע ליאַלקע־מיידלעך טאַנצענדיק מיט אפשר באַרוועסע פיס, אָבער צינדענדיק די ערד אונטער זיך און צוגליהענדיק די אָדערן אין אייער לייב!

אָט אַזוי שפּילן קאָן די קאַמפּינסקי טריאָ.

1/10/41

אָט דאָס איז אַ לשון

(טהענקיו, בערטאַ זינגערמאַן)

זינט איך בין אַ ייד — שוין אַדאַנק גאָט, היבשע עטלעכע יאָר אין דעם — האָב איך, הערט איר, קיינמאָל נישט געקענט קיין פראַנ־צויזיש, אַז דאָס איז עפּעס אַזאַ מין פאַנפעוואַטע לשון, גיי פאַרשטיי עס: „סילווע פלעי״, „ווי ווי״ — איך בין גאָר נישט אַזוי זיכער אויב די פראַנצויזן אַליין פאַרשטייען עס . . . דערפאַר אָבער, איטאַליעניש — האָב איך נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. „קאַפּיש איטאַליאַנאַ, סי״, נו, טאַקע אין דער אמת׳ן, איך בין עפּעס אַ טאַליענער? . . . אָט, זעט איר, ווען עס קומט צו שפּאַניש — פאַרשטיי איך נישט אַ וואָרט, אפילו נישט „מאַניאַנאַ״ . . .

אַחוץ דעם, מוזט איר וויסן, בין איך נאָך אַלץ אין כעס אויף שפּאַ־ניען; יו נאָ, די אינקוויזיציע, אָט־אַ־דע־פע, אַרויסגעטריבן מיין עלטער זיידן פון דאָרט, פע איז — פע! . . .

ווייטער, מיט די אַנדערע פאָר לשונות וואָס פּלאָנטערן זיך אויפן צונג פון אונזער וועלטל, מיט זיי, הערט איר, קאָן מען שוין דורכקו־מען, אַחוץ דעם — ווער צווינגט מיר? אַי וואָס, ווען איך׳ל, מירטשעם, קומען קיין ארץ ישראל און דאָרטן וועלן מיך די יידן דוקא צווינגען צו רעדן העברעאיש, נו בין איך דאָך אַ ייד און אַ ייד איז געוואוינט צו גלות . . .

בקיצור, איך וואָלט נאָך געווען געטראַכט אַ סך אַזעלכע טראַכטע־נישן וועגן די אַלע לשונות וואָס איך קאָן נישט און פאַרשטיי נישט, אָבער אין זאַל איז געוואָרן פינסטער און אויף דער בינע איז געוואָרן ליכטיק.

יאָ, כ׳האָב איך פאַרגעסן צו זאָגן פאַרוואָס עפּעס, אינמיטצקע־דרינען, איך האָב זיך צעטראַכט וועגן לשנות — עקסקיוז מי!

דער זאַל הייסט „פילהאַרמאָניק״ און די קינסטלערין אויף דער בינע, יענעם אָוונט, הייסט בערטאַ זינגערמאַן. איר לשון איז שפּאַ־ניש און איך, ווי איך האָב איך געזאָגט, בין שטאָק בלינד אין שפּאַ־נישן סידור, נאָר פון צווייטן נומער אָן האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין שפּאַניש און ביים פינפטן נומער, „די סימפאָני פון דער שטאָט מעקסי־קאָ״, איר הערט, האָב איך געהאַט אַ דעבאַטע מיט מיר אַליין: ר׳ מאַישע וואָס בלאָפסטו? וואָס הייסט דו פאַרשטייסט נישט קיין שפּאַניש?״ — האָב איך מיר אַליין געזאָגט און אַליין גלייך זיך אָבגעענטפערט: „וועל, נאָר אַז בערטאַ זינגערמאַן דעקלאַמירט, פאַרשטיי איך שפּאַניש, שור פאַרשטיי איך!״ און איך בין טאַקע געווען גערעכט, ווייל בערטאַ זינ־גערמאַן האָט מיך געמאַכט צו פאַרשטיין.

נו, אדרבה, זאָגט מיר וואָס איז אַזוינס „נאַנאַס״? איך האָב אויך נישט געוואוסט, נאָר ווען בערטאַ זינגערמאַן האָט יענעם אָוועגט, אויף דער בינע פון „פילהאַרמאָניק״, געענדיגט „נאַנאַס״, האָב איך מורא געהאַט אַ פּיפּס צו טאָן, כדי דאָס קינד אין וויגעלע, וואָס זי האָט אַזוי צאַרט ליבלאָך פאַרוויגט, זאָל זיך נישט אויפוועקן פון שלאָף, — כאָטש אויף דער בינע איז דאָן קיין וויגעלע נישט געווען און קיין קינד נישט געווען, אָבער ווען בערטאַ זינגערמאַן האָט געזונגען „נאַנאַס״ — האָב איך געזען ס׳קינד מיט׳ן וויגעלע, דערפאַר האָב איך פאַר־שטאַנען שפּאַניש . . .

און וואָס מיינט איר, ווען כ׳האָב, מיט יאָרן צוריק, געזען סאַראַ בערנאַרד שפּילן, האָב איך נישט פאַרשטאַנען פראַנצויזיש? און ווען כ׳האָב געזען מימי אַגולי שפּילן, צי הערמעטאַ נאַוועלי, האָב איך נישט פאַרשטאַנען איטאַליעניש? דאַנטשעבעליוויט, איך האָב פאַרשטאַנען זאָג איך אייך אי פראַנצויזיש אי איטאַליעניש ווי יעצט שפּאַניש.

וועל, ס׳איז נאָך, הערט איר, אַ שטיקל גליק וואָס איך בין נישט קיין קריטיקער, דערפאַר ווען איך פאַרשטיי עפּעס וואָס, איך פאַרשטיי נישט, האָב איך הנאה ווען איך פאַרשטיי עס, אָבער ווען איך זאָל, חס ושלום, זיין אַ קריטיקער, וואָלט איך דאָך שטענדיג אַלצדינג פאַר־

שטאַנען . . . פון טראַמבאַן ביז אַ גרינעם הערינג מיט פּלאַסטיקע . . . וואָלט איך היינט, וועגן בערטאַ זינגערמאַן, געשריבן גאָט ווייסט וואָס; און אפשר וואָלט גאָט אויך נישט געוואוסט וואָס, ווער קאָן וויסן . . .

דערפאַר זאָג איך פּשוט: טהענקיו, בערטאַ זינגערמאַן, איר האָט מיך געמאַכט צו פאַרשטיין שפּאַניש, מיט אייערע ריידעוודיקע ווייסע הענט און מיט אייער שפּיעלעוודיקן קול, אייערע צוויי קונסט אינסטרו־מענטן, וועלכע קאָנען אויספילן אַן אוונט און אָנפילן הערצער מיט פאַרגעניגן.

בקיצור, אָט איז שוין, ווי זאָגט מען ביי אונז, דער אוונט „צו ענדע״ און מיר, דער עולם הייסט עס, גייט אַהיים. ווייס איך ניט ווי עס פירט זיך אין שפּאַניען, נאָר ביי אונז פירט זיך, אַז מיר גייען ארויס פון אַ טעאטער, צי פון אַ קאָנצערט, גייען מיר נישט ארויס נאָר מיר שטופּן זיך אַרויס . . . דאַן בלייבן מיר שטיין אַביסל אין „לאָבי״ און אויף די „קאָרנערס״ און מיר רעדן — דאָס איז שוין אַזוי כסדר, אַ מין עפּילאָג אָדער נאָכווייעניש . . .

איז, בשעת קוועטשעניש, צוגעשטופּט געוואָרן צו מיר אַ דאַמע, אַ יידישע דאַמע, אַ אינטעליגענטע דאַמע, זי רעדט רוסיש און עוורי־טינג . . . מאַכט זי אַזוי צו מיר:

— ווי טאַזשע זדיעס?

דאָס מיינט צו זאָגן, שטויס איך מיר אָן, ווי קום איך עפּעס אַהער ווען זי איז דאָ? ענטפער איך איר, גאַנץ איידל, מיט אַ פראַגע: — וואו איז אייער מאַן?

און דערווייל זיינען מיר שוין ארויסגעשטופּט געוואָרן פון זאַל און „מיין״ דאַמע רעדט; זי רעדט רוסיש, ענגליש, יידיש, טאַטעריש, יו נאָ — געמיקסט . . .

רעדט זי, די דאַמע:

— יו נאָ, זאַמעטשאַטעלנע אוספיעך, אונזער גאַנצער אינטעלי־גענטער קרוזשאָק איז דאָ היינט געוועזן, בערטא האָט געמאַכט סאָם סוקסעס, אַי שוד סעי סאָ! פילט זיך נאָר נישט אינסאָלטעד, באָט אַי טעל יו, זי איז אַ טשאַסטליוויאַ זשענשטשינאַ וואָס זי ריסייטעד אויף ספּעניש און נישט אויף דזשואיש, איר האָט געזען, עס איז דאָך געוועזן אין פּובליקאַ אפילו סטאַרס פון די מואוויס, אַי שוד ליוו סאָ, איך האָב זיי געוואָטשד, נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן, עס איז דאָך אַ וועלט שפּראַך, ספּעניש, מאַי גאַד, איין קליינינקייט!

עס איז מיר דאָך געלונגען אריינדרינגען אין דעם שטראָם פון ווערטער מיט אַ פּשוט'ער פראַגע צו „מיין״ יידישער אינטעליגענטער דאַמע:

— איר פֿאַרשטייט „ספּעניש״?
— שטאָ זאַ וואָפּראָס? איין קליינינקייט, ספּעניש! אָט דאָס איז אַ לשון!
ס׳איז געוויס אַ גראָבקייט פֿון מיר, אָבער איך האָב די דאַמע געלאָזט גיין אַהיים אליין, כ׳האָב זי נישט באַגלייט . . . און נאָך אַצינד ווען איך דערמאָן זיך ווי זי האָט מיר אַרויסגעטרובעט די ווערטער: „איין קליינינקייט, ספּעניש! אָט דאָס איז אַ לשון!״ איז כאָטש איך ווייס אַביסל וויפיל זי ווייסט פֿון „ספּעניש״, פֿונדעסטוועגן בין איך איר מוחל, ווייל זי האָט געהערט בערטאַ זינגערמאַן׳ס שפּאַנישע רעציטאַציעס און ווען בערטאַ זינגערמאַן שפּילט אין שפּאַניש, קאָן עס אפילו אַ יידישע אינטעליגענטע דאַמע פֿאַרשטיין . . .
אָט דאָס איז אַ לשון!

4/17/34

דער נישט געקושטער קוש

(אַזאַ מין טעאַטער פּעליעטאָן — מיין ליבן יהואש׳ן להכעיס מחמת ער האָט מיך דערפּרייט מיט זיין ליד: „דאָס נישט געזונגענע ליד״)

מיין פּראָפעסיע — אַן אַקטיאָר, נישט פאַר אייך געדאַכט — צווינגט מיך אָפּט צו לערנען דאָס לעבעדיגע לעבן (אַ חוץ: טויטע ראָלן . . .) און דערפאַר ערלויב איך מיר צו זאָגן: אַ שאָד וואָס דאָס לעבן געהט קיין מאָל נישט אין טעאַטער אריין, אַ שאָד כ׳לעבן, ווייל אין טעאַטער וואָלט זיך ס׳לעבן געלערנט ווי צו לעבן . . .
דאָס לעבן איז נאַריש, ווילד, אומגעלומפּערט, אָהן אַ סדר, אָהן טעכניק הייסט עס; אָט גלאַט סע לעבט און גענוג; פאַרפּאַסט פון אַ ניט געניטן פאַרפאַסער . . . אָבער טעאַטער? הע־הע! טעאַטער, כ׳מיין פאַרשטעהעט זיך, די שפּילעכצן וואָס מען שפּילט אין טעאַטער, אָ, אָט די דאָזיגע שפּילעכצן ווערן פאַרפאַסט מיט אלע גוטע זאכן און, איבער־הויפּט, מיט חכמה און מיט טעכניק.
נעהמען מיר, צו ביישפּיל, אַ קוש — נו, וואָס קוקט איר מיך אָן? איר האָט פיינט אַ קוש? גוטע מענטשן, וואָס איז מיט אייך? אַ קוש איז דאָך דער טויער צום גן עדן — און אפשר, דער גן עדן אליין! . . .
יאָ, נו, ס׳פאַרשטייט זיך אז איך מיין נישט אַ קוש צו געבן אַ מיאוס׳ן שנאָרער (מעג ער אפילו זיין אַ מעמבער אין „די שנאָרער גרופּע״) איך מיין אַ קוש צו געבן אַ שעהן מיידל, אָט דאָס מיין איך — האַ, איר שמייכלט שוין? נו, איז אפילו אַ קוש אויך אנדערש אין

טעאַטער ווי אין לעבן; אין טעאַטער איז דאָס אויסגערעכנט, מיט אַ סדר, מיט טעכניק . . .

און דאָס געפעלט מיר.

מיר געפעלט דער טעאַטער־קוש, וואָס ווערט געקושט מיט טעכניק, מיר געפעלט די טעאַטער־ליבע וואָס ווערט געליבט מיט גאַלע טעכניק. אין אַ קאָמעדיע און אין אַ טראַגעדיע מוז זיין דער נישט געקושטער קוש . . . ס׳איז גוט אַזוי, כלעבן. אומעטום, סיי אין אַ דראַמע, סיי אין אַ קאָמעדיע און סיי אין אַ טראַגעדיע מוז זיין דער נישט געקושטער קוש; נישקשה, איר מעגט זיך פאַרלאָזן אַז אַזוי דאַרף עס זיין, ווייל ס׳קומט נישט פון׳ם נאַרישן לעבן אַזוי, ס׳קומט פון׳ם טעאַטער מיינע ליבע; פון טעאַטער וואָס אָטעמט מיט טעכניק . . .

למשל — נו, וואָס, כ׳קען אייך ברענגען טויזנטער למשל׳ס, נאָר כ׳האָב קיין צייט נישט, כ׳דאַרף גיין צו אַ לויה פון אַ קאָמעדיע, זי האָט ביי אונז אין טעאַטער געהאַט אַ גיכן טויט נעבאַך . . . דערפאַר וועל איך עס מאַכן בקיצור, מיט אַ ניין הונדערט און אַכט־און־ניינציג למשל׳ס ווייניקער פון טויזנט, אַלזאָ — למשל איך בין אין לעבן רייך, אָדער פאַרמעגליך און האָב אַ שעהנע דיענסט ביי מיר אין שטוב (נאָר למשל, פאַרשטעהט זיך . . .) און דאָס לעבן כאַפּט מיך אָן זאַבאַרקע, פאַר׳ן קאַלנער הייסט עס און הייסט מיר אַ קוש געבן דער שיינער דיענסט מיינער, וואָס זשע מיינט איר טו איך אין אַזאַ פאַל? פונקט דאָס אייגענע וואָס איר טוט אין אַזאַ פאַל; איך נעהם אַרום מיין שעהנע דיענסט מיטביידע הענד און גיב איר אַ קוש; דאַן איז איינס פון די אַלע זאַכן, אָדער זי גיט מיר צוריק אַ קוש, אָדער גאָר אַ פּאַטש, אָדער זי פּאַקט זיך איין און לאָזט מיך איבער צו׳ן אַלדע שוואַרץ יאָר און איך בלייב אָן אַ דיענסט.

אַזוי איז אין לעבן, איאָ?

אָבער ניט אַזוי איז אין טעאַטער, אָ, ניין! אין טעאַטער מוז דער קוש זיין מיט טעכניק און אָט די דאָזיגע טעכניק לאָזט ניט קושן גלאַט אַזוי, פליין, פשוט, אָ, ניין! די דאָזיגע טעכניק גיט אַ פּינטל מיט אַן אויג, אַ וואָרף מיט דער טשאַפּרינע און פון קוש ווערט באַלד: דער נישט געקושטער קוש . . .

ווי אַזוי? אָט אַזוי: פונקט ווי איך נעהם אַרום די שעהנע דיענסט און וויל איר געבן אַ קוש, מיינע ליפּן זיינען שוין אָנגעסטרויעט, איר פּנים איז שוין גאַנץ נאָענט צו זיי, צו מיינע אָנגעסטרויעטע ליפּן הייסט עס, און אָט־אָט קומט דער קוש, איז פונקט אין אָט דער סעקונדע — קומט גאָר אָן מיין ווייב פון יוראָפּ (זי איז ביז דעם מאָמענט דאָרט געווען אויף אַ לוסט־רייזע . . .) אָדער ס׳קומט אָן מיין שוועגערן פון

קאָלאָראדאָ, אָדער ס׳קומט אָן דער לענדלאָרד נאָך רענט פונקט אין דעם מאָמענט, אָדער ס׳קומט אָן דער קאָמיקער — עפּעס אַן אומגליק קומט שוין אָן פּונקט אין צייט — און דער קוש בלייבט היינגען אויפ׳ן שפּיץ צונג, עס קומט ארויס: דער נישט געקושטער קוש . . .

אמאָל איז דאָס אזוי אין דער דראמא, אנ׳אנדערש מאָל אין דער קאָמעדיע און ווידער אַן אנדערש מאָל אין דער טראגעדיע, אָבער אלע מאָל איז דאָס עפּעס אזוי . . .

איך בין אמאָל געווען א בחור, נישט אין טעאטער נאָר אין לעבן, האָב איך געוואוינט ביי יענעם נישט ביי זיך, דאָס הייסט איך בין געווען אַ באָרדער ווי אלע אַנדערע באָרדערס אין לעבן . . . מיין מיסעס איז געווען א גראָבע צעיורענע יידינע מיט א בראָדעווקע אויף דער אויבער־שטער ליפּ, האָב איך זי פיינט געהאט אָט די בראָדעווקע מיט דער גראָ־בער צעיורענער יידינע און איך האָב איר קיינמאָל נישט א קוש געטאָן, איר מעגט מיר גלויבן. די דאָזיגע יידינע האָט געהאט א טעכטעריל, א שעהן מיידל, מיט זיסע חן־גריבעלעך, נאָר צום באגראָבן זיך אין זיי. האָט אָבער דאָס טעכטערל געהאט שוין א חתן, א וואוילן בחור און זיי האָבן זיך ביידע ליב געהאט. איך האָב דאָרט געוואוינט א שטיק צייט, כ׳בין מיט׳ן מיידל געווען היימיש און גאנץ פריינדליך, האָב איך איר אמאָל א קוש געגעבן און זי מיר אויך אזוי און, איך שווער אייך, אז איך בין נישט געוואָרן קיין „אינטריגאנט" און דאָס מיידל האָט חתונה געהאט מיט איר חתן און איך, שפּעטער, האָב חתונה געהאט מיט מיין כלה, וואָס איז איצט מיין ווייב.

וואָס זשע איז דאָס אזעלכעס? גאָר נישט! און ווייסט איר פאַר וואָס דאָס איז גאָר נישט? ווייל ס׳איז אין לעבן אזוי, אָבער — נישט אזוי איז עס אין טעאטער, אָ, ניין!

אין טעאטער איז דאָס אָט אזוי: איך בין טאַקע דער „באָרדער" און די גראָבע „מיסעס" מיינע האָט טאַקע א שעהן מיידל וואָס האָט טאַקע דעם וואוילן חתן און איך וויל טאַקע אַ קוש געבן דער מיידל, איז אָט־אָט קומט שוין דער קוש — פּונקט אין דער סעקונדע קומט אָן דער וואוילער חתן (ביז איצט איז ער דוקא געווען אין שיקאגאָ . . .) כאַפּט ארויס זיין רעוואָלווער, פּיף־פּאַף־טראַך, איך פאַל טויט אלס אינטריגאַנט, זי, דאָס מיידל, איז גערעטעט אויף אייביג פון שאנדע און מיין קוש וואָס איך האָב איר שיער געגעבן בלייבט אויף אייביג דער נישט געקושטער קוש . . .

און דערפאַר געפעלט עס מיר, אזוי פארשטעה איך דארף עס זיין, ווי אזוי קען עס דען זיין אנדערש? אזוי ווי דאמאָלס, אין לעבן, ווען איך בין געווען אַ באָרדער, אזוי פליין אָהן דראמא און אָהן טראגעדיע? —

עך, נאַנסעס . . . אין לעבן איז אפשר גוט אַ פליינער קוש, ווייל דאָס לעבן האָט נישט קיין באקס־אָפיס, האָט נישט קיין שכל און האָט נישט קיין טעכניק . . . אָבער טעאַטער?!

אך, מיינע ליבע, טעאַטער איז אנדערש ווי דאָס לעבן, גאָר אנדערש און דערפאַר שפּילט אָפּט דער „נישט" אַזאַ גרויסע ראָלע . . .

אַקוראַט ווי: דער נישט געקושטער קוש . . .

3/3/22

„ז אַ נ ע - ד אַ נ ע - מ אַ נ ע"

(אַ טרויעריגער שפּאַס)

— ניין, איר האָט נישט געטראָפן! „זאַנע־דאַנע־מאַנע" איז נישט טערקיש און נישט טאַטעריש און נישט עפּעס אַנדערש, ס'איז דוקא — יידיש! איר קאָנט דאָס הערן אין יעדן יידישן טעאַטער (וואו מעהר און וואו — נאָך מעהר!), גערעדט און געזאָגט פון אַקטיאָרן וואָס רעדן און זאָגן דוקא יידיש.

אַזאַ לשון איז עס שוין אונזער יידיש, יאָ; איינפאַך, פּשוט און „פליין" . .

אַ גרינג לשון . . .

זיי, די גוים, מיין איך, האָבן קיין שכל ניט, ברעכן זיי זיך די מוחות און מאַכן כללים, געזעצן הייסט עס, וועגן זייער לשון; זיי ווילן האָבן, אַז מען זאָל דוקא זאָגן „שאַט אַפּ" און נישט „שאַראַפּ" . . . צי למשל „דאָנטשענאָו" איז ביי זיי, ביי די גוים, הייסט עס, אַ גאַסן־שפּראַך און נישט קיין ביהנע־שפּראַך. אויף דער ביהנע מוזן נעבאך זייערע אַקטיאָרן זאָגן „דאָנט יו נאָו" און נישט „דאָנטשענאָו" — נאַ־ראָנים. ביי אונז, זעט איר, ביי אונז יידן, מיין איך, איז פיל בעסער, ביי אונז אין טעאַטער זאָגן די אַקטיאָרן אויף דער ביהנע „שאַראַפּ" און „דאָנטשענאָו", אָט פּונקט ווי אויפ'ן גאַס . . .

וואָרום טאַקע, וואָס איז דער אונטערשיד ביי אונז: ביהנע־שפּראַך, גאַסן־שפּראַך, ס'איז — יידיש, אונזער יידיש און, ס'איז קיינעם'ס עסק ניט! . . .

דערפאַר זאָג איך: ניין, איר האָט ניט געטראָפן! „זאַנע־דאַנע־מאַנע" איז נישט טערקיש, נישט טאַטעריש און נישט עפּעס אַנדערש, ס'איז — יידיש! . . . דער טייטש דערפון איז: זיינע־דיינע־מיינע!

זעט איר שוין?!

נו, אַצינד הערט זשע זיך צו, נאָר אַזוי, מיט קאָפּ, וועל איך אייך ווייזן מוסטערן, „סעמפּלס" הייסט עס, ווי אַזוי מען רעדט ביי אונז אונזער יידיש לשון אויף אונזער ביהנע.

די באָבע זאָגט: „מערטשעם באַכטאַג עט מען אויסקאַלכ׳ן די שטוב עט ווערן אַביסל וואסער״. מיינט איר דאָך אז זי, די באָבע, רעדט אַזוי יידיש? חס ושלום! די באָבע רעדט דוקא גוט, נאָר די אַקטריסע, וואָס שפּילט אלס די באָבע, רעדט עס אַזוי חן׳עודיג יידיש . . . זי, די אַקטרי־סע, מאַכט עס פון איבער־אַכט־טאָג — „באַכטאַג״, פון וועט — „עט״, פון אם ירצה השם — „מערטשעם״, און פון וויסער — „וואסער״! איר פארשטעהט, אַז מען וועט אויסקאַלכן די שטוב וועט ווערן אַביסל „וואסער״! טאָ צו וואָס האָט משה רבינו טאַקע געדאַרפט שלאָגן דעם שטיין צו קריגן אַביסל וואסער, ער האָט דאָך געקענט אים אָפּקאַ־לאכן . . . (אנמערקונג פון ר׳ אליה׳ן: משה רבינו איז נישט געוועזן קיין „מאַישע״, ער איז קיינמאָל נישט געוועזן אין יידישן טעאטער).

אָדער, למשל, אָט אַזאַ מין זאַג, טאַקע פונ׳ם סאַמע העלד אליין: „יאָ, יאָ, הערר ריכטער, אָט די פראַהו איזט מאַן!״ מיינט איר דאָך אודאי, אַז דער העלד וויל זיך גט׳ן מיט דער „פרוי״, ווייל זי איז גאָר „מאַן״? האָט איר טאַקע ווידער נישט געטראָפן . . . דער העלד וויל זיך גאָר נישט גט׳ן מיט דער פרוי, פאַרקעהרט, דאָס זאָגט ער גאָר דעם „הערר ריכטער״, אַז ער וויל די פרוי זאָל באַפרייט ווערן, ווייל זי איז זיין פרוי! אָבער דער „העלד״ נעבאַך איז דאָך ביים אַקטיאָר אין גלות און דאָס איז דער אַקטיאָר וואָס זאָגט „מאַן״ אַנשטאָט מיין. איר פאַר־שטעהט, דערפאַר קומט ארויס פון „די פרוי איז מיין״, אז די „פראַהו״ איז „מאַן״ . . .

און דער „הערר ריכטער״ ווייסט אָפט נישט וואָס צו טאָן, ענט־פערט ער: „בלאַבט עס פאַטער אזוי״, וואָס דאָס מיינט, ווען מען פאַר־טייטשט עס: בלייבט עס ווייטער אַזוי! . . .

אָט איז נאָך אַ „קלייניגקייט״, אַלס ביישפיל: אויף דער בינע שטעהן פיער שוישפּילער, וואָס שטעלן פאָר אַ פאַמיליע: אַ טאַטע, מאַמע, א זוהן און א טאָכטער. אלע פיער אַמפערן זיך איבער דער פראַגע: וואו וואוינט דער פעטער שלום?

זאָגט דער טאַטע: „שלום וואוינט אין קאַנעל סטריט״.
זאָגט די מאַמע: „שלום וואָהנט ניט אין קאַנאַל סטריט״.
זאָגט דער זוהן: „שוהלם וואַינט ניט אין קינעל סטריט״.
זאָגט די טאָכטער: ״שאַלעם וועהנט יע אין קאַניעל סטריט״.

און דאָס איז א פאמיליע; אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ זוהן און אַ טאָכ־טער. און קומען, לויט די דראמא זאָגט, אַלע פון איין שטעטל. איר פארשטעהט? נאָר דאָס איז אַ קלייניגקייט, וואָס כ׳האָב זיך גראד דער־

מאַנט אָט פּונקט אַצינדערטאָ, האָב איך עס דערצעהלט, כדי ניט צו פאַרגעסן אין דעם. אָבער דער עיקר איז מיר דער לשון פון „זאַגע־דאַנע־מאַנע״, אָט די פּתח׳ען, וואָס ארבייטן „אָווערטיים״ אויף אונזער ביהנע, אָט־אָ די „אויסשפּראַכע״: „בלאַב וואַטער באַ מאַן פּראַנט׳ס וואַב, דו פאַנער מענש, די צאַט שאַנט מיר, איז מאַנע, גאַר אין געכן וועט אויפגעהן מאַן לעכט און זיי זעכער אַז כ׳על דיר שראַבן״ — יאָ, אָט דער דאָזיגער לשון איז מיר דער עיקר, אָט דער לשון וואָס מען רופט — יידיש . . .

געוויס, איך פאַרשטעה, אודאי! זיי, די נארישע גוים מיין איך, רעדן אויף דער בינע ריין גויש, דערפאַר ווייל זיי זיינען אלע גוים, און מיר יידן זיינען: רוסישע יידן, גאַליציאַנער יידן, רומענישע יידן, ליטווישע יידן, דייטשע יידן, און אַלערליי יידן, נאָר נישט קיין יידישע יידן; יאָ, געוויס, איך פאַרשטעה, אודאי — נאָר וואָס איז נעבאך אונזער ביהנע שולדיג?

פּאַרט: די ביהנע איז דאָך נישט די גאַס! . . .

אַדרבא, זאָגט! געפעלט עס אייך טאַקע אַזוי שטאַרק, אַז עס זאָל בלייבן ווייטער —

„זאַגע־דאַנע־מאַנע״?

1/21/22

פעליעטאָנען

מיינע טשיקנס

(אַ יום כפורדיקער פעליעטאָן וואָס טויג אויף — כפרות . . .)

נו־נו, האָצאָך עס אַביסל אָפּגעטאָן מיט מיינע טשיקענס! איך האָב זיי נאָך ניט געהאַט, די טשיקענס מיינע, הייסט עס, איך האָב זיך נאָר, צונאָלדיגוטעיאָר, ארויסגערעדט אַז כ׳האָב בדעה, מייבי־אפשר אַ פאַרם, אַ טשיקענפאַרם — נו־נו! כמעט אַלע מיינע פריינט האָבן מיך באַשאָטן מיט „עדווייזעס״:

— טשיקענס? גיי שוין גיי, ס׳אי־ניש׳פאַר דיר. דאָס אידאָך ארבעט, קאָמענע ארבעט, ווי קומסטו דערצו?

— אַ טשיקענפאַרם? ווייסאַכוואָס ביזט קלאָר משוגע. דו וועסט אַוועק אַפּאַפּאַרם? נו און די יידישע קולטור און די יידישע ליטעראַ־טור און טאָקע ס׳גאַנצע יידישע פאָלק? ווער עסטצאָך דאָך נישט נעמען און פון אָטאָ די אַלע פיינע זאַכן זיך פּלוצים אַוועקרייסן!

— סעי ליסן, דו ווייסט אַז מיר האַלטן דיך פאַר אַ יידישן אַר־טיסט? טאָ ווי קומט אַנאַרטיסט צו אַזאַ ביליקע זאַך ווי פּרנסה . . . אַנאַרטיסט, און נאָך דערצו אַ פאָלקסמענטש, דאַרף שטאַרבן באַם לעבן כדי צו לעבן נאָכן טויט, דאַצאָל!

— הערזשעזאַכאיין, סאַ רחמנות בנאָמנות, יו נאָ, וואַטאַימין. בע־קאָס טשיקענס אין גוט פאַר טשיקענלייט, יו נאָ וואַטאַימין. אָבער דו ביזטאָך עפּעס דו, יו נאָ וואַטאַימין, אַ יידישער קינסטלער ביזטאָך, נו וועסטצאָך גיין זאַנימאַיען מיט טשיקנס, וועסטצאָך? איז הערזשע־זאַכאיין, מיר ווייסן דאָך אַז דו ביזט אַ טשודנער אינדיווידיום, יו נאָ וואַטאַימין, איז וועסטצאָך שוין מסתמא דוקא ווערן אַ טשיקנפאַרמער, טאָ זע זשע אַז סע זאָל ביי דיר שטענדיג זיין רעדי אַ טשיקענדינער און גרייט טאָקע צו אַ ליטעראַריש קאָנצערטל, יו נאָ וואַטאַימין, וועלן מיר ארויסקומען אַמאָל אויף אַ וויק־ענד, ס׳עטשוין זיין פּרנסה אַרייט, יו נאָ וואַטאַימין . . .

הקיצור, איר פאַרשטייט דאָך אליין אַז דאָס איז בלויז אַ מיליאָנט חלק פון די עצות מיט די „עדווייזעס״ וואָס מען האָט אין מיר — ארויסגעוואָרפן . . . מחמת, ווי איר זעט, איך בין „דוקא״ געוואָרן אַ טשיקענפאַרמער און איך „זאַנימאַיע״ זיך מיט טשיקענס און בלויז מיט טשיקענס און — אָן אַ „ליטעראַריש קאָנצערטל״ . . . און אפשר מיינט איר אַז מיר איז דאָ, חס ושלום, אומעטיק מיט מיינע טשיקענס,

זאָג איך אייך: דאַנטשעבעליוועט! איך האָב אין מיינע טשיקענס אַלץ־דינג, איר הערט, אונדזער „גאַנצענעם לעבן״ . . . אין מיינע טשיקענס האָב איך: טשאַריטי־ליידיס, מיטינגען, קולטור־טוער, כבוד־זוכער, אינטעליגענטן, האַרעפּאַשניקעס, קרייזלעך און קלייזלעך, „קלאַל״־טוער און „פּראַט״־טוער, אַקזילעריס און גלאַט־„גאַבעטעס״, קולטורישע גרופּן און צעלאָכעס־גרופּן, אויבענאָן־זיצער, פּאַרזיצער און גלאַט־זיצער, ספּיקערס, רעדנערס און לעקטאָרס, דראַמאַטישע־„יעכידים״ און קאָמישע־קאָלעקטיוון, היינט פּאַרטייען — טאַטע פאָטער אין הימעל! אין די פּאָר טויזענט מיינע טשיקענס זיינען דאָך פאַראַן אַ מיליאָן פּאַרטייען! מיינע טשיקענס זיינען דאָך, קען מען זאָגן, אַ צווייטער פּראָנט פון אונדזער יידישער גאַס . . .

טאַטיר, צום ביישפּיל, דער קוואָקע־כאַר; איר דאַרפט וויסן אַז ווען אַ טשיקן הויבט אָן „קוואָקען״ הערט זי אויף צו לייגן אייער . . . און ווען עטליכע טשיקענס נעמען קוואָקען ווערט עס אַ כאָר, הייסט עס אַ קוואָקע־כאָר. אָבער סע געדויערט נישט לאַנג און ס׳נעמען פליהען פעדערן, דער קוואָקע־כאָר נעמט טשיבען, רייסן, פליקן און טאַקע ביז בלוט, מחמת יעדע טשיקן וויל אַז די אַנדערע זאָלן קוואָקען נאָך איר „אידעאָלאָגיע״ אין איר „ליניע״ הייסט עס, און באַלד קוואָקעט זיך יעדע טשיקן באַזונדער און שרייט צו די אַנדערע טשיקנס: „קומץ, שוועסטער, לאָמיר זיך פאַראייניגן, קומץ אַריין אין מ׳ין קוואָקע־כאָר . . . ״

מיינע טשיקנס, ווי אַלע טשיקנס, האָבן פליגלען און דערפאַר באַלאַנגן זיי, הייסט עס, צו דער געפליגעלטער משפחה. שטופּן זיי זיך צונויף אין קופּקעלעך, זיינען זיי, הייסט עס, צוזאַמען באַזונדער . . . אָבער ווען זיי זעהען ווי פויגעלעך פליהען אין דער לופטן, ווילן זיי אויך פליהן, וואָהאי נאָט? פליגל האָבן זיי דאָך „דזשאָסט״ ווי יענע, טענה׳ן זיי, און אינטעליגענטיש זיינען זיי דאָך אויך, „דזשאָסט״ ווי יענע, מיינען זיי — נו, טוען זיי אַ פּאָכע מיט די פליגל און אַ שפּרונג־אונטער און שוין, מחמת פליהען — פליהען פויגעלעך אָבער נישט קיין טשיקנס . . .

אָטאָדאָ נישט לאַנג צוריק האָט אַ „גרופּע״ פון מיינע טשיקנס צוגעשיקט מיט פּול־פּאַוער, אַ קאָמיטעט צו מיין הונט מיט אַן אָפּיציעלער איינלאַדעניש אַז ער, דער הונט הייסט עס, זאָל ווערן אַ מיטגליד אין זייער פּאַרבאַנד. מיין הונט ווייסט אַז מען רופט אים „מיידזשאָר״, דאָס איז זיין אמת׳ער נאָמען, אָבער זיין אמת׳ן קאָליר איז שווער צו באַשטימען מחמת ער איז אַביסל רויטליך, אַביסל געלבליך

און אַביסל פּאָפּעליאַטע; אויך איז ער אַביסל מער „מאַנגרעל" און אַביסל וויינ־גער„ טהאָראָבערד", אָבער ער איז האַלב פריינטליך און גאַנץ נאָבעל. ער האָט צום קאָמיטעט זייער העפליך אָפּגעהאַווקעט זיין ענטפער:

— חשוב'ע חבר'טעס, עס איז זייער נאָבעל פון אייך צו פאַר־לאַנגען מיך אַלס אייערן אַ מעמבער. זעלבסטפאַרשטענדליך בין איך, ווי איר ווייסט, נישט קיין „טשיקן", דאָך בין איך באַרייט צו טאָן אייך דעם כבוד און אַקצעפּטירן אייער פאַרלאַנג, אָבער — איר מוזט אָר־גאַניזירן אין אייער פאַרבאַנד אַ נאָבעלן „ברענטש" אויף מיין חשוב'ען נאָמען.

דער קאָמיטעט האָט נאָך נישט געענטפערט.

און אָט, צום ביישפּיל, נעמט מיין טשיקן, וואָס מען רופט זי מיסעס קנאָבל־קראַנץ: אַ טשיקן, קיין עין הרע, אַ ברייטלאַכע, אַ פעטלאַכע מיט אַ מאָגער־קליין קעפּל און מיט אַ שמאַלציק־גרויסן הינטן, מען מעג זאָגן אַ „אינטעלעקטועלע" טשיקן, יאָ, נעמט אָטאָ־דידאָזיגע טשיקן און, דזשאָסט פאַר פאַן, זעט וואָס זי טוט אַלץ פאַר'ן טשיק'ן־פּאָלק: זי לייגט דאָך ממש איין אַ וועלט, זי שפּרינגט אַרום צווישן מיינע טשיקנס, קראַקט צענויף דאָ צוויי, דאָרט דריי און אַפילו איינע איז אויך גענוג, אַבי זי „אָרגעניידז זיי" אין אָקזילעריס כדי זי זאָל אומעטום זיין די פּרעזידענטשיכע . . . זי איז ביזי, זי האָצקעט זיך אריין אין פרעמדע נעסטן, כאַפּט אַ קוק אויב ס'ליגט דאָרט אַן איי און קאָקאָטשעט אַז דאָס איי האָט געלייגט „איר" אָקזילערי . . . און ווען זי אליין, מיט איר שמאַלציקע בכבודיגקייט, לייגט אַמאָל אַן איי, מאַכט זי אַזעלכענע קולות, אַז די גאַנצענע וועלט זאָל וויסן דער־פון און כאָטש דאָס איי וואָס זי האָט געלייגט איז העכסטענס ווערט אַ ניקל, אָבער זי מיט איר געפילדער שרייט זיך אויס „פּובליסיטי" פאַר צוויי טולער מיט אַ קוואָדער און טאַקע דערפאַר רופט מען אָטאָ די איינע פון מיינע טשיקנס — מיסעס קנאָבל־קראַנץ . . .

היינט די אַלערליי „פּאַרנאַכטן" וואָס מיינע טשיקנס מאַכן דאָ — „ליטעראַרישע פעסטיוועלס", „דראַמאַטישע ראַליס", „קולטורישע־ ליאַ־מעס" און „רוסטער־קאַרניוואַלן" און נאָך און נאָך אַזעלכע נעמען וואָס קלינגען ווי קלויסטער־גלאָקן . . . טו איך, אַנומעלטן, אַזוי אַ פרעג איינע פון מיינע טשיקנס: זאָגט מיר, כ'בעט אייך, וואָס באַדייטן די אַלע צונעמענישן פון אייערע „פּאַרנאַכטן" וואָס איר מאַכט צום ענ־דזשאָיען זיך? כ'מיין אָטאָ די „קאַרניוועלס", „פעסטיוועלס", „ראַליס" און „ליאַמעס"? ענטפערט מיר אויף איר לשון, מיין טשיקן הייסט עס:

„חבר פאַרמער, וואָס אַזוינס אָטאָ די אַלע, ווי דו זאָגסט, צונע־

מענישן באַדייטן דאָס ווייסן מיר טאַקע נישט, אָבער מען דאַרף דאָך עפּעס טאָן אויף דער עלטער״ . . . און זי האָט גענומען קוקן צו אַ גרופּע יונגערע פון מיינע טשיקנס, זיך געלאָזן גיין צו זיי און בשעת מעשה צוגעזונגען אַן אַלט סוברעטין־לידל:

אוי־אוי־אוי טשיקן,
דאָס וועט אייך דערקוויקן —
אַ פּאָלקע, אַ פליגל, אַ שטיקל ביילִיק,
ס׳איז געשמאַק אַ יעדער חלק —
טשיקן, אוי־אוי־אוי טשיקן . . .

איז דערימעך טאַקע, טאָמער מיינט איר אַז מיר איז דאָ, חס ושלום, אומעטיק מיט מיינע טשיקנס, זאָג איך אייך — דאַנטשעבעליוועט!

10/8/43

„ס׳פּיסקעלע״

(הומאָרעסקע)

די שכנים רופן זי: „ס׳פּיסקעלע״. און אַ חוץ דעם גראָסערי־מאַן, בוטשער, קוילן־מאַן מיטן לענדלאָרד, ווייסט קיינער נישט אַז איר אמת׳ער נאָמען איז נישט „ס׳פּיסקעלע״, ווי מען רופט זי, נאָר: מיסעס עדעלשטיין.

מיסעס עדעלשטיין וואוינט שוין גאַנץ לאַנג אין „בלאָק״ און אַלע קענען זי, דאַרום האַלטן זיך אַלע פון איר „פון וויטן״. זי האָט אַ געפּערלעך מויל, ס׳איז נישט קיין מויל, נאָר אַ „מיילעכל״. זי קען אייך געבן אַ צוואָג אָפּ ווי מיט אַ פּאַמויניצע, זאָגן די טענערקעס; זי האָט אוודאי געמוזט זיין אין דער היים אַ סעדיכע אויפן מאַרק, זאָגן די ווייבער, און היטן זיך פון איר ווי פון אַ פייער אינדזשען . . .

דעם נאָמען „ס׳פּיסקעלע״ האָט זי געקראָגן פון אַ טענערקע אַמאָל, בשעת זי האָט געענדיקט קריגן זיך מיט איר. „אַ מיילכל ווי אויף שרייפלעך, אַ פּיסקעלע, שוין איינמאָל אַ פּיסקעלע!״ — האָט געזאָגט דאַן די טענערקע און פון דעמאָלט אָן איז די מיסעס עדעל־שטיין געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „פּיסקעלע״ און ווען זי גייט דורך אין בלאָק, שושקען זיך די ווייבער און טייטלען אויף איר מיט שפּיזיקע בליקן: „ס׳פּיסקעלע גייט שוין״.

פון אָנפאַנג אָן האָט עס דער מיסעס עדעלשטיין זייער געקרענקט, וואָס אַלע טענערקעס זיינען מיט איר ברוגז. נישט דערפאַר וואָס זי דאַרף צו עמיצן פון זיי חלילה אָנקומען, און אויך נישט דערפאַר וואָס מען האַלט זי פאַר אַ מרשעת. נייך, דאָס נישט, זי האָט „זיי אין דר׳ערד״. נאָר וואָס זשע דען — דאָס וואָס זי האָט ניט פאַר וועמען צו באַרעדן

עמיצן אַנדערש — אַט דאָס האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן, טאַקע ממש געקרענקט. נאָר, ווי זאָגט מען, ס'איז דאָך עפּעס אַמעריקע, דאָ „מופט" מען דאָך אַרום יעדן מיטוואָך און דאָנערשטיק, פלעגט די מיסעס עדעלשטיין קעטשן נייע קאַסטאָמערס, די נייע טענערקעס וואָס פלעגן אַריינמופן אין בלאָק. און ביז וואַנען זי האָט זיך ניט צעקריגט מיט זיי, האָט זי דערווייל געהאַט פאַר וועמען זיך צו באַרימען און מיט וועמען צו באַרעדן אַלעמען.

מאַכט זיך אָבער אַן אומגליק, אַ רעגעלער אומגליק: ווען מיסעס עדעלשטיין האָט שוין געהאַט צעקריגט זיך מיט אַלע טענערקעס און איר איז ניט געבליבן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן, פּונקט אין אַזאַ צייט, ווען אַ נייע טענערקע אין בלאָק וואָלט געווען פאַר מיסעס עדעלשטיין, ווי אַ מלאך פון הימל געשיקט, גראָדע אין אַזאַ צייט — טאַקע נאָר ווי אויף צעפּיקעניש — מופט קיינער נישט אַרויס און דער בלאָק איז פאַרנומען מיט אַלע אירע שונאים, די אַלטע טענערקעס...

און קיינע פון די טענערקעס רעדט נישט צום „פּיסקעלע".

מילא, זי קערט נישט, זי „האָט זיי אין דר'ערד". נאָר גראָדע איצט, ווי אויף צו להכעיס, האָט מיסעס עדעלשטיין צו דערציילן פאַרן בלאָק זייער אַ סך „נייעס", אַלע ווייבער וואָלטן „צעפּערעט" געוואָרן: זי מאַכט זיך אַ נייע דרעס; איר קאָזין דער עקטער האָט גע־קויפט אַן אויטאָמאָביל פאַר זיין צעקראַכענער ווייב; איר מאַן דענקט צו סטאָפּן „פּעדלען" מיט די „פּענעגעס" און זיך קויפן אַ ביזנעס, אַ קענדי סטאָר, דענקט ער; די טאָכטער פון מיסעס שטיינבערג, וואָס האָט מיט צוויי חדשים צוריק אַרויסגעמופט פון טאָפּ פלאָר, די בלאָנדע טשערעפּאַכע, איז אַנטלאָפן מיטן טאַליענער פון באַרבער שאָפּ, ס'מזל אויף איר מאַמען דער קאַשינירקע, ס'אַראַ פּנים ס'האָט . . . און נאָך און נאָך, אַלץ אַזעלכע וויכטיקע נייעסן האָט זי צו דערציילן און דאָ — נאַ דיר גאָר, האָט זי נישט מיט וועמען צו רעדן . . .

עס ווערט איר שלעכט, זי פילט אַז ס'איז שוין צופיל. די אַלע אָנגעזאַמלטע נייעסן מאַכן איר ענג אין האַרצן, זי מוז עס אָפּריידן אַביסל, דערציילן פאַר עמיצן, אַניט — די שעה זאָל גאָר נישט זיין — אַניט וועט איר פון גריזאָטע און פון „דיסאָדע" ס'האַרץ פּלאַצן חלילה . . . נאָר ווי אַזוי קען זי דאָס, אַז קיינער אין בלאָק רעדט נישט צו איר? און נישט נאָר איר „אייגענער" בלאָק, נאָר אויף עטלעכע בלאָק אַרום זיינען אַלע מיט איר אויף מעסער . . .

און „ס'פּיסקעלע" טראַכט און קלערט ווי אַזוי צו דערציילן אירע נייעס צו די טענערקעס, כאָטש זי רעדט ניט מיט קיינע פון זיי.

זי פּרובירט „אַריינצורעדן" אַביסל נייעס אינם קוילן־מאַן, וואָס איצט, אום זומער, ברענגט ער איר אייז, אפשר וועט דאָס זיין אַ ספּאָסאָב, אפשר „וועט עס פון אים אַרויסרעדן צו די „טענערקעס"...

אָבער זי באַקלערט זיך באַלד, אַז ס'אַ אַרויסגעוואָרפן די רייד צום תּם־עוואַטן קוילן־מאַן, עפּעס איז ער שטענדיק אַזאַ מין דערשלאָגענער לעקיש, ער מוז אוודאי האָבן געהירן פון קוילן און אַ האַרץ פון אייז, טראַכט זי. פע — זאָל ער גיין צום שווארץ יאָר, מען דאַרף אים אָפּזאָגן און נעמען אַן אַנדער קוילן־מאַן . . .

זי פּרובירט מאַכן דעם גראָסערי מאַן פּאַר אַ פאָנאָגראַף, אפשר וועט עס „אַ דורעם'ער" גרייכן צו די טענערקעס . . . אָבער דער גראָ־סערי מאַן איז עפּעס אַזאַ צעדרייט יידל, שטענדיק ביזי ווי אַ קאַ־קערוטש מיט אַרומלויפן איבערן סטאָר און טענדן די קאַשענירקעס, ס'איז פּשוט אוממעגלעך מיט אים אַ זייטיק וואָרט אויסצורעדן. סיידן נאָר בשעת ער מאַכט דעם חשבון; דעמאָלט שטייט ער צוגעקאָוועט צום קאָונטער און קוקט אין ביכעלע אַריין. האָט „ס'פּיסקעלע" אויס־געניצט דעם מאָמענט בשעת ער האָט זיך גענומען מאַכן דעם חשבון אירן און זי האָט גענומען אַריינרעדן אין אים אַ פּאָר שטיקלעך נייעס; איז דאָך עס אָבער אַ צעדרייט יידל, דער גראָסערי מאַן, האָט ער געמאַכט אַ מיסטייק אין חשבון און איר „איבערגעטשאַרדזשעט" זעקס סענט — נו, נו, מער האָט אים שוין, מאָלט אייך נישט געפעלט . . . „ס'פּיסקעלע" האָט אים באַלד געגעבן אַן „איבערטשאַרדזשען" איז אים פינסטער געוואָרן זיין וועלט . . . מען איז זיך צונויפגעלאָפן אויף זיין בייז וואונדער . . . דעם „אָרדער" האָט זי שוין ניט גענומען, זי האָט עס בעסער געוואָרפן דעם גראָסערי מאַן אין פּנים אַריין, מען האָט אַזש געמוזט רופן פּאָליסלייט, ווייל ס'איז געוואָרן אַזאַ ליאַרעם, אַז מען האָט געמיינט סע ברענט, האָט מען אַרויסגערופן די פייער־אינדזשענס, ס'האָט זיך געטאָן אַביסל . . . און פון דעמאָלט אָן קויפט זי נישט מער ביי יענעם גראָסערי מאַן. אויס! וואָרים איר האָט נישט געאַרט דאָס וואָס ער האָט איר „איבערגעטשאַרדזשעט", זאָגט זי, נאָר דאָס וואָס ער האָט געוואָלט מאַכן אויף איר אַ בלבול, אַז זי איז גאָר שולדיק, ווייל זי האָט אים געקלאַפּט אַ קאָפּ מיט רכילות, דערום האָט ער געמאַכט אַ מיסטייק, האָט ער געזאָגט, אָבער ער האָט נישט געמיינט ח"ו איבערטשאַרדזשען זעקס סענט; אַזאַ צעדולטער — ער איז נאָך גערעכט! . . .

און מיסעס עדעלשטיין איז געוואָרן פאַרצווייפלט פון דעם וואָס זי האָט נישט מיט וועמען צו רעדן. איר איז נאָר אויסגעקומען סיידן רעדן צו זיך אַליין, אָדער צום לאָמטערן אין גאַס, כדי די טענערקעס

זאָלן הערן וואָס זי האָט צו דערציילן . . . צום בוטשער אירן האָט זי נישט געקענט רעדן, ווייל ער איז מיט איר „קידער־ווידער", זינט מען האָט אים אָפּגעטראָגן, אַז זי האָט געזאָגט דאָס זיין פלייש איז מער טריף ווי כשר. זי ווייסט אַז ער וועט נישט וועלן געבן איר קיין „סאַטיספעקשן" און וועט קיינעם נישט דערציילן אירע נייעס, אפילו ווען ער זאָל איר שוין צוליב טאָן און אויסהערן. באשליסט זי: אים גאָר אינגאַנצן אָוועקוואַרפן . . . זי וועט באַדאי גיין אַכט בלאָק צו אַ נייעם בוטשער, וואָס איז נאָך מיט איר נישט צעקריגט, אָבי דעם יעצטיקן בוטשערוק אָוועקוואַרפן, זאָל ער וויסן . . .

אַזוי האָט „ס'פּיסקעלע" אַלעמען אַנגעלערנט, זיך געקילט איר האַרץ . . . אָבער וואָס אַ טאָג ווייטער, האָט זיך אַלץ מער נייעס ביי איר אָנגעזאַמלט און מיט וועמען צו רעדן האָט זי אַלץ נישט געהאַט, האָט זי באַשלאָסן צו מופן פון דעם חזירשן „נעיבור'ל" און פּטור.

זי האָט צוזאמענגעפּאַקט ס'בעטגעוואַנט, אפילו נישט געוואַרט אויף איר מאַן ביז ער'ט אַהיים קומען, און זי איז אַוועק נאָך אַן עקס־פּרעסמאַן. עס איז אָבער געווען צו הייס צו שלעפּן מיט זיך דעם בייבי קערידזש, האָט זי עס איבערגעלאָזט „דאַון סטעיז" און באַ־פוילן איר עלטערער טאָכטער גאָסי, אַ מיידל פון קנאַפּע דריי יאָר, צו שטיין לעבן קערידזש און „וואַטשן" די בייבי . . . נאָר די „עלטערע טאָכטער" אַליין האָט געדאַרפט אַז עמיצער זאָל זי „וואַטשן" און זי האָט גענומען נאָכלויפן דער מאַמען. האָט זיך די מאַמע צעשריען, געעפנט איר פּיסקעלע אויפן קינד: „קראַנק ביסטו צו וואַטשן די בייבי אַ פּאָר מינוט, איכ'ל באַלד קומען צוריק, איך גיי נאָך אַן עקס־פּרעסמאַן!" . . .

דאָ איז איר מיטאַמאָל איינגעפאַלן אַ ליכטיקער געדאַנק! זי וועט שוין לאָזן וויסן אַלע אירע נייעסן צום בלאָק, כאָטש זי רעדט נישט מיט קיינעם — און זי איז נישט געגאַנגען מער זוכן אַן עקספּרעס אויף צו מופן. זי איז אַרויף אין שטוב און צוריק אויסגעפּאַקט אַלע זאַכן, זי בלייבט דאָ . . .

פּאַרנאַכט, ווען אַלע טענערקעס זיינען געזעסן אויפן „סטופּ" און אויפן „סיידוואָק", האָט „ס'פּיסקעלע" אַרונטערגעשיקט אין סטריט איר עלטערע טאָכטער, די דריי־יאָריקע גאָסי און שפּעטער אַביסל געעפנט דאָס פענסטער פון איר „פּאַלע רום" און קולות האָבן זיך געטראָגן פון איר וואוינונג פון דריטן פלאָר, איבער דעם גאַנצן בלאָק:

— גאָסי, קום אַפּסטעז! — האָט געשריען „ס'פּיסקעלע" — גאָסי, כ'דאַרף גיין אָפּנעמען מיין נייע דרעס פון דרעסמייקער . . . גאָסי,

כ׳דאַרף נאָך איינקויפן אַביסל פּרוכט, באַלד וועט קומען מיין קאָזין דער עקטער מיט זיין אָטאָמאָביל, וואָס ער האָט געקויפט פאַר זיין צעקראַכענע ווייב . . . גאָסי, זאָלסט סייפן די פּעני, וואָרים דער טאַטע דענקט אָוועקצוואַרפן דאָס פעדלען מיט „פּענענעס״ און זיך קויפן אַ ביזנעס, אַ קענדי סטאָר, דענקט ער . . . גאָסי, זאָלסט נישט מיינען אַז איך בין די מיסעס שטיינבערג וואָס האָט מיט צוויי חדשים צוריק אַרויסגעמופט פון טאָפ פלאָר, איך וועל דיך נישט לאָזן אויפוואַקסן ווי איר טאָכטער, די בלאָנדע טשערעפּאַכע, וואָס איז אנטלאָפן מיטן טאַליענער פון באַרבער שאָפּ, ס׳מזל אויף איר מאַמען דער קאַשי־נירקע . . . גאָסי, קום אַפּסטעז, גאָסי! . . .

אַלע טענערקעס האָבן זיך איבערגעקוקט און טאַקע באַלד גע־נומען שושקען זיך וועגן די גוואַלדיקע נייעס פון „ס׳פּיסקעלע״ . . .

די מיסעס עדעלשטיין, „ס׳פּיסקעלע״ הייסט עס, איז געווען איבערגליקלעך, זי האָט געזען ווי די טענערקעס ווערן „צעפּערעט״ פון אירע נייעס און זי האָט געפילט אַזוי ווי אַ שטיין איז איר פון האַרצן אַראָפּ . . .

7/19/17

„אַ ייד אַ שיכור זאָל גע׳הרג׳עט ווערן״

(אַ גאַסן־בילד)

איך גיי מיר אַזוי אין העסטער פּאַרק און צייל די גרינע „גראָזן״, וואָס בליען דאָ אין פּאַרק אין די צענדליקער . . . פּלוצים דערזע איך ווי מענטשן לויפן צו נאָרפאָלק סטריט, פּונקט אַנטקעגן פּאַרק. מילא, מען לויפט — לויף איך אויך . . .

איך קום צו, איז שוין דאָ אַ היפּש רעדל פון כל המינים יידן מיט יידענעס אויסגעמישט, אַחוץ פּעדלערס מיט פּעדלערקעס, וואָס זופן „קאָווע״ פון גרויסע טעפּלעך און רופן קונים צו זייער וואָרע, וואָס באַשטייט פון אַלדאָס גוטס, פון געזייערטע אוגערקעס ביז זיי־דענע זאָקן, פיר סענט אַ פּאָר . . .

פון „רעדל״ טראָגט זיך אַ צוזאַמענגעמישט קול גלייך צום הימל אַרויף: „אַ ייד אַ שיכור זאָל גע׳הרג׳עט ווערן ״ . . .

איך כאַפּ אַ קוק אַרויף צום הימל, וואוהין דאָס קול טראָגט זיך, זע איך — דער הימל איז גאַנץ ריין, קוק איך צוריק אַראָפּ, זע איך — די סטריט קלינערס וואָלטן געמעגט ווערן אַביסל „ביזי״.

און דאָס מענטשן־רעדל ווערט גרעסער, מענטשן לויפן זיך צו־נויף, זיי ווילן נעבעך האָבן אַביסל פּלעזשור, שטופּן זיי זיך מיט זייערע עלנבויגנס איינס דאָס אַנדערע אין די זייטן אַריין, טרעטן זיך

אַפּ די בעסטע הינער־אויגן און דאָס קול טראָגט זיך אַלץ העכער:
„אַ ייד אַ שיכור זאָל גע׳הרג׳עט ווערן!״ . . .

קוים מיט צרות, איך האָב זיך אַריינגעקוועטשט אין סאַמע מיטן רעדל און כ׳האָב דערזען אַ יידן מיט אַ ברוין מאָגער פּנים, באַוואָקסן מיט אַ געל־גרוי שיטערער באָרד און וואָנצעס, די באָרד איז באַשפּיגן מיט זיין אייגענע און אויך מיט פרעמדע שפּייעכץ, קוים ער קען אויף זיינע פיס איינשטיין, שאָקעלט זיך, וואַרפט ארום מיט זיינע מאָגערע, שמוציקע הענט פון צעריסענע אַרבל אַרויס, און פון זיינע אויגן קייקלען זיך שיכורע טרערן איבער זיין פאַרזשאַווערט דאַר פּנים.

ער זידלט אַלעמען מיט שמוציקע ווערטער. פון ערגעץ פליט אים אין קאָפּ אַ פאַרפוילטער עפּל, וואָס ווערט צעקלאַפּט און פאַרשפּריצט עטלעכע פּנימער פון די אַרומשטייענדע. דער שיכור נעמט אַראָפּ די צעבראָכענע, פאַרשמוצטע הוט און רייניקט זי מיט זיין צעריסענעם אַרבל. די יידן אַרום אים שטופּן זיך, דאָס רעדל הוידעט זיך און אייניקע שרייען: „אַ ייד אַ שיכור זאָל גע׳הרג׳עט ווערן!״ . . .

איך גיי צו, נעם אָן דעם שיכור ביי דער האַנט, עס קומט מיר אָן שווער זיך דורכצושפּאַרן מיט אים דורכן מענטשן־רעדל וואָס צאַמט אונדז אַרום, אָבער דער עולם מיינט אַז איך בין אוודאי אַ דעטעקטיוו, מאַכט מען פּלאַץ און איך פיר זיך מיטן שיכור געאָרעמט. עס באַגלייט אונדז אַ ווילדער טומל מיט אַ הוראַ און ווידער הערט זיך דאָס געשריי: „אַ ייד אַ שיכור זאָל גע׳הרג׳עט ווערן!״ . . .

איך האָב דעם שיכור אונטערגעפירט אַ פּאָר בלאָק, אים געגעבן אַ ניקל און זיך געלאָזט אַוועקגיין, כאַפּט ער מיך אָן קושט מיינע הענט און צעוויינט זיך, מיט אַ הייזעריק גרילצנדיק קול.

— ברודער — זאָגט דער שיכור און וויינט מיט ביטערע טרערן — דו ביסט אַ דזשענטלמאַן, טהענק יו, איכ׳ל דיין ניקל איינפּריימען, גאָט בלעס יו. כ׳בין אַביסל שיכור, אָט ווי דו זעסט, האָב איך זיך פאַרטשעפּעט אין אַ ווייבערישער פּושקאָרט און בין געפאַלן. די פּושקאָרט איז נישט געפאַלן, מען האָט זי פאַרכאַפּט, איך בין געפאַלן. האָבן זיי זיך צעיושעט און מיך געוואָלט שלאָגן, אַ נס וואָס דו ביסט אָנגעקומען, גאָט בלעס יו. דיין ניקל וועל איך איינפּריימען . . .

אַצינד האָט ער שוין געהאַלטן מיך געאָרעמט און האָט מיך געפירט, ביז מיר זיינען צוגעקומען נאָענט צו איסט בראָדוויי. נעבן קאָרנעגיס לייברערי האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן די אייזערנע שטאַכעטן, מיך פעסט צוגעהאַלטן און וויינענדיק גערעדט צו מיר:

— איך בין שיכור. וואָס דען זאָל איך זיין ניכטער, ווען מיר די גאַל פּלאַצן. ווער ווייסט מיך באַגראָבן אין אַמעריקע? דעם זון

מיינער איז אַ באָם, עקסקיוז מי, כ׳מיין אַ באָס . . . סע פּאַסט נישט זיין טאַטן איך זאָל זיין ביי אים, ער וויל מיין פּנים נישט אָנקוקן. ס׳מזל אויף זיין טאַטן, ס׳ארא זון ער איז, קום איך נישט צו אים, קומען זאָל אויף אים אַ מיתה־משונה . . . אין דיינע יאָרן, מיין קינד, בין איך געווען אַ ליוועראַנט אין אַזיראַן. איך בין פון אזיראן, פון וואַנען ביסטו? נאָכדעם האָב איך אין ראָוונע געהאַלטן די זוואָזקא פון נייעם וואָקזאַל צו די קראָמען. דו קענסט זיך אָנפרעגן אויף פאַלעק טעליזשניק, וועט מען דיר זאָגן . . . ז׳מיין בן יחידל, מיין סינאָק, אַוועק קיין אמעריקע, איז געוואָרן אַ באָס און אַרויסגענומען גאָלדען אויך. זי איז מיין טאָכ־טער, גע׳הרג׳עט זאָל זי ווערן, זי איז מיין איינציק שטיקל קינד, וואָס כ׳האָב ליב, סקאָטינא . . .

ער צעוויינט זיך נאָך שטאַרקער און עס נעמט אַ פּאָר סעקונדן ביז ער קומט ווידער צו זיך. ער ווישט זיך מיט אַ צוגעמאַכטער האַנט די טרערן פון די אויגן און רעדט ווייטער:

— נו, וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, בין איך געקומען אַהער. דאָ בין איך געוואָרן אַ פּעדלער, האָט עס מיך גענודיעט. בין איך גע־וואָרן אַן עקספּרעסמאַן, כ׳האָב געוואָלט מיין שטיקל ברויט אַליין זיך פאַרדינען, איז מיין טאָכטער שפּעטער אַוועק פון מיר, סע פּאַסט איר אויך ניט אַזאַ טאַטע, כאַפּט זי דער רוח. אַוועק איז אַוועק, בין איך אַליין . . . אָבער כ׳האָב זי שטאַרק ליב, איז עס מיר דערגאַנגען צום האַרצן, האָב איך אַ שפּיי געטאָן אויף די צוויי רומקעס מיטן קאָפּ פאַרניטשע און בין אַוועק שלאָפן אין סטייבל. אָט אַזוי, ברודער, בין איך געוואָרן אַ שיכור. ווען מיינע זאָל געווען לעבן, וואָלט איך נישט באַדאַרפט גיין אין אַ סטייבל, אָבער זי איז נאָך אין דער היים אַוועקגעשטאָרבן, פאַר צרות, זאָגט מען, וואָס די קינדער זיינען אוועק. איר ז׳טאַקע בעסער פון מיר . . .

— פאַרוואָס זענט איר נישט ביי אייערע קינדער? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן — אייער זון, זאָגט איר, איז דאָך אַ באָס, און ווען איר זאָלט זיין אַ לייט, וואָלט געוויס אייער טאָכטער אויך געווען מיט אייך.

דאָ האָט זיך דער שיכור עטוואָס אויסגעגלייכט, זיין שיכור׳ער, צעבראָכענער טאָן האָט אין זיך אריינגענומען כעס און ער האָט מיר געענטפערט:

— סעי, דו ביסט אַ דזשענטלמען, אָבער איך בין נישט קיין גרינער, איך בין שוין איבער צען יאָר אין אַמעריקע, יו־נאָו. דו ביסט נאָקע א דזשענטלמען, אָבער, עקסקיוז מי, דו ביסט אַ יאָלד

. . . איך האָב אין מיין לעבן פון קיינעם קיין קיצבה נישט גענומען און כ׳וועל דאָס, אויף דער עלטער, פון מיין זון וודאי נישט נעמען!

ווען איך בין געווען יונג און מיין טאַטע איז געוואָרן אַלט, איז ער געווען ביי מיר. איך האָב געהאַט אַ ווייב מיט דריי קינדער — איינס איז ביי מיר געשטאָרבן — איך האָב אַליין געהאַנדלט, גע־וואַנדלט, כ׳האָב פאַרדינט געלט און מיין אלטער טאטע איז געווען ביי מיר. זיין דעה האָט געגילט איבער אלעמען און ער האָט זיך געפילט שטאָלץ. אָבער דאָ הי, אין אַמעריקע, איך זאָל זיין ערגעץ אין אַ פרעמדע רומקע און מיין זון זאָל באַצאָלן פאַר מיר דירה־געלט, מיר שענקען אַ נדבה ווי אַ שנאָרער, מיר גיבן קיצבה — ניעט, בראַט! איך בין פאַלעק טעליזשנעק, יו־נאָו, פרעג די קראָמען אין ראָוונע, ווער מען דיר זאָגן . . .

זעסטו, זי, גאָלדע, מיין טאָכטער, אָט, זי האָט געטאָן ווי אַ סקאַטינאַ. זי האָב איך ליב, זי האָט מיך ניט געדאַרפט לאָזן אַליין. אָבער זי איז ניט שולדיק, איר האָט אַן אומגליק געטראָפן . . . מיין סטייבלמאַנס זונדל האָט איר . . . און פאַר בושה איז זי ערגעץ אַוועק . . . פססט . . . דערפאַר האָב איך זיך אָן אים נוקם געווען, שששש . . . איך בין נישט אומזיסט געגאַנגען שלאָפן אין סטייבל. איך האָב דעם ממזר עטלעכע פערדלעך אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט . . . שששש . . . מאַך זיך נישט וויסנדיק דערפון, יו־נאָו, און כדי מען זאָל מיך ניט חושד זיין, האָב איך מיין אייגן פערדל אויך אַוועקגע׳סמ׳ט . . . אַצינד האָב איך גאָר ניט אויף דער וועלט, אַ חוץ דיין ניקל, וואָס דו האָסט מיר פריער געגעבן. ביסט אַ דזשענטלמען, איך וועל דיין ניקל איינפריימען . . . (קורצע פויזע) גיב מיר נאָך אַ ניקל, וועל איך האָבן אַ שנאַפּס פאַר אַ דיים . . .

8/31/16

באַשערט אַן אומגליק

(אַ פּאַרס)

הערט איר, יידן, די וועלט איז ניט משוגע. אַז ס׳איז באַשערט אַן אומגליק טרעפט עס אייך אפילו אין אַמעריקאַ . . .

איך בין שוין ב״ה מוהל אַ היבש ביסל יאָרן, אָבער אַזאַ נ׳אומ־גליק טרעפט זיך מיר דאָס ערשטע מאָל.

מיט אַ חדשים צוויי צוריק קום איך איינמאָל אַהיים פון אַ ברית־מילה, זאָגט מיין אידענע, אַז עפּעס אַן ערל וויל מיך זען, ער איז שוין געווען דריי מאָל און וועט באַלד ווידער קומען. מילא, זאָג איך,

ער׳ט קומען וועט ער זיין. איך נעם זיך נאָר „אָפּציהען״ דאָס מוהל־מעסער, אַהאַ, ער איז דאָ. אַ געזונטער יונגער שגץ מיט אַ פּעך־שוואַרצע טשאָפּרינע און פאַרליבטע אויגן ווי ביי אַ קאַץ.

— שלום עליכם, סיטדאַן, — בעט איך אים זיצן, — וואָס ווילסטו בחור׳על?

— סעי באָס, יו מעיקע דהי דזשו? — זאָגט ער, — מי וואָנע בי דזשו.

— האָסטו ליב געקראָגן דאָס יידישע פאָלק? — פרעג איך איהם.

— יעס, באָס, מי לאַיקע דהי דזשו גערל, — מאַכט ער, — שי נאָ מערי מי בעקאָס מי טאַליאַנע, מי וואָנע בי דזשו, קאָם אָן, מעיקעט באָס . . .

בקיצור, כ׳האָב געטאָן וואָס מען דאַרף און געמאַכט פון ערל אַ ייד כדת וכדין, ער׳ט אפילו גערדיגעט מיט די פיס פאַר גרויס נחת אָבער ס׳איז אַראָפּ בשלום און איך האָב געהאַט אי אַ מצוה, אי אַ פינפעריל. איך האָב איהם אַ נאָמען געגעבן אברהם דזשאָהן און ער איז זיך אַוועק אַ גליקליכער צו זיין געליבטער יידישער טאָכטער.

ס׳זיינען אַוועק אַ פּאָר וואָכן איך האָב שוין אין דעם געיידישטן ערל כמעט אין גאַנצן פאַרגעסן. איך האָב אַטענדעט צו מיינע ביזנעס, ווייל היינטיגע צייטן דאַרפט איר וויסן איז די „מילה״ ביזנעס „סלאָו, מען מוז זוכן קאָסטימער מיט ליכט, ווייל אונדזערע יונגע לייטלעך מיט די יונגע ווייבלעך קינדלען היינט מיט אַ חשבון . . . איינס אָדער העכ־טענס צוויי קינדער איז די סטייל, די רעשט זוכט מען „פעטענ׳ס״ פטור צו ווערן. און פון איין קינד צום צווייטן, אויב מען באַשליסט שוין יע האָבן אַ צווייטעס, מוז נעמען כאָטש פיר־פינף יאָר . . . זיינען טאַקע די ביזנעס „סלאָו״ און מען מוז וואַטשען אַ קאָסטימער און דערום האָב איך אָן דעם געיידישטן ערל שוין פאַרגעסן.

נאָר אַנומעלט, הערט אַ מעשה, בשעת איך זיץ מיר און לעז מיר אַזוי אַ ציטונג וואו מען אַדווערטייזט די חתונות און פאַרצייכן ביי מיר אין ביכל די אַדרעסן פון די פאַרלאָך, די צוקונפטיקע קאָסטימער, — קלאַפּט מען אָן אין טיר. „קאָם אין״, זאָג איך און קוק מיר אין ציי־טונג. קומט אַריין דער בחור מיט דער שוואַרצער טשופּרינע און ווייבע אויגן ברענען ווי דער עמוד האָש.

— שלום עליכם רב אברהם, זאָג איך, זייט מוחל, זיצט.

— דענקיו, — ברומט ער רציחה׳דיג, — מי וואָנע טעליעו סאַמ־טינג באָס.

— מהיכה תיתא, דערציילט — זאָג איך.

— יו מעיקע דהי דזשו, יעס? איך געווען טאַלענער, איך געליבט האָבן אַ שיני גערל, זי מיר געזאָגן, שי נאַ מערי מי בעקאָס איך נאַ דזשו, יעס? וועלל, איך געלאָזן דיר מאַכן מיר דזשו, יעס? טודעי, שי נאַ וואָנע מערי מי נאַ מאָר! שי קרייזי! מי נאַ קער, מי נאַ וואָנע בי דזשו נאַ מאָר, יו מעיקע מי בעק איטאַליאַן! . . .

— סטייטש, טענה איך און ציטער פון שרעק, רב אברהם וואָס הייסט?

מי נאַ קער אייברעהעם, — שרייט ער, — מי וואָנע בי דזשאָן!

— גאָט איז מיט איך, שטאַמעל איך, ווי איז דאָס מעגליך? פונקט ווי מען קאָן נישט אַ געקוילעטן אָקס לעבעדיג מאַכן, אַזוי קאָן מען איך ניט „מאַכן צוריק אַ גוי״? ס׳עפּעס אַ שפּילעכל? . . .

— ליסן באָס, ליסן טו מי — שיפּעט ער מיט רציחה — אויב דו נישט מאַכסט מיר צוריק טאַלענער, מי קילע יו דעד! — און ער כאַפּט מיין מוהל־מעסער און לאָזט זיך צו מיר נישט אויף קאַטאַוועס.

רבונו של עולם, — האָב איך גענומען שרייען, — וואָס איז דאָס פאַר אַ גזלן אין מיטן העלן טאָג!? שמע ישראל! . . .

— יו שיני לאַיער, האָט ער געשריען, מיך האַלטענדיג פאַר׳ן האַלז, דו מאַכסט נישט מיר צוריק טאַלענער, מי קילע יו דעד. גי מי בעק דהי מאָני!

— נאַ דיר, שריי איך, נאַ דיר די פינף דאָלער, אַבי לאָז מיך לעבן, רוצח איינער, נאַ דיר דאָס געלד!

— וואָט? יו בלאָפי מי עגען? — שרייט ער ווידער פאָכענדיג מיט׳ן מעסער אַקעגן מיין פנים — פינף דאָלאר דו מיר געבן? איך דיר געגעבן פינעף־צוואַנציג . . .

— סטייטש, טענה איך, דו האָסט מיר געגעבן נאָר פינף דאָלער!

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך מאַריך זיין, ס׳האָט מיר נישט געהאָלפן קיין שווערן זיך ניט ביי די קינדער און ניט ביי גאָט, עס איז געבליבן ווי ער האָט געוואָלט, איך האָב איהם אַוועקגעגעבן בלוטיגע פינף־און־צוואַנציג דאָלער מזומן און זיך קוים געראַטעוועט מיט׳ן לעבן. אַז ער איז שוין געווען אין טיר אַוועקצוגייען, דרייט ער זיך אום און זאָגט מיר אַ בשורה איך זאָל אָנגרייטן נאָך אַ פינף־און־צוואַנציגער פאַר איהם אויף נעקסטע וואָך . . .

האָב איך גענומען און אַוועקגעמופּט קיין בראָנזוויל און האַלט אין איין ציטערן ער זאָל נישט אויסגעפינען מיין אַדרעס . . .

אַז ס׳איז באַשערט אַן אומגליק הערט איהר, טרעפט עס אייך אפילו אין אַמעריקאַ.

7/17/14

יאָ פּסח אָדער נישט פּסח

שוין דער דריטער מיטינג, שוין די דריטע נאַכט ווי דער קאַמף ברענט און די פינפער קאָמיטע קאָן זיך נישט אייניקן, נישטאָ קיין „מאַדזשאָריטי" — צוויי זענען „דאַפיר", צוויי זענען „דאַגעגן" און דער פינפטער איז אַט „דאפיר" און אַט „דאגעגן" . . . ווי נאָר עס קומט צום „שטימען" איז נישטאָ קיין „מאַדזשאָריטי" . . .

דער טומל איז גרויס, דער ליאַרעם שפּאַלט די לופט, די דעבאַטע איז אַ הייסע, די פראַגע איז אַ ברענענדיקע, עס האַנדלט זיך: יאָ פּסח אָדער נישט פּסח? יונדיסטענד?

און די פינפער קאָמיטע האָט „פול פּאַוער" אין דער פראַגע, איר באַשלוס איז גילטיק פאר אלע מעמבערס פון אימקאקא", יעס, סער!

אָבער—סעי, אַלבעטשע איר ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן? איר טראַכט זיך אָוואַדע: וואָס באַלעבעטשעט ער? וואָס פאַר אַ פינפער קאָמיטע און וואָס פאַר אַן „אימקאקא" און וואָס האָט עס צו טון מיט פּסח?

אָ, זאָגט־זשע אַזוי, וואָס־זשע שווייגט איר? אַט וועל איך עס אייך שוין עקספּליינען, דזשאַסט ליסן:

„אימקאקא" איז אַ ניי יידיש וואָרט אַזאַ, עס מיינט: „אידישע מאָדערנע קולטור און קונסט אָרגאַניזאַציע", יו סי? נאָר פאר שאָרט איז בעסער „אימקאקא"... וועל, דער הויפּט פּרינציפּ פון „אימקאקא" איז: יעדער מעמבער האָט אַ רעכט אויף זיין מיינונג און מאַדזשאָריטי רולס... ווען סע מאַכט זיך עפּעס אַ ספּעציעלע פראַגע, דערוויילט מען אַ ספּעציעלע קאָמיטע, אַמאָל איז די קאָמיטע מיט „פול פּאַוער" און אַמאָל נישט... אָבער די היינטיקע, די פינפער קאָמיטע, איז אַבסאָלוט מיט „פול פּאַוער."

עס האָט געמוזט אַזוי זיין.

ווען די פראַגע וועגן פּסח איז ביים מיטינג אַרויף אויפן „טאָג־אָרדער" איז שוין געווען אָט־אָט, דאָס הייסט, לויט דעם אַלטן קאַלענדאַר, טאַקע באַלד־באַלד פּסח. נו, אַזוי ווי „אימקאקא" האָט ביי יענעם מיטינג גענומען אין „אומבאַטראַכט": „יאָ פּסח אָדער נישט פּסח" און אַזוי ווי מען האָט בשום אופן ניט געקענט קומען צו א באשלוס, דערפאר האָט מען עס דערוויילט די 5ער קאָמיטע מיט „פול פּאַוער"—צו סעטלען די פראַגע . .

איצט איז שוין די דריטע נאַכט ווי די קאָמיטע מיטעט און קאָן זיך נישט אייניקן — יאָ פּסח אָדער נישט פּסח?

דער טראָבל איז דער ברודער יונה.

די צוויי ברידער, וועלכע זיינען „דאפיר", שרייען:

—פסח, זמן חרותינו, אַ יום־טוב פון באַפרייאונג. מיר, די מעמ־בערס פון „אימקאקא״, זיינען יידן, עס איז אונזער יום־טוב, מיר זענען אומפּאַרטייאיש, מיר ווילן זיך אַמוזירן מיט פּסח, מיט אַ סדר מיט אַ סאַפּער, מיט אַ טראַדיציע, מיט עווריטינג! מיר קאָנען דען טשענדזשען דעם לוח? דער לוח זאָגט אַז דעם און דעם דאַטום איז פּסח — און דאַצאַל, דאַרפן מיר פייערן אונזער יום־טוב פּסח!

די אַנדערע צוויי ברידער, וועלכע זענען „דאַגעגן״, שרייען:

—טראַדיציע, און טאָקע וויל טראַדיציע, טאָקע דזשאַסט ביקאָז טראַדיציע איז דאָס אַ פינצטערע זאַך! אַ רעגעלע פאַיזן! מיר, די מעמ־בערס פון אימקאקא״ זענען יידן, שור, אָבער טאָקע בעקאָז מיר זענען יידן, דאַרפן מיר נישט פייערן קיין פּסח, קיין סדר מיט די אַלע אַנדערע נאַנסענס, דאַצאַל!

זענען, הייסט עס, צוויי „דאַפיר״ און צוויי „דאַגעגן״, נאָר ברודער יונה, דער פינפטער פון דער 5־ער קאָמיטע, שרייט זיי אַלעמען איבער:

—וואַרט אַ ווילע, ברידער, וואַרט! די פראַגע איז: יאָ פּסח אָדער נישט פּסח! מיר דאַרפן דאָס באַשטימען! איך בין, פונקט ווי איר, אַ מיטגליד סיי אין „אימקאקא״ און סיי אין דער 5־ער קאָמיטע! קיינער אין דער וועלט קאָן ניט פאַרגוואַלטיקן מיין מיינונג! וועל! איך צאָל דיוס! נון, לאָמיר זען די אוניווערסאַלע מאָטיוון פון דעם אַלטן פּסח און די קאָנסעקווענצן פאַר דער יידישער מאָדערנער קונסט און קולטור! וואָס זענען מיר אַלזאָ? ווען ניטשע האָט געשריבן דעם „זאַראַטוסטראַ״, האָט זיך דער גאַנצער קאָסמאָס אַ שאָקל געטאָן! עס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַן אינסטינקטיווע קאָנוואולסיע! דער פּאַראַלעל פון דאָן קיכאָטישער אידעאָלאָגיע ביז דעם שוואַרצן טיראַן אָטעלא איז דאָך, אַזוי צו זאָגן, ווי די קאָלירן פון רעגנבויגן ביז אַ געלן קאָטער!

—נון, מיינע ברידער, איז די פראַגע: יאָ פּסח אָדער נישט פּסח! באַטראַכטן מיר דאָס אינם, אַזוי צו זאָגן, ליכט דער מענטשהייט, איז דאָס באַגרייפלעך, אַז אונזער געזעלשאַפט, אונזער „אימקאקא״, זאָל יאָ פייערן פּסח, יאָ פייערן דעם סדר, זאָגאַר מיט כרעמזלעך, מיט קנייד־לעך, מיט וויין און מיט אַ העסעב־בעט! פאַרוואָס נישט? צערעמאָניאַל איז דאָך עס אַ גראַנדיעזער בילד! אַ ספּעקטאַקל! און ספּעקטאַקל האָט אין זיך עטוואָס פּאָעזיע צו יעדער צייט, ספּעציעל פּסח־צייט! אָבער, מיינע ברידער! באַטראַכטן מיר דעם פּסח פון דער צוויי־טער זייט, פון דער אַבסטראַקציע, פון, אַזוי־צו־זאָגן, דעם יידישן בירגערטום, דאַן זעען מיר אַז פונקט ווי היינע איז געווען גאַנץ פאַר־שידנאַרטיק פון טאָלסטאָין, אַזוי איז איינשטיין קאָנטראַסטירט פון

מעטערלינק און בערנארד שאו! די עמאָציעס וואָס מאַניפעסטירן דעם פולס פון אונזער געזעלשאַפט, פון „אימקאקא", מאַכן אונז, דעם 5־ער קאָמיטעט, דאָפּעלט פאַראַנטוואָרטלעך ווען מיר גייען באַשטימען אָט־די ערנסטע פראַגע; יאָ פּסח אָדער נישט פּסח! דאָס איז מיין אויפ־ריכטיקע מיינונג!

די נאַכט וואַרט נישט. עס איז שוין נאָך 2 פאַרטאָג, אָט־אָט און דער פּסח איז שוין דאָ, די 5־ער קאָמיטע פון „אימקאקא" איז שוין באלד אָן כוחות דיסקוטירנדיק. די צוויי וועלכע זענען „דאפּיר" און די צוויי וועלכע זענען „דאַגעגן" שרייען צוזאַמען צום פינפטן, צום ברודער יונה:

— נו, זאָגט שוין אַמאָל, צי זענט איר „דאַפּיר" אָדער „דאַגעגן"? לאָמיר שוין אַמאָל סעטלען די פראַגע: יאָ פּסח אָדער נישט פּסח?

אָבער דער ברודער יונה איז אַ געטרייער מעמבער פון „אימקאקא", אַ געוויסנהאַפטער מעמבער איז ער, אַבסאָלוט אַ געוויסנהאַפטער מעמ־בער, און ער שרייט:

— צי קאָן איך דען נעמען אויף מיין אומפּאַרטייאישן געוויסן אַזאַ אייביקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, צו באַשטימען: יאָ פּסח אָדער נישט פּסח?! אמת טאַקע, דער „לוח זאָגט" אַז ס'איז פּסח, אָבער דער לוח איז דען מאָדערן? און וואו איז דער אינטעלעקט? וואָס האָט איבערהויפּט דער לוח צו זאָגן אין אונזער מאָדערנעם לעבן! דער לוח איז דען אַ מעמבער אין דער „יידישער מאָדערנער קולטור און קונסט אָרגאַניזאַ־ציע? טאַקע דיזעלבע אָרגאַניזאַציע וואָס איז באַרימט מיט איר נאָמען „אימקאקא" . . . ניין, יונה איז נישט קיין לוח, יונה איז אַ קול־טור־מענטש, יונה קאָן נישט באַשטימען: יאָ פּסח, אָדער נישט פּסח!

און די 5ער קאָמיטע פון „אימקאקא" מיטעט נאָך אַלץ, ווייל אַז סע קומט צום שטימען איז נישטאָ קיין „מאַדזשאָריטי", און אָן אַ מאַ־דזשאָריטי קאָן מען נישט באַשליסן: „יאָ פּסח אָדער נישט פּסח"— מאַדזשאָריטי רולס . . .

3/30/34

מיין צוואה

(אַזאַ מין פעליעטאָן, ניט פאַר אייך געדאַכט)

היינט, אין חודש מאַי, אין שטאָט לאָס אַנדזשעלעס, בין איך פון־דעסטוועגן ביים קלאָרן פאַרשטאַנד און איך שרייב מיין צוואה . . .

איך וויל האָפן אַז מיין לעצטער וואונש וועט פּינקטליך דורכ־געפירט ווערן.

און אָט איז וואָס איך וויל:

איך וויל אז מיין גאַנץ פארמעגן וואָס וועט בלייבן נאָך מיין טויט, הן אין מזומן (קעש) הן אין חפצים (פּראָפּערטי) זאָל אַוועקגעגעבן ווערן פאַר צדקה צו ארימע לייט. איך בין זיכער אז מיינע יורשים, דאָס הייסט, מיין ווייב און קינדער, וועלן האָבן נחת דערפון ווייל, טאַקע — פּאַרוואָס זאָלן ארימע לייט, נעבעך, זיך ניט מוטשען מיט מיין פארמעגן, אָט פונקט ווי עס מוטשען זיך מיין ווייב מיט אונזערע קינ־דער? . . .

איך וויל אז מען זאָל מיך באַגראָבן אויף א יידישן בית עולם, צווישן יידן, ווייל איך בין געוואוינט דערצו, מיין גאַנץ לעבן בין איך מיט זיי אינאיינעם געלעגן אין דרערד . . .

איך וויל אז מיין לויה זאָל זיין א פּשוטע, מען זאָל ניט מאכן קיין סך „עקספּענסעס", ס'וועט סיי ווי זיין שווער צונויפקלייבן די פּאָר דאָלער פארן אנדערטייקער און קיין „אונטערנעמונג" קען מען ניט מאַכן ווייל אלע יידן אין לאָס אנדזשעלעס טראָגן זיך ארום מיט אלערליי בילעטן פאר אלערליי אונטערנעמונגען . . .

איך וויל אַז מיין לויה זאָל זיין אָן שום „צערעמאָניעס", ווי עס איז דער מנהג אין לאָס אנדזשעלעס, וואָס נאָר עפּעס — איז באלד א צערעמאָניע, א ספּעקטאַקל, מיט „ספּיטשעס", מיט דרשות . . . אז איך דערמאָן זיך אין אָט די ספּיטשעס פאַרגייט מיר דער חשק פון שטאַרבן אין לאָס אַנדזשעלעס . . .

אָט, שטעל איך זיך פאָר, בין איך טאַקע דאָ געשטאָרבן און די עלעקטרישע מנורה אין גלאזבאנד'ס טשאַפּעל שטייט צוקאָפּענס ביי מיין טויטן־קאסטן, אין זאָל א היבשער עולם פון פריינט, צו א טויטן איז יעדער א פריינט . . . מען דערציילט זיך דזשאָוקס, מען לויבט מיך אין הימל אריין, מען זאָגט אז איך בין געווען א קינסטלער אויף צו מאַכן זיך שונאים, נאָר איך בין קיינעם ניט געווען קיין שונא. איך האָב גלאַט פיינט געהאַט, זאָגט מען, קליינע גרויסקייטן און גרויסע קליינליכקייט . . . פּלוצים ווערט שאַ־שטיל און נעבן קאסטן, אין וועלכן איך ליג א טויטער, טרעט אויף א „ראבאַי"; מאַינד זשע, ניט קיין רב נאָר אַ „ראַבאַי" און אָט דער „ראבאַי", כאָטש אין א שוואַרצן פּרינץ־אלבערט, זעט אויס ווי דער אָקס אויף די אדווערטייזמענטס פון „בול־דורהעם" טאַבאַק און אַ שטימע האָט ער ווי „דיוקס־מיקסטשור" . . . ער האַלט א שווארץ ספר'ל אין האַנט, ער גלייכט זיך אויס דעם שניפּס און הויבט אָן זיין „פּרעיער", דאָס הייסט, א הספּד אויף מיר. ער זאָגט א פּסוק אין „היברו", קוועטשט זייער שטאַרק די לעצטע זילבע פון יעדן וואָרט און פארטייטשט עס באלד — אויף ענגליש . . .

זאָגט ער, דער „ראַבאַי":

— „מוק־צע הו־אוי־לאם וע־אד קוצע־הו" — „פראָם וואָן קאָר־נער אָוו דיס יוניוואָירס אָפּ טו די אַדער קאָרנער; ענד אָל די קאָרנערס אָוו דיס יוניוואָירס". . .

איר הערט א שפּראַך? קאָרנערס! געווען מסתמא א פּעדלער און די פּאָליס האָט אים געטריבן פון די „קאָרנערס", נו, קומט ער איצט אלס „ראבײ" און לאָזט עס אויס צו מיר אין א „פּרעיער", א הספד, הייסט עס, און איך ליג ווי א געלײמטער אין קאַסטן און מוז שווייגן . . . איך מוז, ווי זאָגט מען, ליגן איינגעלייגט . . . זיינע ווערטער אין זיין טערקישן ענגליש פאַלן אויף מיין קאַסטן ווי ווערעמדיקע אַרבעס און איך הער ווי ער זאָגט אז איך בין געווען א „האָט דזשו", א הייסער איד, הייסט עס; אז „די מאָדער־לענגווידזש" איז געווען מיין „פּיוואָר־איט", אז איך האָב ליב געהאַט אונזער מאמע־לשון, הייסט עס; אז איך בין געווען „ע פאיטער פאָר די דזשואיש ליטערעטשור", א קעמפער פאר דער יידישער ליטעראַטור, הייסט עס; און ער חזר'ט איבער: „ען האָנעסט פאיטער!"

איך בין שטאַרקער פון אייזן אז איך ליג אין אין קאַסטן . . . פּלוצים דערהער איך ווי מיין קליין מיידעלע, מיין מוזינקעלע, זאָל מיר זיין געזונט, זי פּאַרשטייט דוקא יידיש נאָר זי רעדט ענגליש, איך הער ווי זי זאָגט צו דער מאַמען, צו מיין אַרימער אלמנה נעבאַך:

— מא — זאָגט מיין קינד — מא, וואָז דעדי ע פאיטער? וואטץ די מעטער וויטה דיס ראבאי, הי איז נאַטץ . . .

— וואָס „פאיטער", ווער „פאיטער" — ענטפערט שטיל מיין אַרי־מע אלמנה און ווישט זיך די אויגן — אַט דער ראבאי זאָל אזוי כוח האָבן צו רעדן נארישקייטן ווי דיין טאַטע האָט כוח געהאַט זיך צו פאיטן מיט אימיצן . . .

און, קוקענדיג צום קאַסטן, זאָגט מיין אלמנה גאַנץ שטיל:

— מאישע, מיין אָרימער מאישע, דו הערסט כאָטש וואָס דער אידיאָט זאָגט וועגן דיר?

— איך הער, טאָלצע, איך הער, איך וועל באלד נעמען דאָס וואָרט און — נאָר איך דערמאָן זיך אז איך בין טויט און פאר א טויטן איז בעסער אז ער שווייגט, ער מאַכט זיך אַ סך פריינט מיט שווייגן . . .

ווען אַט דער „ראבאי" הערט ענדליך אויף צו „ספּיטשען", גייט ער אָפּ פון ארון און זיין האנט איז אנגעגרייט צו קריגן א טשעק . . .

באלד קומט צו א ייד וואָס זעט אויס ווי ער וואָלט באשאפן גע־וואָרן פון בוימאייל, א בוימאייל־ייד . . . רעדן רעט ער אויך בוימ־אײלדיק און א קול האָט ער וואָס דערמאָנט מיך אין מיינע אינגעל־יאָרן. ווען איך בין געווען אַ קליין אינגל און די מאַמע מיינע האָט

„אוועקגעלייגט" געגז, פאר שמאלץ אויף פסח, פלעג איך אוועקשלעפן א געדגעלע פון אזא געקוילעטע גאַנז, פלעג עס אָנבלאָזן און עס אָפּ־לאָזן, האָט עס געפּישטשעט מיט אַזאַ קול ווי אָט דער בוימאייל־ייד רעדט זיין דרשה ביי מיין טויטן צוקאפּענס . . .

— חברים! — רעדט דער בוימאייל־ייד צום עולם און קוקט צו דער סטעליע — חברים, א מענטש, א נאָבעלער מענטש, איז גלייך צו א בלום, א נאָבעלע בלום! אָט פונקט ווי די נאָבעלע בלומען דופטן מיט דופטיגקייט אָט פונקט אזוי, חברים, דארפן מיר קעמפן פאר א נאָבעלן דופטיגן לעבן! חברים! אַז מיר גייען אַמאָל ארויף אויף דעם הר ווילסאָן — אָדער, ווי די נאָרדיקער פון דאָס אמעריקאַנישע פאָלק רופט אים אָן סטיכיש, „מאונט ווילסאָן" — וואָס זעהן מיר? וואָס זעהן מיר אויף דעם היכן הויך פון בארג ווילסאָן? איך זאָג אייך, חברים, אַז מיר זעהן דאָרט ווי די זון, די העלע זון, ליכטיגע זון, די גיגאַנ־טישע זון, די קאָסמישע זון — טוקט זיך, טובלט זיך, טונקט זיך, ביזקעלעוואנען זי זעצט זיך, גייט אונטער און פארגייט; וואָס פאר א פרעכטיג בילד, א הייליג בילד, א געטליך בילד, א נאָבעלע קארטינע! מיר שטייען, חברים, אויפן שפּיץ בארג און מיר זעהן ווי די זון פאר־גייט אין טאָל! . . . עהרע זיין אַנדענקען! . . .

— מאַ! — הער איך ווידער ווי מיין קינד רעדט צו מיין ווייב, מיין ארימע אלמנה נעבאך — מא, מאָסט יו גאָ אָפּ אָן מאונט ווילסאָן טו סי די סאָן סעט? קענט יו סי די סעים טהינג אין די בעק יאַרד? וואַטץ די מעטער וויטה דיס גאַי? הי איז אלסאָ נאַטץ! . . .

— שאַ מיין קינד — ענטפערט שטיל מיין אלמנה, קוקט צום ארון און שעפּטשעט: — מאַישע, מיין ארימער מאַישע, דו הערסט כאָטש ווי ער האָט עס „צענאָבעלט" נעבן דיין טויטן קערפער? און דו שוויגסט, מאַישע?

— ניין, טאָלצע, איך שוויג ניט, איך לאַך, ס'שטעכט מיר שוין אין די זייטן פון לאכן; ערגער דיך ניט מיין ליבע, אָט דער ייד איז נעבאך אן אומשולדיקער, ער קריכט אויף מאונט ווילסאָן, ווייל ער וויל זיך „ארויסזעהן", ערגער דיך נישט, לאַך בעסער — אזוי וויל איך ענטפערן מיין אלמנה נעבאך, נאָר איך דערמאן זיך אז ס'איז מיין לויה, מיין פיונעראל, און ס'פּאסט ניט מיין ווייב זאָל לאכן . . . שווייג איך און שטיק זיך אליין פון געלעכטער . . .

נאָך דעם בוימאייל־ייד רעדן נאָך עטליכע חברים, יעדערער אויף זיין שטייגער און לשון. איינער פון די רעדנער פאלט אפילו צו מיין ארון צו און שרייט אריין צו מיר:

— מיין טייערער פריינט מאָישע, זיי געזונט! געשטאָרבן איז בלויז דיין קערפּער, אבער דיין גייסט לעבט און וועט אייביג לעבן! ווייל דזשאָסט ווי א בוים ווערט אָפּגעהאקט און פון די ברעטער ווערט באַשאפן א בעט, א טיש, א טשער, א ווינדאָו־פריים, יעס, א ווינדאו איז דער פּיאָנער פון ליכט פאר א בעסערן מאָרגן. זיי געזונט און לעבע וואהל!

— טהענקס — וויל איך ארויסשרייען פון „באקס”, אָבער איך הער ווי מיין קליין מיידעלע רעדט ווידער צו דער מאַמען:

— מא, דיס מען סעד „זיי געזונט” טו דעדי, איז דעדי עלאיוו? וואָטץ די מעטער וויטה דיס באָנטש, אַר דעי אָלל נאָטץ? . . .

— שאַ מיין קינד — זאָגט שטיל מיין אלמנה — זיי זיי מוחל, דיין טאַטע איז זיי אויך מוחל . . .

יאָ, מיין ווייב, דו ביזט גערעכט, איך בין זיי מוחל. דערפאר טאַקע האָב איך היינט, אין חודש מאי, אָנגעשריבן מיין צוואה, ווייל אז איך דערמאן זיך אין אָט די „ספּיטשעס” ביי מיין לויה, פארגייט מיר דער חשק צו שטאַרבן אין לאָס אנדזשעלעס . . .

וויל איך שוין בעסער לעבן אין לאָס אנדזשעלעס.

אינהאַלט

א. יובל מאַטעריאַלן

מאקס באנד — אליהו טענענהאָלץ (צייכענונג)...........3
דער אליהו טענענהאָלץ יובל־קאָמיטעט (בילד)...........4
יוסף שפּיגעלמאַן — „אַ פּאָר ווערטער פון פּאָרזיצער"....5
זלמן זילבערצווייג — „דער בעל היובל" 6
טעאַטער־גרופּע צו שלום עליכמס „גאָלדגרעבער" (בילד)...8
שלום פּערלמוטער — „אליהו טענעהאָלץ" 18
יואל ענטין — „א. טענענהאָלץ, דער פּאָרלעזער
און דער אקטיאָר" 22
ה. לאנג — „זונטיק, פופציק יאָר צוריק"..............41
יודל דובינסקי — „פון אַ חבר צו אַ חבר"...........47
בעסי טאמאשעווסקי — „די קאזיאָנע באָרד"...........52
מאָריס שווארץ — „מיין קאָלעגע טענענהאָלץ"..........56
אסתר שומיאטשער־הירשביין — „פאַרוואָס אַ יובילייִ?"....59
ה. לייוויק — „קינסטלערישע באַגייסטערונג"...........64
צילי אדלער — „זכרונות פון אַ הערלעכן פּעריאָד" 65
א. לוצקי — „אַן אדערויף אויף אַ פּאָרטרעט" 66
שרה האמער־דזשאקלין — „פון אַמאָליקן אַמאָל..."........67
חיים עהרענרייך — „אַ קול פון ניו יאָרק"............71
יוד לאמעד מאלאמוט — „פון דעם פּראגרעסיוו
דראמאטיק קלוב ביז האליוואוד"................74
י. פרידלאנד — „אליהו טענענהאָלץ און דער לאָס
אנגעלעס יידישער קולטור קלוב"................77
א. באביטש — „באַלד פופציק יאָר אויף דיזעלבע וועגן"....80
מרדכי מייזעל — „טענענהאָלץ און די ליבהאָבער־
קרייזן אין לאָס אַנגעלעס"..................84
מאקס באנד — „וואָס טוסטו אין מאָנראָוויא,
אליהו, מיין פריינט?"......................88

ג. טראַפּנס טינט פון אליהו טענענהאָלצס שרייב־טיש

1) „די זון פאַרגייט"

קאָמעדיע פון גוסטאוו האיד 140

2) טעאַטערייען

אַדלער'איזמען 166
אַ קרבן פון „סטיידזש קינדער" 170
„שיר השירים" 173
פסיכאָלאָגיש 175
„אַ גוטע פלעי" 177
מאָדנע 180
טעאַטער העלדן 182
„סאַקסעס" 185
„קאָף־דראַמע" 187
פאַרלוירן אַ פּאַטריאָט 190
די קאמפּינסקי „טריאָ" 192
אָט דאָס איז אַ לשון 194
דער נישט געקוקשטער קוש 197
„זאַנע־מאַנע־דאַנע" 200

3) פעליעטאָנען

מיינע טשיקנס 204
„ס'פּיסקעלע" 207
„אַ ייד אַ שיכור זאָל גע'הרג'עט ווערן" 211
באַשערט אָן אומגליק 214
יאָ פסח אָדער נישט פסח 217
מיין צוואה 219

נ. ב. שפּעט אָנגעקומענע באַגריסונגען צו טענענהאָלצס יובל:

דזשעק בובאָר און פרוי
סעמועל פּענזיק און פרוי

OXFORD PRESS